STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05550

GEZAMELTE DRAMEN

Henrik Ibsen

Permanent preservation of this book was made possible
by Judie Ostroff-Goldstein
in memory of
the Jews of Ostrow Mazowiecka

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הענריק איבסען

געזאַמעלטע דראַמען

העדדאַ גאַבלער
דער בוימייסטער

פערלאג: מייזעל עט קאמפ.
422 גרענד סט.
ניו יאָרק.

Copyright, 1910, by
Maisel & Co., New York.

העדדאַ גאַבלער

איבערזעצט פון א. ים.

פערזאָנען:

זשאָרזש טעסמאן.

העדדא טעסמאן, זיין פרוי.

פריילין יוליא טעסמאן, זיין טאַנטע.

פרוי עלוואסטעד.

ריכטער בראַק.

עילערט לאוובארג.

בערטא, א דיענסט ביי די טעסמאנס.

האַנדלונגס־פּלאץ אין טעסמאַן׳ס וויללאַ, אין מעריב־טייל
פון קריסטיאנאַ.

ערשטער אַקט.

אַ געראמער, שעהנער און געשמאקפול־מעבלירטער זאַאַל, דעקאָרירט אין טונקעלע קאָלאָרען. צום הינטערגרונד, אַ ברייטער דורכגאַנג, בעהאַנגען מיט פונאַנדער־געעפענטע גאַרדינען, וואָס פיהרט צו אַ קלענערן צימער, דעקאָרירט אויפ'ן זעלבען אַרט ווי דער זאַאַל. אין וואַנט, רעכטס פון זאַאַל, א רוק־טיר וואָס פיהרט צום קאָרידאָר. אין דער וואַנט אַנטקעגען, לינקס, א גלעזערנע טיר אויך בעהאַנגען מיט פונאַנדער־געעפענטע גאַרדינען. דורך די שויבען זעהט זיך א טייל פון דער ווערַאנדאַ אין דרויסען, און בוימער בעדעקט מיט הערבסט־בלעטער. א האַלברונדער טיש, בעדעקט, מיט שטוהלען ארום, שטעהט גאַנץ פון פאָרענט. ביי דער רעכטער וואַנד שטעהט א ברייטער אויוועז פון דונקעלען פאָרצעליי, אַ לעהן־שטוהל, אַ וויכער פוס־האַלטער און צוויי פוס־ביינקלעך. אַ קושעטקע מיט א קליין רונד טישעל פון פאָרענט פערנעהמט דעם פאָדערסטען ווינקעל רעכטס. פון פאָרענט לינקס, עטוואָס אָבגערוקט פון וואַנד, שטעהט אַ זאָפאַ. ווייטער אַוועק פון דער גלעזערנער טיר שטעהט אַ פּיאַנאָ. אויף יעדער זייט פון'ם דורכגאַנג אַן עטאַזשערקע מיט טעררא קאטטא און מאַזשאָליקא קונסט־זאַכען. — ביי דער הינטערסטער וואַנד פון מיטעלצימער, אַ זאָפאַ מיט אַ טיש און אַ פּאָר שטוהלען. איבער דער זאָפאַ הענגט א פּאָרטרעט פון אַ בילד־שעהנעם, עלטערען מאַן אין אַ גענעראַל'ס מונדיר. איבער'ן טיש איז א הענג־לאָמפּ מיט אַן אַבאַזשור פון אָפּאַל־גלאָז. אין זאַאַל שטעהען אויסגעפּוצט אייניגע בוקעטען אין וואַזאָנען און גלעזער. אַנדערע ליעגען אויפ'ן טיש. די דיעלען אין בײדע צימערן זיינען בעדעקט מיט דיקע טעפּיכער. פריהמאָרגען ליכט. די זון שיינט אריין דורך די גלעזערנע טיר.

פרײלין יוליאַנאַ טעסמאַן, אין הוט און מיט'ן זונען־שירם אין האַנד, קומט אַרײן פון קאָרידאָר, הינטער איהר געהט בערטאַ, וועלכע טראָגט אַ בוקעט אײנגעוויקעלט אין פאַפּיער. פרײלין טעסמאַן איז אַ ליעבליכע דאַמע מיט אַן אַנגענעהמען אויסזעהן, ארום פינף און זעכציג יאָהר אַלט. זי איז נעט אָבער אײנפאַך געקלײדעט אין אַ גרויען גאַס־קאָסטיום. בערטאַ — אַ מיטעל עלטערליכע פרוי, אײנפאַך און עטוואָס דאָרפיש אין איהר בענעהמען.

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: (שטעלט זיך אָב האַרט ביי דער טיר, האָרכט זיך צו און זאָגט שטיל) אויף מיין וואָרט! מיר דאכט אז זיי ריהרען זיך נאָך ניט.

ב ע ר ט א: (אויך שטיל) איך האָב דאָך אייך געזאָגט, פריי־לין. פערגעסט ניט ווי שפּעט די שיף איז אָנגעקומען לעצטע נאכט. היינט, ווען זיי זיינען אָנגעקומען אַ היים! ליעבער גאָט, וויפיעל פּעק די יונגע באַלעבאָסטע האָט געמוזט פונאַנדער פּאַקען איידער זי האָט געקענט געהן שלאָפען!

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: נו, נו, לאָזען זיי זיך אויס־שלאָפען. מען דאַרף נור זעהן זיי זאָלען דאָ קריגען עפּעס אַ ביסעל פרישע מאָרגען־לופט, ווען זיי וועלען אויפשטעהן.

(זי געהט צו און עפענט אויף די גלעזערנע טיר.)

ב ע ר ט א: (שטעהט ביי'ם טיש און וויים ניט וואָס צו טהון מיט'ן בוקעט וואָס זי האַלט אין האַנד) אזוי וואהר איך לעב, דאָ איז שוין גאָר קיין פּלאַץ ניט געבליבען. איך רעכען, איך וועל עס אוועק־שטעלען אָט דאָ, פריילין. (זי שטעלט עס אַוועק אויפ'ן פּיאַנאָ.)

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: נו, האָסט שוין איצט אַ נייע באַלעבאָסטע, מיין ליעבע בערטאַ. און גאָט וויים ווי שווער מיר איז געווען זיך צו שיידען מיט דיר.

ב ע ר ט א: (וויל זיך צעוויינען) און איהר מיינט, אז מיר איז עס ניט שווער געווען, פריילין? נאָך די אַלע געבענשטע יאָה־רען, וואָס איך בין געווען ביי אייך און פריילין רינא.

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: מען מוז נעהמען ווי עס געהט,

בערטא. אנדערש האט מען ניט געקענט מאכען. זשארזש, פערשטעהסטו, קען אהן דיר ניט אויסקומען — ער קען אבסאלוט ניט. ער איז אזוי געוועהנט דו זאלסט ארום געהן ארום איהם, זינט ער איז געוועזן א קליינער אינגעל.

ב ע ר ט א: אך, פרייליין יוליא, איך קען אבער ניט פערגעסען אז פרייליין רינא ליעגט נעבאך הילפלאז אין דער היים, און האט נור די נייע דיענסט־מיידעל ארום זיך. יענע וועט זיך קיינמאל ניט אויסלערנען ווי ארומצוגעהן ארום א קראנקע.

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: אה, איך וועל שוין זעהען זי אויסצולערנען. און, פערשטעהסטו, דעם גרעסטען טייל וועל איך נאטירליך נעהמען אויף זיך. דו דארפסט ניט זיין אונרוהיג וועגען מיין ארימער שוועסטער, מיין ליעבע בערטא.

ב ע ר ט א: יא, דא איז אבער נאך עפעס אנדערש, פרייליין. איך בין אין איינע ציטערניש טאמער וועל איך ניט קענען האווירען דער יונגער באלעבאסטע.

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: אה, נו, די ערשטע צייט קענען פארקומען אזעלכע זאכען —

ב ע ר ט א: זי וועט מסתמא זיך פיהרען געפעהרליך גרויסארטיג.

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: נו, אויף דעם דארפסטו זיך ניט וואונדערן — גענעראל גאבלער'ס טאכטער! בערעכען צו וואס פאר א סארט לעבען זי איז געוועזן געוועהנט אין איהר פאטער'ס צייט. געדענקסטו ווי מיר פלעגען זיי זעהן רייטענדיג אראב גאס צוזאמען מיט'ן געגעראל? אין דעם לאנגען שווארצען רייט־קאסטיום, מיט פעדערן אין איהר הוט?

ב ע ר ט א: יא, געוויס — איך געדענק עס שוין גוט! אבער דו ליעבער גאט, מיר וואלט זיך קיינמאל ניט גע'חלום'ט דאמאלס, אז זי און דער יונגער זשארזש וועלען זיין א פאאר.

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: מיר אויך ניט. אבער גוט וואס ס'איז געקומען צו רייד, בערטא, גראד בעת עס איז מיר ארויף

אויפ׳ן זין — אין דער צוקונפט זאָלסטו מעהר ניט זאָגען דער יונגער זשאָרזש. דו מוזט זאָגען דר. טעססמאן.

בערטא: יאָ, די יונגע מאַדאם האָט שוין אויך גערעדט וועגען דעם — נעכטען ביי נאכט — דיזעלבע מינוט ווי זיי זיינען נור אריינגעקומען אין שטוב. איז עס טאקע אמת, פריילין?

פריילין טעסמאן: יאָ, אודאי איז עס אמת. שטעל זיך דיר פאָר, בערטא — אַ אוניווערזיטעט אין אויסלאַנד האָט איהם געגעבען דעם טיטול דאָקטאר — בעת ער איז געווען אויף דער רייזע, פערשטעהסט. איך האָב קיין וואָרט ניט געוואוסט וועגען דעם, ביז ער האָט עס מיר אליין דערצעהלט ארונטערגעהענ־דיג פון שיף.

בערטא: יאָ, יאָ, ער איז געלערנט גענוג, איז ער. איך האָב אָבער ניט גערעכענט אז ער וועט זיך נעהמען היילען קראנקע אויך.

פריילין טעסמאן: ניין, ניין, אזא סאָרט דאָק־טאָר איז ער ניט. (שאָקעלט בעדייטונגספול מיט׳ן קאָפּ) אָבער איך וויל דיר זאָגען, אז באלד, קען זיין, וועלען מיר איהם דאַרפען רופען מיט נאָך א גרעסערען טיטול.

בערטא: וואָס איהר רעדט! און וואָס פאר אַ נאָמען קען דאָס זיין?

פריילין טעסמאן: (מיט אַ שמייכעל) ה׳ם, וואָלסט טאקע וועלען וויסען! (גערירהרט) אך, מיין גאָט — ווען מיין זעליגער ברודער וואָלט געקענט ארויסקוקען פון קבר און זעהען וואָס פאר אַ מענש זיין קליין אינגעל איז געוואָרען! (קוקט זיך ארום) אָבער זעה נור בערטא, צו וואָס האָסטו דאָס געטהון? פאר וואָס האָסטו אראָבגענומען אלע איבערצוגען פון די מעבעל?

בערטא: די מאַדאם האָט מיר געהייסען. זי קען ניט פער־טראָגען, זאָגט זי, קיין איבערצוגען אויף די שטוהלען.

פריילין טעסמאן: ווילען זיי דען געברויכען אָט דעם צימער פאר זייער געוועהנליכען זאַאַל?

ב ע ר ט א: יא, אזוי האָב איך פערשטאנען — פון דער מאַ־דאם. דער יונגער זשאָרזש — דער דאָקטאָר — האָט גאָרניט געזאָגט.

(זשאָרזש טעסמאַן קומט אריין פון רעכטס אין הינטערצימער, זינגענדיגג צו זיך און טראָגענדיג א לעדיגען שעפּעטעל אין האַנד. ער איז פון מיטלען געוואוקס מיט א יונגען אויסזעהען פון א מאן פון עטליכע און דרייסיג, א ביסעל דיקלעך מיט א רונדען, אָפענעם און פרעהליכען פּנים, מיט בלאָנדע האָאר און א באָרד. ער טראָגט ברילען און איז עטוואָס נאכלעסיג אָנגעטאָן אין א בעקוועמען הויז־אָנצוג.)

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: גוט מאָרגען, גוט מאָרגען, זשארזש.

ט ע ס מ א ן: (שטעהענדיג אין טיר) טאנטע יוליא! ליעבע טאנטע יוליא! (געהט צו צו איהר און דריקט איהר ווארעם די האנד) געקומען פון אזוי וויט — און אזוי פריה! הא?

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: נו, געוויס, איך האָב דאָך גע־מוזט קומען זעהען וואָס איהר מאכט.

ט ע ס מ א ן: ניט קוקענדיג וואָס דו האָסט זיך לעצטע נאכט אפילו ניט אויסגערוהט ווי געהעריג איז?

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: אָה, דאָס איז ביי מיר גאָר־נישט.

ט ע ס מ א ן: נו, איך האָף דו ביסט אָנגעקומען בשלום אהיים פון דער שיף, הא?

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: גאנץ זיכער, א דאנק גאָט. ריכטער בראק איז געווען אזוי פריינדליך מיך צו בעגלייטען ביז צו מיין טיר.

ט ע ס מ א ן. אונז האָט אזוי באנג געטאָן וואָס מיר האָבען דיך ניט געקענט מיטנעהמען אין דער קארעטע. דו האָסט דאָך אליין געזעהן וויפיעל קאסטענס העדדא האָט געמוזט שלעפּען מיט זיך.

פריילין טעסמאן: יאָ, זי האָט ווירקליך געהאַט א מאַסע קאָסטענס.

בערטא: (צו טעסמאַן) זאָל איך אפשר אריינגעהן זעהען צי איך קען עפּעס טהאָן פאר דער מאַדאַם?

טעסמאן: ניין, א דאנק, בערטא, ס׳איז ניט נויטיג. זי האָט געזאָגט, זי וועט אָנקלינגען אויב זי דאַרף עפּעס.

בערטא: (געהט נאָך רעכטס) גוט.

טעסמאן: אָבער קום נאָר אהער — נעהם מיט אָט דעם שעפּעטעל.

בערטא: (נעהמט עס) איך וועל עס אוועקלעגען אויפ׳ן בוידים.

(זי געהט ארויס דורך די טיר פון קאָרידאָר.)

טעסמאן: שטעל זיך פאָר, טאנטע, איך האָב געהאַט דעם גאנצען שעפּעטעל פול אָנגעשטאָפּט מיט איבערגעשריבענע דאָקומענטען. דו וואָלסט גאָר ניט געקענט גלויבען וויפיעל איך האָב אָנגעזאַמעלט אין די אַלע אַרכיוועז וואָס איך האָב אונטער־זוכט — מערקווירדיגע אַלטע זאַכען, פון וועלכע קיין מענש האָט גאָר ניט געוואוסט —

פריילין טעסמאן: יאָ, עס זעהט אויס, זשאָרש, אז דו האָסט ניט פערגיידעט די צייט אויף דיין האָכצייטס־רייזע.

טעסמאן: ניין, דאָס מעג איך זאָגען. אָבער טהו דאָך אויס דיין הוט, טאנטע. קום, לאָז מיך אויפמאַכען די בענדער, הא?

פריילין טעסמאן: (בעת ער טהוט עס) אך, גאָט — דאָס איז אקוראט ווי דו וואָלסט נאָך אַלץ געווען אין דער היים ביי אונז.

טעסמאן: (האַלט איהר הוט אין האַנד, בעקוקט איהם פון אַלע זייטען) זעה נור אָבער, וואָס פאר א צאַצקעדיגען הוט דו האָסט עס איינגעהאַנדעלט!

פריילין טעסמאן: דאָס האָב איך געקויפט פון העדדאַ׳ס וועגען.

טעסמאן: פון הערדא'ס וועגען, הא?

פריילין טעסמאן: יא, כדי הערדא זאל זיך ניט דארפען שעהמען מיט מיר, ווען עס זאל זיך אונז מאכען צו געהן אין גאס צוזאמען.

טעסמאן: (גלעט איהר באק) דו רעכענסט אלץ אויס, טאנטע יוליא. (לעגט אוועק דעם הוט אויף א שטוהל נעבען טיש) און איצטער — ווייסטו וואס — לאמיר זיך גאר אוועקזעצען בע־קוועמליך אויפ'ן זאפע און שמועסען א ביסעל ביז הערדא וועט אריינקומען.

(זיי זעצען זיך. זי שטעלט אוועק איהר זונען־שירם אין א ווינ־קעל פון דער זאפע.)

פריילין טעסמאן: (נעהמט זיינע ביידע הענד און קוקט אויף איהם) ווי עס פרעהט מיך דיך וויעדער צו זעהען א לע־בעדיגען, א גאנצען פאר מיינע אויגען, זשארזש! מיין זשארזש — מיין ארימען ברודער'ס אייגען קינד!

טעסמאן: און מיך פרעהט עס אויך דיך וויעדער צו זעהן, טאנטע יוליא! דו, וועלכע ביזט געוועזן פאר מיר א פאטער און א מוטער אין איין פערזאן.

פריילין טעסמאן: יא, איך ווייס אז דיינע אלטע טאנטעס וועלען דיר אימער בלייבען איינגעבאקען אין הארצען.

טעסמאן: און וואס מאכט עפעס טאנטע רינא? קיין בעסערונג ניט, הא?

פרייל. טעסמאן: אך, ניין — פאר איהר קען מען שוין קיין בעסערונג ניט ערווארטען. זי ליעגט דארט הילפלאז, אזוי ווי זי איז די אלע יאהרען געלעגען. הלואי זאל נור גאט געבען זי זאל זיך נאך האלטען ביי מיר. טאמער פערליר איך זי, וועל איך ניט וויסען וואס צו טהאן מיט זיך, זשארזש — בעזאנדערס איצטער אז איך האב שוין ארום דיר אויך ניט וואס צו טהון.

טעסמאן: (גלעט איהר אויפ'ן שולטער) נו, נו, נו!

פרייל. טעסמאן: (פלוצלינג ענדערענדיג איהר טאן)

ווי איך דענק מיר אָבער, אז אָט ביזטו אַ פערהייראַטער מאַן, זשאָרזש! און אז דו ביזט דער, וואָס האָט געוואונען העדדאַ גאַבלער — די שעהנע העדדאַ גאַבלער! בערעכען נור — זי, נאָך וועלכער עס האָבען זיך געיאָגט אזויפיעל קאַוואַליערען!

טעסמאַן: (זינגט אונטער א ביסעל און שמייכעלט צופריע־דען) יא, איך שטעל מיר פאָר, אז איך האָב עטליכע גוטע פריינד אין שטעדטיל, וואָס זיינען מיך גוט מקנא — הא?

פרייל. טעסמאַן: היינט אזאַ לאַנגע האָכצייט־רייזע וואָס דו האָסט געמאַכט! איבער פינף — כמעט זעקס מאָנאַט —

טעסמאַן: נו, פאַר מיר איז עס אויך געווען אַ שטור־דיום־רייזע. איך האָב זיך געדאַרפט גריבלען אין אזוי פיעל אַלטע אַרכיוועז—און האָב געמוזט אזוי פיעל ביכער דורכלעזען, טאַנטע.

פרייל. טעסמאַן: אַ, יאַ, איך שטעל מיר פאָר. (פערטרויליך און א ביסעל שטילער) אָבער הער נור, זשאָרזש — האָסט דו מיר גאָרניט צו דערצעהלען — גאָר ניט ספעציעלעס?

טעסמאַן: וועגען אונזער רייזע?

פרייל. טעסמאַן: יאַ.

טעסמאַן: ניין, איך ווייס ניט קיין אַנדער זאַך, אַ חוץ וואָס איך האָב דיר געשריעבען אין מיינע בריעף. איך האָב גע־קריגען דעם טיטול דאָקטאָר — אָבער דאָס האָב איך דיר שוין דערצעהלט געסטערן.

פרייל. טעסמאַן: יאַ, יאַ, דאָס האָסטו שוין דער־צעהלט. אָבער וואָס איך מיין, איז — האָסטו ניט עפּעס — עפּעס וועלכע ערוואַרטונגען—?

טעסמאַן: ערוואַרטונגען?

פרייל. טעסמאַן: ס'הייסט, — פערשטעהסט ניט, זשאָרזש? — איך בין דאָך דיין אַלטע טאַנטע!

טעסמאַן: נו, אודאי האָב איך ערוואַרטונגען.

פרייל. טעסמאַן: אַך!

ט ע ס מ א ן: איך האָב די בעסטע אויסזיכטען באַלד צו ווערען אַ פּראָפעסאָר.

פּ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: יאָ, אַ פּראָפעסאָר —

ט ע ס מ א ן: ווירקליך, איך קען זאָגען, אַז איך בין זיכער דערמיט. אָבער, מיין ליעבע טאַנטע, מיר דאַכט אַז דו ווייסט דאָס שוין!

פּ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: (לאַכט צו זיך) יאָ, געוויס ווייס איך. דעריין ביזטו גערעכט. (אין אַנאַנדער טאָן) אָבער מיר האָבען גערעדט וועגען דיין רייזע. עס האָט געמוזט קאָסטען אַ שעהן ביסעל געלד, זשאָרזש?

ט ע ס מ א ן: נו, פערשטעהסטו מיך, דאָס גרויסע סטיפּענדיום וואָס איך האָב געקראָגען האָט אַ רעכט ביסעל אויסגעהאָלפען.

פּ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: איך זעה נור ניט איין ווי אַזוי דאָס האָט געקענט קלעקען פאַר צוויי.

ט ע ס מ א ן: ניין, דאָס קען מען טאַקע אַזוי לייכט ניט איינזעהן, האַ?

פּ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: און איבערהויפּט אַרומרייזען מיט אַ דאַמע — איך הער אַז דאָס מאַכט זעהר גרויסע אויסגאַבען.

ט ע ס מ א ן: יאָ, גאַנץ געוויס — דאָס קאָסט אַ ביסעל טייערער. אָבער העדדא האָט געמוזט מאַכען די רייזע, טאַנטע! זי האָט ווירקליך געמוזט. אַנדערש האָט זיך דאָס ניט געפּאַסט.

פּ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: ניין, ניין, איך רעכען אַז ניט. אָהן אַ האָכצייט־רייזע געהט עס ניט היינטיגע צייטען. אָבער זאָג מיר נור, האָסטו שוין גוט אַרומגעקוקט דאָס הויז?

ט ע ס מ א ן: יאָ, מעגסט שוין זיכער זיין, אַז איך האָב עס געטהאָן. פון בעגינען אָן בין איך אויף די פיס.

פּ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: און ווי געפעלט עס דיר אין גאַנצען?

ט ע ס מ א ן: אויסגעצייכענט! גאָר אויסגעצייכענט!

נישט מעהר, איך בעגרייף ניט, וואָס וועלען מיר טהאָן מיט די צוויי לעדיגע צימערן וואָס צווישען אָט דעם הינטערסטען זאאַל און הערדאַ'ס שלאָף־צימער.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן : (לאכט) אָ, מיין ליבער זשאָרזש, איך מיין, אז זיי וועלען אייך אויך צוניץ קומען — מיט דער צייט.

ט ע ס מ א ן : אך, געווים, דו ביסט גאַנץ גערעכט, טאנטע יוליא! דו מיינסט פאר די ביכער פון מיין ביבליאָטעק וואָס וואקסט — הא?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן : טאקע יאָ, מיין ליעב קינד. איך האָב טאקע געטראכט וועגען דיין ביבליאָטעק...

ט ע ס מ א ן : דערהויפט בין איך צופריעדען פון הערדאַ'ס וועגען. נאָך איידער מיר זיינען פערלאָבט געוואָרען פלעגט זי אָפט זאָגען, אז זי וואָלט אנדערשוואו ניט געוואָלט וואָהנען, ווי נור אין דעם שטאאַט־ראַטה פאַלק'ס ווילא.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן : יאָ, עס איז געווען א גליק וואָס דאָס הויז האָט זיך פערקויפט; אקוראַט נאָכדעם ווי איהר זייט אָבגעפאָהרען.

ט ע ס מ א ן : יאָ, טאנטע יוליא, מיר האָבען ווירקליך גע־האט מזל, אפשר ניט — הא?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן : אָבער די קאָסטען, מיין ליעבער זשאָרש! דאָס וועט דיר בעטרעפען א שעהנע מטבעה.

ט ע ס מ א ן : (קוקט אויף איהר אומעטיגלעך) יא, איך רע־כען אזוי, טאנטע!

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן : אך, גאָט!

ט ע ס מ א ן : וויפיעל רעכענסטו דאָך? אזוי אן ערך? — הא?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן : איך האָב קיין בעגריף ניט, איי־דער אלע רעכנונגען זיינען אריינגעקומען.

ט ע ס מ א ן : נו, גליקליכערווייזע האָט ריכטער בראַק אויס־

געפיהרט פאר מיר די בעסטע בעדינגונגען — אזוי האָט ער גע־שריבען אין א בריעף צו העדדא׳ן.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: יא, דאגה נור ניט, מיין קינד. — א חוץ דעם, פאר די מעבעל און אלע טעפיכער האָב איך גוט־געזאָגט.

ט ע ס מ א ן: דו האָסט גוט־געזאָגט? דו, מיין ליעבע טאנ־טע יוליא? וואָס פאר א סאָרט ערבות האָסטו געקענט געבען?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: איך האָב געגעבן אין משכון אונזער יעהרליכע הכנסה.

ט ע ס מ א ן: (שפּרינגט אויף) וואָס? דיין און טאנטע רינא׳ס הכנסה!

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: יא, איך האָב קיין אנדער פּלאן ניט געקענט געפינען, פערשטעהסטו.

ט ע ס מ א ן: (שטעלט זיך אויף אַנטקעגען איהר) צי ביזטו פון זינען אראָב, טאנטע! דיין הכנסה — דאָס איז דאָך דאָס איינ־ציגע, פון וואָס דו און טאנטע רינא האָבען צו לעבען.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: נו, נו ,ווער ניט אזוי אויפגע־רעגט וועגען דעם. דו ווייסט, עס איז אינגאנצען נישט מעהר ווי א פאָרמאליטעט — ריכטער בראק האָט אליין געזאָגט. ער טאקי איז געוועזען אזוי פריינדליך דורכצופיהרען דעם גאנצען עסק פאר מיר. עס איז נישט מעהר ווי א פאָרמאליטעט, האָט ער געזאָגט.

ט ע ס מ א ן: יא, דאָס אלעס מעג זיך זיין גאנץ ריכטיג. אָבער דאָך —

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: איצט וועסטו האָבען דיין איי־גענעם געהאלט, וועסטו קענען אָבצאָהלען. און, גוטער גאָט, וואָס איז דאָרטען אז מיר וועלען אויך אָבצאָהלען א ביסעל! דיר צו־העלפען א ביסעל פון אָנהויב —! וואָס איז, עס וואָלט אונז נור געמאכט פערגעניגען.

ט ע ס מ א ן: אך, טאנטע — וועסטו קיינמאָל ניט מיעד ווערען צו אָפּפערען זיך פאר מיר!

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: (שטעהט אויף און לעגט איהר האנד אויף זיינע אקסלען) האָב איך דען עפּעס אנדערע פריידען אויף דער וועלט, ווי זעהן עס זאָל דיר גוט געהן, מיין ליעב קינד? דו האָסט דאָך ניט געהאט ניט קיין פאָטער, ניט קיין מוטער אויף וועמען זיך אָנצושפּארען. איצטער האָבען מיר שוין געגרייכט אונזער ציעל, זשאָרזש! מאנכעסמאָל האָט אויסגעקוקט טרויעריג גענוג; אָבער איצטער, אַ דאנק גאָט, דארפסט שוין גאָר קיין מורא ניט האָבען.

ט ע ס מ א ן: יא, עס איז ווירקליך וואונדערבאר, ווי אלעס האָט זיך אויסגעדרעהט צום בעסטען.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: יא, און אלע דיינע געגנער — אלע וואָס זיינען דיר געשטאנען אין וועג — זיי אלע ליעגען איצט אונטער דיינע פיס. זיי זיינען געפאלען, זשאָרזש! דער, וואָס איז געווען דיין געפעהרליכסטער געגנער — ער איז געפאלען טיעפער פאר אלעמען. איצטער ליעגט ער ווי ער האָט זיך אויסגעבעט — דער ארימער, פערפיהרטער מענש.

ט ע ס מ א ן: האָסטו עפּעס געהערט וועגען עילערט? זינט מיין אוועקפאָהרען, מיין איך.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: איך האָב נור געהערט זאָגענדיג, אז ער האָט אָבגעדרוקט אַ נייעם בוך.

ט ע ס מ א ן: וואָס! עילערט לאָוובאָרג! נישט לאנג — הא?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: יא, אזוי זאָגט מען. וויים גאָט צי זיין בוך קען עפּעס האָבען אַ ווערטה! אך, אָבער ווען דיין נייעם בוך וועט ערשיינען — דאָס וועט זיין וואָס אנדערש, זשאָרזש! וועגען וואָס וועט זיך דאָרט האנדלען?

ט ע ס מ א ן: עס וועט בעהאנדלען די הויזליכע אינדוסטריען פון בראבאנט אין מיטעלאלטער.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: שטעל זיך נאָר פאָר — אז דו זאָלסט קענען שרייבען איבער אזא געגענשטאנד!

טעסמאן: איבריגענס, עס קען נאך נעהמען א שטיק צייט איידער דאס בוך וועט זיין פערטיג. איך מוז פריהער אלע זאמלונגען אין ארדנונג ברייגנען, פערשטעהסטו מיך.

פריל. טעסמאן: יא, זאמלען און ברייגנען אין ארדנונג — דעריין קען דיך קיינער ניט אריבערשטייגען. דערויף ביזטו געבוירען; ניט אומזיסט ביזטו מיין ארימען ברודער׳ס לייבליכער זוהן.

טעסמאן: איך קוק שוין ארוים מיט אונגעדולד אויף דער צייט, ווען איך וועל זיך קענען זעצען ארבייטען אויף דעם. איבערהויפט איצט, אז איך האב מיין אייגען, פראכטפול הויז וואו צו ארבייטען.

פריל. טעסמאן: און מעהר ווי אלץ איצט, אז דו האסט די פרוי וואס דיין הארץ האט בעגעהרט, מיין ליעבער זשארזש.

טעסמאן: (נעהמט זי ארום) אה, יא, יא, טאנטע יוליא! העדדא — זי איז דאס בעסטע פון אלץ! (קוקט אויף דעם אריינגאנג) מיר דאכט אז אט קומט זי — הא?

(העדדא קומט אריין פון לינקס דורכ׳ן מיטעלסטען צימער. זי איז א פרוי פון א יאהר נייין און צוואנציג. דאס געזיכט און פיגור, עדעל און אריסטאקראטיש. איהר הויטפארב איז בלייך-מאטעווע. איהרע שטאהל-גרויע אויגען דריקען אוים א קאלטע, קלארע רוהיגקייט. איהרע האר האבען אן אנגענעהמע מיטעל-ברוינע פארב, אבער זיי זיינען ניט בעזאנדערס געדיכט. זי איז אנגעטאן אין א געשמאקפולען, עטוואס לויזען מארגען-אנצוג.)

פריל. טעסמאן: (געהט איהר אנטקעגען) גוט מארגען, מיין ליעבע העדדא! גוט מארגען און הערצליכען ווילקאמען!

העדדא: (גיט איהר די האנד) גוט מארגען, ליעבע פריילין טעסמאן! אזוי פריה שוין צום בעזוך! דאס איז זעהר פריינדליך פון אייך.

פריל. טעסמאן: (פיהלט זיך א ביסעל אין א פער-

לעגענהייט) האָט די יונגע פרוי גוט געשלאָפען אין איהר נייע היים?

העדדא: אה, יא, דאנקע. ציעמליך גוט.

טעסמאן: (לאכט) ציעמליך! נו, דאָס געפעלט מיר, העדדא! דו האָסט געשלאָפען ווי א שטיין ווען איך האָב זיך אויפגעכאפּט.

העדדא: גליקליכערוויי. עס פערשטעהט זיך, מען מוז זיך ערשט צוגעוועהנען צו די נייע אומשטענדען, ביסלעכווייז, פריילין טעסמאן. (קוקט לינקס) אך, די דיענסט איז געגאנגען און האָט געעפענט די טיער צו דער וועראנדא און האָט אריינגעלאָזט א גאנצען שטראָם פון זונען־שיין.

פריילין טעסמאן: (געהט צום טיר) נו, וועלען מיר עס צומאכען.

העדדא: ניין, ניין, ניט דאָס! טעסמאן, זיי אזוי גוט און פערציה די גאַרדינען. דאָס וועט געבען א ווייכערע ליכט.

טעסמאן: (גיבען טיר) שוין גוט, שוין גוט, אָט שוין, העדדא. איצט ועסטו האָבען אי שאָטען, אי פרישע לופט.

העדדא: יא, פרישע לופט איז דאָ אודאי נויטיג, צו אָט די אלע פּעק בלומען — אָבער — פאר וואָס זיצט איהר ניט, פריילין טעסמאן?

פריילין טעסמאן: ניין, איך דאנק אייך. אז איך האָב שוין געזעהן, אז דאָ ביי אייך איז אלעס אין אָרדנונג, א דאנק גאָט, מוז מען שוין אָנהויבען צו געהן א היים, מיין שוועסטער ליעגט דאָרט, נעבאך, און ווארט אויף מיר.

טעסמאן: גיב איהר מיין בעסטען גרוס, טאנטע, און זאָג איהר אז איך וועל זיך אריינכאפּען זי זעהען שפּעטער ביי טאָג.

פריילין טעסמאן: יא, יא, איך וועל איהר זיכער איבערגעבען. יא, מחשבות'ן, זשאָרזש, (זוכט אין טאש פון קלייד) איך האָב שיער ניט פערגעסען. איך האָב דאָ עפּעס פאר דיר.

טעסמאן: וואס אזוינס, טאנטע, — הא?

פרייל. טעסמאן: (נעהמט ארויס א פלאך פעקיל, איינגעוויקעלט אין צייטונג פאפיער און דערלאנגט איהם) קוק נור, מיין ליעב קינד.

טעסמאן: (עפענט דאס פעקעל) נו, איך זאג אייך! האסטו עס ווירקליך געהאלטען פאר מיר, טאנטע יוליא! זעה נור, העדדא! איז עס ניט ריהרענד — הא?

העדדא: (נעבען דער עטאזשערקע, רעכטס) נו, וואס איז?

טעסמאן: מיינע אלטע מארגען־שיך! מיינע פאנטא־פעל.

העדדא: טאקע. איך געדענק אז דו האסט זיי אפט דערמאנט, ווען מיר זיינען געווען אויף דער רייזע.

טעסמאן: יא, זיי האבען מיר זעהר געפעהלט. (געהט צו צו איהר) איצט קענסטו זיי זעהען, העדדא!

העדדא: (געהט צום אויווען צו) א דאנק, עס אינטערע־סירט מיך ניט.

טעסמאן: (געהט איהר נאך) בערעכען נור — אין בעט ליעגענדיג א קראנקע האט עס טאנטע רינא אויסגענעהט פאר מיר. אה, דו קענסט זיך ניט פארשטעלען וויפיעל עראינערונגען עס זיי־נען דערמיט פערבונדען.

העדדא: (ביים טיש) פאר מיר ניט.

פרייל. טעסמאן: געוויס ניט פאר העדדא'ן, זשארזש.

טעסמאן: יא, אבער איצטער אז זי געהערט שוין צו אונזער פאמיליע, האב איך געקלערט —

העדדא: (שלאגט איהם איבער) מיט דער דיענסט וועלען מיר קיינמאל ניט קענען אויסקומען, טעסמאן.

פרייל. טעסמאן: מיט בערטא'ן ניט קענען אויס־קומען?

טעסמאַן: וואָס הייסט, מיין טייערע? וואָס פאַלט דיר עפּעס איין — האַ?

העדדאַ: (אָנצייגענדיג) זעה נור! זי האָט געלאָזען איהר אַלטען הוט זיך ארומוועלגערען אויף אַ שטוהל.

טעסמאַן: (אין שרעק, ווארפט ארונטער די פּאַנטאָפעל אויף ד'רערד) אָבער, העדדאַ —!

העדדאַ: שטעל זיך נאָר פאָר אַז אימיצער זאָל ארייננקומען און דאָס דערזעהען!

טעסמאַן: אָבער, העדדאַ — דאָס איז דאָך טאַנטע יו־ליאַ'ס הוט.

העדדאַ: אזוי?

פרייל. טעסמאַן: (נעהמט דעם הוט) יאָ, געווים איז עס מיינער, און קיין אַלטער איז ער אויך ניט, מאַדאַם העדדאַ.

העדדאַ: ווירקליך, איך האָב זיך ניט גוט צוגעקוקט צו איהם, פרייליין טעסמאַן.

פרייל. טעסמאַן: (טהוט אָן דעם הוט) איך קען דיר זאָגען, אַז עס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב איהם אָנגע־טאָן — וואהרהאפטיג צום ערשטען מאָל.

טעסמאַן: און עס איז טאַקי אַ שעהנער הוט אויך — גאָר אַ פּראַכט!

פרייל. טעסמאַן: אָה, ס'איז גאָר ניט אזאַ גרויסע זאַך, זשאָרזש. (זוכט ארום זיך) מיין פּאַראַסאָל —? אָך, דאָ. (נעהמט עס), דאָס איז אויך מיינער — (מורמעלט) ניט בערטאַ'ס.

טעסמאַן: אַ נייער הוט און אַ נייער פּאַראַסאָל! שטעל זיך פאָר, העדדאַ!

העדדאַ: ווירקליך זעהר שעהן.

טעסמאַן: יאַ, ניט וואהר — האַ? אָבער טאַנטע, קוק זיך נור גוט איין אויף העדדאַ'ן איידער דו געהסט. זעה ווי שעהן זי איז!

פרייל. טעסמאַן: אָך, מיין ליעב קינד, דאָס איז

קיין נייעס ניט. העדדאַ איז אַלעמאָל געווען שעהן. (זי פערנייגט זיך און געהט ארויס.)

טעסמאַן: (געהט איהר נאָך) יא, אָבער האָסטו בע־מערקט ווי געזונד זי זעהט אויס? ווי זי איז געוואָרען פול און רונד אויף דער רייזע?

העדדאַ: (געהט דורכ'ן צימער) אך, לאָז דאָך צו־רוה — !

פרייל. טעסמאַן: (איז געבליבען שטעהן און דרעהט זיך אום) פולער געוואָרען?

טעסמאַן: יא, דו קענסט עס אזוי גוט ניט בעמערקען, ווייל זי טראָגט יעצט אָט די קלייד; אָבער איך, וועלכער קען זעהען —

העדדאַ: (נעבען דער גלעזערנער טיר, אונגעדולדיג) אך, דו קענסט גאָרנישט זעהען.

טעסמאַן: דאָס מוז זיין די בערג־לופט אין טיראָל —

העדדאַ: (שלאָגט איהם איבער, קורץ) איך בין פונקט די אייגענע, ווי ווען איך בין ארויסגעפאָהרען.

טעסמאַן: אזוי זאָגסט דו, איך בין אָבער גאַנץ זיכער אז דו ביזט ניט. האלסט דו ניט מיט מיר, טאַנטע?

פרייל. טעסמאַן: (קוקט אויף איהר מיט צונויפגעפ־לעגטע הענד) העדדאַ איז ליעבליך — ליעבליך — ליעבליך. (געהט צו צו איהר, בויגט איהר ארונטער דעם קאָפּ מיט ביידע הענד און קושט זי אויף די האָר) גאָט בענש און בעשיץ העדדאַ טעסמאַן — פון זשאָרזש'ס וועגען.

העדדאַ: (בעפרייט זיך פון איהר, פאַרדריסליג) אך, לאָזט מיך לויז!

פרייל. טעסמאַן: (געפיהלפול, רוהיג) איך וועל אייך קומען זעהן יעדען טאָג.

טעסמאַן: יא, וועסט קומען, טאַנטע? הא?

פרייל. טעסמאַן: אדיע — אדיע!

(זי געהט ארויס דורכ'ן פאָרצימער, טעסמאַן בעגלייט זי. די

טיר בלייבט האלב־אָפען. עס הערט זיך ווי טעסמאַן ווידערהאָלט זיין גרוס צו טאַנטע רינא און דאַנקט איהר נאָך אַמאָל פאַר די פאַנטאָפעל.)

(העדדאַ שפּאַצירט ארום איבער'ן צימער, הויבט אויף איהרע אָרעמס און דריקט צונויף די פויסטען, שטאַרק ערביטערט. דאַן רוקט זי אָב האַסטיג די גאַרדינען פון דער גלעזערנער טיר, און קוקט ארויס. באַלד קעהרט זיך טעסמאַן אום און מאַכט צו די טיר הינטער איהם.)

טעסמאַן: (הויבט אויף די פאַנטאָפעל פון ד'ערד) וואָס קוקסטו, העדדא?

העדדאַ: (ווידער רוהיג און בעהערשט) איך קוק נור אויף די בלעטער. זיי זיינען אזוי געל — אזוי פערוועלקט.

טעסמאַן: (וויקעלט ארום די פאַנטאָפעל און לעגט זיי אוועק אויפ'ן טיש) נו, מיר זיינען דאָך שוין א שטיק אין סעפּטעמבער.

העדדאַ: (ווידער אונרוהיג) יא, בערעכען נור! שוין אין — סעפּטעמבער.

טעסמאַן: מיינסטו ניט, אז טאַנטע יוליא איז עפּעס היינט געווען אזוי זאָנדערבאַר? אזוי פייערליך געשטימט? קענסטו בעגרייפען וואָס איז מיט איהר געווען דער מעהר? הא?

העדדאַ: איך קען זי דאָך כמעט גאָר ניט. איז זי דען ניט אָפט אזוי?

טעסמאַן: ניין, ניט ווי זי איז היינט געווען.

העדדאַ: (געהט אוועק פון דער גלעזערנער טיר) מיינסטו אז זי האָט פאַריבעל געהאַט וועגען דעם הוט?

טעסמאַן: אָה, ניט זעהר. אפשר עטוואָס, גלייך אין מאָמענט.

העדדאַ: אָבער וואָס איז עס טאַקע פאַר א וועג צו נעהמען און לאָזען דעם הוט זיך ארומוועלגערען דאָ אין זאאַל! אזא זאך טוט מען ניט.

טעסמאַן: נו, מעגסט שוין זיכער זיין, אז טאַנטע יוליא וועט דאָס שוין נאָך אַ מאָל ניט טהאָן.

ה ע ד ד א: יעדענפאלס וויל איך שוין זעהן זיך איבערבע־טען מיט איהר.

ט ע ס מ א ן: יא, מיין ליעבע, גוטע העדדא, הלואי וואלסט דו עס טאקע טהון.

ה ע ד ד א: ווען דו געהסט אריין צו זיי היינט נאכמיטאג, קענסטו זיי איינלאדען אויף היינט אין אבענד.

ט ע ס מ א ן: יא, איך וועל עס אודאי טהון. און דו וואלסט נאך עפעס קענען טהון, וואס עס וואלט דערפרעהען איהר הארץ.

ה ע ד ד א: וואס איז עס?

ט ע ס מ א ן: ווען דו וואלסט נור ביי זיך געקענט פועל'ן צו זאגען „דו" צו איהר. דו וועסט עס מיר טהון, העדדא? הא?

ה ע ד ד א: ניין, ניין, טעסמאן — דאס זאלסטו פון מיר ניט פערלאנגען. איך האב שוין דיר דאס געזאגט. איך וועל זיך סטארען זי רופען „טאנטע", אבער דו מוזט זיך בענוגענען דער־מיט.

ט ע ס מ א ן: נו, יא. מיר האט זיך געדאכט, איצט אז דו געהערסט שוין צו דער פאמיליע —

ה ע ד ד א: ה'ם — איך זעה ניט איין פאר וואס — (זי געהט צו דעם מיטעלסטען ארייגאנג.)

ט ע ס מ א ן: (נאך א קורצער פויזע) איז דיר עפעס, העדדא? הא?

ה ע ד ד א: איך קוק נור אויף מיין אלטע פיאנא. זי פאסט דא גאר ניט צו אלע איבעריגע זאכען.

ט ע ס מ א ן: ווי נור איך וועל קריגען מיין ערשטען גע־האלט וועלען מיר קענען זעהען וועגען אומבייטען זי.

ה ע ד ד א: ניין, ניין — ניט בייטען. איך וויל זיך מיט איהר ניט שיידען. ווי איז א שטייגער, ווען מיר שטעלען זי אוועק אין דעם מיטעלסטען צימער און קויפען אן אנדערע אוועקצושטעלען דא אויף איהר ארט? איך מיין, ווען מען וועט קענען.

ט ע ס מ א ן: (אומעטיגליך) יא, עס פערשטעהט זיך, מען קען עס טהון.

ה ע ד ד א: (נעהמט דעם בוקעט פון פיאנא) די בלומען זיינען דאָ ניט געווען נעכטען ביי נאכט ווען מיר זיינען אַנגעקומען.

ט ע ס מ א ן: טאנטע יוליא האָט זיי געמוזט ברייננגען פאר דיר.

ה ע ד ד א: (בעקוקט דעם בוקעט) א וויזיט־קארטע. (נעהמט ארויס און לעזט.) „וועל ווידער אריינגעהן שפּעטער ביי טאָג". קענסטו טרעפען פון וועמען דאָס איז?

ט ע ס מ א ן: ניין. פון וועמען? הא?

ה ע ד ד א: דער נאָמען איז „פרוי עלווסטעד".

ט ע ס מ א ן: איז עס ווירקליך? לאנדריכטער עלוו־סטעד'ס פרוי? געוועזענע פריילין רייזינג.

ה ע ד ד א: יא, עס שטימט. די פרוי מיט די אויפרעגענ־דע האָר, מיט וועלכע זי פלעגט זיך אימער גרוים האלטען. איך הער, אז דו ביזט אמאָל געווען ניט גלייכגילטיג צו איהר.

ט ע ס מ א ן: (לאכט) אָה, דאָס האָט ניט לאנג אָנגעהאלטען, און עס איז געווען איידער איך האָב דיך געקענט, העדדא. אָבער וואָס זאָגסטו דערצו, וואָס זי איצט גראָד אין שטאָדט!

ה ע ד ד א: עס איז זאָנדערבאר, אז זי זאָל אונז מאכען א וויזיט. איך האָב זי כמעט ניט געזעהן זינט מיר האָבען פער־לאָזען די שוהל.

ט ע ס מ א ן: איך האָב זי אויך ניט געזעהען, גאָט ווייס ווי לאנג. עס איז מיר א וואונדער ווי אזוי זי האלט עס אוים צו לעבען אין אזא פערוואָרפענעם העק, הא?

ה ע ד ד א: (דענקט נאָך און זאָגט דאן פלוצלונג) זאָג מיר טעסמאן — איז עס ניט ערגיץ דערביי, וואו ער — אָט דער — עילערט לאוובארג וואָהנט?

ט ע ס מ א ן: יא, ער איז טאקע ערגיץ אין יענעם געגענד. (בערטא קומט אריין דורכ'ן פאָרצימער)

בערטא: גנעדיגע פרוי, די דאמע וועלכע האט א ווייל פריהער געבראכט די בלומען, איז איצט ווידער דא. (ווייזט מיט'ן פינגער) אט די בלומען וואס איהר האלט אין האנד.

העדדא: אה, זי איז דא? נו, זייט אזוי גוט, פיהרט זי אריין.

(בערטא עפענט די טיר פאר מאדאם עלווסטעד און געהט אליין ארויס. — מאדאם עלווסטעד איז א פרוי מיט א צארטער פיגור און שעהנע, ווייכע געזיכטסציגען. איהרע אויגען זיינען העל־בלוי, גרויסע, רונדע, עטוואס ארויסגעשטארצט, מיט א שרעקעדיגען, פראגענדיגען אויסדרוק. איהרע האר זיינען מערקווירדיג העל, כמעט פלאקסענע, אונגעוועהנליך געדיכט און גרייזעלדיג. זי איז עטליכע יאהר איינגער פאר העדדא. זי טראגט א טונקעלע בעזוך־קלייד, געשמאקפול אבער ניט אקוראט נאך דער לעצטער מאדע.)

העדדא: (נעהמט איהר אויף ווארעם) וואס מאכט איהר, מיין ליעבע פרוי עלווסטעד? עס פרעהט מיך זעהר איך ווידער צו זעהען.

פרוי עלווסטעד: (נערוועז, זוכט זיך צו בעהערשען) יא, עס איז שוין זעהר לאנג, זינט מיר האבען זיך געזעהען.

טעסמאן: (גיט איהר די האנד) און מיר אויך, הא?

העדדא: איך דאנק פאר די פראכטפולע בלומען —

פרוי עלווסטעד: אה, ניטא פאר וואס—. איך וואלט אריינגעגאנגען גלייך געסטערן נאך מיטאג, נור איך האב געהערט, אז איהר זייט געוועזן פעררייזט —

טעסמאן: זייט איהר אקארשט געקומען אין שטאדט, הא?

פרוי עלווסטעד: איך בין אנגעקומען געסטערן ארום מיטאג־צייט. אה, איך בין געווען גאנץ פערצווייפעלט, ווען איך האב געהערט, אז איהר זייט ניטא צו הויז.

העדדא: גאנץ פערצווייפעלט! ווארום דען?

ט ע ס מ א ן: אָבער, מיין ליעבע פרוי רייזינג — איך מיין פרוי עלוּוסטעד —

ה ע ד ד א: איך האָף אז עס האָט גאָרנישט פּאסירט?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, עפּעס. און איך קען דאָ ניט קיין אנדער לעבעדיג בעשעפענים צו ווענען זיך צו ווענדען.

ה ע ד ד א: (לעגט אוועק דעם בוקעט אויפ'ן טיש) קומט, לאָמיר זיך דאָ זעצען אויפ'ן זאָפע —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: איך בין צו אויפגערעגט צו קענען זיצען.

ה ע ד ד א: נו, דאָך. קומט אָט דאָ. (זי ציהט זי ארונטער אויפ'ן זאָפע און זעצט זיך נעבען איהר.)

ט ע ס מ א ן: נו, וואָס איז, פרוי עלוּוסטעד?

ה ע ד ד א: האָט עפּעס וואָס פּאסירט ביי אייך צו הויז?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא און—ניין. אָה, איך וואָלט אזוי ניט וועלען איהר זאָלט מיך מיספערשטעהען —

ה ע ד ד א: דאן איז דער בעסטער פּלאן איהר זאָלט אונז דערצעהלען די גאנצע מעשה, פרוי עלוּוסטעד.

ט ע ס מ א ן: איך רעכען אז צוליעב דעם זייט איהר געקומען — הא?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, יא, געוויס. נו, אלזאָ, מוז איך אייך דערצעהלען — אויב איהר ווייסט שוין דאָס ניט אליין — אז עילערט לאָווּבאָרג איז אויך דאָ אין שטאָדט.

ה ע ד ד א: לאָווּבאָרג — !

ט ע ס מ א ן: וואָס! איז עילערט לאָווּבאָרג צוריקגעקומען? דענק נור, העדדא!

ה ע ד ד א: יא, נו, איך הער.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ער איז שוין דאָ א וואָך צייט. שטעלט זיך נור פאָר — א גאנצע וואָך! איינער אליין אין אָט דער שרעקליכער שטאָדט! וואו ער קען קומען צו א נסיון אויף יעדען שריט און טריט.

העדדא: אָבער, מיין ליעבע פרוי עלוואָסטעד — וואָס נעהמט איהר זיך אזוי צום הארצען וועגען איהם אייגענטליך?

פרוי עלוואָסטעד: (קוקט אויף איהר דערשראָקען און זאָגט שנעל) ער איז געוועזען די קינדער'ס לעהרער.

העדדא: אייערע קינדער'ס?

פרוי עלוואָסטעד: מיין מאַן'ס קינדער. איך האָב קיינע.

העדדא: אייערע שטיף־קינדער, הייסט עס?

פרוי עלוואָסטעד: יא.

טעסמאַן: (עטוואָס אונזיכער) איז ער, הייסט עס, גע־וועזען — איך ווייס ניט ווי דאָס אויסצודריקען — איז ער געוועזען — גענוג רעגעלמעסיג אין זיין אויפפיהר צו קענען פערנעהמען אזא שטעלע? הא?

פרוי עלוואָסטעד: פאר די לעצטע צוויי יאָהר האָט מען אנקעגען זיין אויפפיהר גאָר ניט געקענט אויסזעצען.

טעסמאַן: אזוי? דענק נור, העדדא!

העדדא: איך הער.

פרוי עלוואָסטעד: גאָרניט אויסזעצען, איך קען אייך פערזיכערן. אין יעדער הינזיכט. דאָך אָבער — איצט אז איך ווייס, אז ער איז דאָ אין אָט דער גרויסער שטאָדט — און מיט א גרויסער סומע געלט אין די הענד — שרעק איך זיך פאר איהם געפעהרליך.

טעסמאַן: ווארום איז ער ניט פערבליבען וואו ער איז געוועזען? ביי אייך און אייער מאַן? הא?

פרוי עלוואָסטעד: נאָכדעם ווי זיין בוך איז ער־שיענען, איז ער געוואָרען צו־אונרוהיג, צופיעל אויפגערעגט צו קענען בלייבען ביי אונז.

טעסמאַן: יא, טאקע, טאנטע יוליא האָט מיר געזאָגט, אז ער האָט ארויסגעגעבען א בוך.

פרוי עלוואָסטעד: יא, א גרויס בוך, אין וועלכען

עס ווערט בעהאנדעלט דער פּאָרטשריט פון דער ציוויליזאַציע — אין ברייטע שטריכען, אַזוי צו זאָגען — און עס האָט געמאַכט אַזאַ אויפרוהר —

ט ע ס מ אַ ן: האָט עס ווירקליך געהאַט אַזאַ ערפאָלג? דאָס מוז זיין אַן ארבייט וואָס איז געלעגען ביי איהם נאָך פון אַמאָל, פון זיינע בעסערע צייטען.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: גאָר פון אַמאָל, מיינט איהר?

ט ע ס מ אַ ן: יאָ.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, ער האָט עס אינגאַנצען אָנגעשריבען פאַר דער צייט וואָס ער איז געווען ביי אונז. — אין פערלויף פון לעצטען יאָהר.

ט ע ס מ אַ ן: איז עס ניט אַ פרעהליכע נייעס, העדדאַ? דענק נור!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אַך, יאָ — ווען דאָס זאָל נור אָנהאַלטען!

ה ע ד ד אַ: האָט איהר איהם געזעהען דאָ אין שטאָדט?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, נאָך ניט. איך האָב געהאַט די גרעסטע שוועריגקייט אויסצוגעפינען זיין אַדרעס. ערשט היינט אין דער פריה האָב איך עס ענדליך אויסגעפונען.

ה ע ד ד אַ: (קוקט אויף איהר פאַרשענד) איהר ווייסט, מיך חדוש'ט אַ ביסעל אויף אייער מאַן — ה'ם —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (מיט אַ נערוועזען צוק) אויף מיין מאַן? וואָס?

ה ע ד ד אַ: פאַר וואָס ער שיקט אייך אין שטאָדט אויף אַזאַ שליחות — פאַר וואָס ער איז אַליין ניט געקומען אכטונג געבען אויף זיין פריינד.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אַך, ניין, ניין — מיין מאַן האָט קיין צייט ניט דערצו, אַ חוץ דעם, איך — איך האָב דאָ וואָס איינ־צוקויפען.

העדדא: (מיט א לייכטען שמייכעל) אָה, דאָס איז עפּעס אנדערש.

פרוי עלוואסטעד: (שטעהט אויף שנעל און אונרוהיג) אלזאָ, איך בעט אייך זעהר, הערר טעסמאן — אויב עילערט לאווּ־בּאָרג וועט ארייננקומען צו אייך, נעהמט איהם אויף פריינדליך! און איך בין זיכער אז ער וועט קומען. איהר זייט דאָך אמאָל געווען אזעלכע גרויסע גוטע פריינד. און דערצו זייט איהר דאָך פעראינטערעסירט אין דעמזעלבען שטודיום — אין דעמזעל־בען צווייג פון וויסענשאפט — אויף ווי ווייט איך פערשטעה.

טעסמאן: וועניגסטענס, זיינען מיר געווען פריינד.

פרוי עלוואסטעד: דעריבער בעט איך דאָס אזוי שטארק, אז איהר — איהר אויך — זאָלט האָבען אן אויג אויף איהם. אָה, איהר וועט עס מיר פערשפּרעכען, הערר טעסמאן — ניט וואהר?

טעסמאן: איך פערזיכער אייך, אז איך וועל טהאָן פאר עילערט׳ן אלץ וואָס איך קען נור. איהר מעגט זיך פערלאָזען אויף מיר.

פרוי עלוואסטעד: אָה, ווי זעהר, זעהר פריינדליך דאָס איז פון אייער זייט! (דריקט איהם די האַנד) איך דאנק, איך דאנק! (דערשלאָגען) איהר פערשטעהט, מיין מאן האלט אזוי פיעל פון איהם.

העדדא: (שטעהט אויף) דו האָסט געדארפט שרייבען צו איהם, טעסמאן. אפשר וועט ער ניט וועלען קומען צו דיר אונגעבעטען.

טעסמאן: יאָ, אפשר איז עס טאקי רעכט, העדדא? הא?

העדדא: און וואָס שנעלער, אלץ בעסער. און פאר וואָס טאקע ניט גלייך?

פרוי עלוואסטעד: (מיט געבעט) אָה, ווען איהר וואָלט עס געטהאָן!

ט ע ס מ א ן: איך וועל די מינוט שרייבען. האָט איהר זיין אדרעס, פרוי — פרוי עלווסטעד?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא. (נעהמט ארויס א בלעטיל פאַ־פיער פון איהר טאש און דערלאנגט איהם) אָט איז עס.

ט ע ס מ א ן: גוט גוט. אָט געה איך אריין — (זוכט עפּעס ארום זיך) יא, וואו זיינען מיינע פאנטאָפעל? אך, דאָ. (נעהמט דעם פּעקיל און וויל געהן.)

ה ע ד ד א: זעה נור איהם אָנצושרייבען א ווארימען, פריינדליכען בריעף. און א רעכט לאַנגען אויך.

ט ע ס מ א ן: יא, איך וועל.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אָבער, איך בעט אייך, דער־מאָהנט נור ניט מיט קיין וואָרט, אז איך האָב עס אויפגעטהאָן.

ט ע ס מ א ן: ניין ווי קענט איהר גאָר דענקען, אז איך וואָלט דאָס געטהאָן? הא?

(ער געהט ארויס רעכטס דורך דעם מיטעלסטען צימער.)

ה ע ד ד א: (געהט צו צו פרוי עלווסטעד, שמייכעלט און זאָגט איין א נידעריגע שטימע) נו, אָט האָבען מיר געטראָפען צוויי האזען מיט איין קלאַפּ.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: וואָס מיינט איהר דערמיט?

ה ע ד ד א: האָט איהר ניט פערשטאנען אז איך האָב גע־וואָלט ער זאָל אוועקגעהן?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, שרייבען דעם בריעף —

ה ע ד ד א: און כדי איך זאָל מיט אייך קענען ריידען אליין.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (צוטראָגען) וועגען דעמזעלבען געגענשטאנד?

ה ע ד ד א: יא, פונקט אזוי.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (ענגסטליך) אָבער עס איז ניטאָ מעהר וואָס צו רעדען, פרוי טעסמאן! אבסאָלוט ניטאָ!

ה ע ד ד א: אה, יא, עס איז דאָ. זעהר פיעל מעהר —

איך זעה עס. זעצט זיך אַט דאָ און מיר וועלען זיך גאַנץ בעקוועם און פערטרויליך דורכשמועסען.

(זי צווינגט פרוי עלוסטעד זיך צו זעצען אין דעם לעהן־שטוהל וואָס נעבען אויוועז, און זעצט זיך אליין אויף איינעם פון די פוס־ביינקלעך.)

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (ענגסטיג, קוקט אויף איהר זייגער) אָבער, מיין ליעבע פרוי טעסמאַן — איך האָב ווירקליך גאָר געדאַרפט אוועקגעהן.

ה ע ד ד א: אה, וואָס האָט איהר זיך אזוי צו איילען? נו, דערצעהלט מיר עפּעס ווי עס געהט איך ביי איך אין הויז.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אָה, וועגען דעם וואָלט איך בעסער וואָס ווייניגער וועלען רעדען.

ה ע ד ד א: אָבער מיט מיר, מיין ליעבע — ? מיר זיינען דאָך געגאַנגען אין איין שוהל.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, אָבער איהר זייט געווען איין קלאַס העכער פאַר מיר. אָה, ווי איך האָב דאַן מורא געהאַט פאַר איך!

ה ע ד ד א: מורא געהאַט פאַר מיר?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, שרעקליך. וואָרים ווען מיר מיר פלעגען זיך בעגעגענען אויף די טרעפּ, פלעגט איהר מיר אַלעמאָל רייסען פאַר די האָאַר.

ה ע ד ד א: פלעג איך עס טהאָן, ווירקליך?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, און איינמאָל האָט איהר געזאָגט, אז איהר וואָלט וועלען מיר פערברענען די האָאַר אויפ'ן קאָפּ.

ה ע ד ד א: אה, דאָס זיינען אַלץ געווען קינדערייען, פערשטעהט זיך.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, אָבער איך בין דאַמאָלס געווען אזוי נאַריש. — און אויסער דעם, זינט פון דער שוהל

האָבען מיר זיך אזוי דערוויטערט איינע פון די אנדערע. אונזע־רע ווייזען זיינען געווען אזוי וויט פערשיעדען.

ה ע ד ד א: נו, גוט, מיר מוזען זעהען זיך ווידער צונויפ־צוקומען. איצט האָרכט נור! אין שוהל פלעגען מיר זיך „דו“־צען און פלעגען רופען איינע די אנדערע ביים ערשטען נאָמען —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, איך בין זיכער אז איהר האָט א טעות.

ה ע ד ד א: איך האָב שוין גאָר ניט קיין טעות! איך גע־דענק עס גאַנץ קלאָר. איז לאָמיר איצטער אָבפרישען אונזער אל־טע פריינדשאפט. (רוקט צו דאָס פוס־בייַנקעל נעהנטער צו פרוי עלווסטעד.) נו, אָט אזוי! (קושט איהר אין באק) איהר מוזט מיר זאָגען „דו“ און מיך רופען העדדאַ.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (דריקט און גלעט איהר די הענד) אה, ווי גוט און ליעבליך איהר זייט! איך בין ניט געוועהנט צו אזא ליעבליכקייט.

ה ע ד ד א: זעהסטו! און איך וועל דיר אויך זאָגען „דו“, ווי אין די אמאָליגע צייטען, און וועל דיך רופען מיין ליעבע טהאָרא.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: מיין נאָמען איז טייא.

ה ע ד ד א: אך. געוויס! איך מיין טייא. ((קוקט אויף איהר מיט מיטלייד) אזוי, ביזט ניט געוועהנט צו גוטסקייט און ליעבליכקייט, טייא? אין דיין אייגענער היים אויך ניט?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אה, ווען איך וואָלט געהאט א היים! איך האָב אָבער ניט — איך האָב קיינמאָל ניט געהאט קיין היים.

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהר א מינוט) מיר האָט זיך גע־דאכט כמעט אזוי.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (קוקט האָפנונגסלאָז פאָר זיך) יא — יא — יא.

ה ע ד ד א: איך געדענק ניט גענוי — ביזט דאכט זיך פון אָנהויב אָנגעקומען צו הערר עלוואָסטעד אלס הויז־דאמע?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אייגענטליך בין איך אָנגעקומען צו איהם אלס גובערנאנטין. נור זיין פרוי — זיין זעליגע פרוי — איז געווען א קרענקליכע, איז זעלטען־ווען ארונטער פון בעט. נו, האָב איך געמוזט אויפפאסען אויפ'ן הויז אויך.

ה ע ד ד א: און דאן — ענדליך — ביזטו געוואָרען די באלעבאָסטע פון הויז?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (אומעטיגלעך) יא, איך בין געוואָרען.

ה ע ד ד א: לאָמיר זעהען — אַן ערך ווי לאנג צוריק איז עס?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: זינט מיין חתונה?

ה ע ד ד א: יא.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: עס איז פינף יאָהר.

ה ע ד ד א: טאקע, עס מוז שוין זיין אזוי לאנג.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אָה, די דאָזיגע פינף יאָהר —! יעדענפאלס די לעצטע צוויי אָדער דריי יאָהר! אך, ווען איהר קענט זיך דאָס פאָרשטעלען —

ה ע ד ד א: (גיט איהר א לייכטען פאַטש איבער'ן האנד) „איהר"? פע, טייא!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, יא, איך וועל פרובירען — אָה, ווען דו וואָלסט זיך נור געקענט פאָרשטעלען און פערשטעהן —

ה ע ד ד א: (זאכט) עילערט לאָוובאָרג איז געווען אין דיין נאכבארשאפט ארום דריי יאָהר, ניט וואהר?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (קוקט איהר אָן אונזיכער) עילערט לאָווּבאָרג? יא, — ער איז געווען.

ה ע ד ד א: האָסטו איהם געקענט פון פריהער, דאָ אין שטאָדט?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: כמעט גאָר ניט. איך מיין — איך האָב געהערט זיין נאָמען, נאַטירליך.

ה ע ד ד א: אָבער דו האָסט איהם אָפט געזעהן דאָרט'ן אויפ'ן לאַנד?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, ער פלעגט קומען צו אונז יעדען טאָג. דו פערשטעהסט, ער פלעגט קומען לערנען מיט די קינדער, דען שפּעטער־צו האָב איך ניט געקענט טהאָן אלעס אליין.

ה ע ד ד א: יא, דאָס פערשטעהט זיך. — און דיין מאַן? איך שטעל מיר פאָר אז ער איז אָפט ניטאָ אין דער היים?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, דו ווייסט דאָך, אלס לאַנד־ריכטער האָט ער אַ סך ארומצופאָהרען אין זיין בעצירק.

ה ע ד ד א: (שפּאַרט זיך אָן אן זייט שטוהל) טייא, מיין ארימע, ליבע טייא — איצט מוזטו מיר אלעס דערצעהלען — גענוי ווי די זאַך שטעהט.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: נו, דאַן מוזטו מיר שטעלען פראגען.

ה ע ד ד א: וואָס פאַר אַ סאָרט מענש איז דיין מאַן, טייא? איך מיין, פערשטעהסט, אין געוועהנליכען לעבען. איז ער גוט צו דיר?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (אויסווייכענדיג) איך בין זי־כער, אז זיין מיין איז אַ גוטער אין אלץ וואָס ער טהוט.

ה ע ד ד א: מיר דאַכט, אז ער מוז גאָר אין גאַנצען זיין צו־אַלט פאַר דיר. עס מוז אודאי זיין אַן אונטערשיעד פון צוואַנ־ציג יאָהר צווישען אייך, איז עס ניט אזוי?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (אונרוהיג) יא, דאָס איז אויך ריכטיג. ער איז מיר אין אלץ צו־ווידערליך! מיר האָבען ניט גע־מיינשאַפטליך צווישען אונז קיין איינציגען געדאַנקען. קיין פּונקט פון סימפּאַטיע צווישען איהם און מיר.

ה ע ד ד א: אָבער ליעבט ער דיך דען ניט ווי־פיעל עס איז? אויף זיין אייגענעם שטייגער?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: איך ווייס ווירקליך ניט. איך דענק אז ער האלט מיך בלויז פאר א ניצליך אייגענטום. און דער־צו קאָסט ניט פיעל מיך אויסצוהאלטען. איך בין ניט טייער.

ה ע ד ד א: דאָס איז פון דיר א נארישקייט.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) עס קען אנדערש ניט זיין — ניט מיט איהם. איך דענק ניט אז איהם אהרט פאר וועמען עס איז, א חוץ פאר זיך אליין — און אפשר פיעל־ווינציג פאר די קינדער.

ה ע ד ד א: און פאר עילערט לאָוובאָרג, טייא?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (קוקט אויף איהר) פאר עילערט לאָוובאָרג? ווי קומט דיר דאָס אויפ'ן זינען?

ה ע ד ד א: אָבער, מיין טייערע, מיר דאכט, אויב ער קען דיך שיקען פון זיינעטוועגען אזא מהלך אהער אין שטאָדט — (שמייכעלט קוים צו בעמערקען) אויסערדעם, האָסטו עס דאך אליין געזאָגט טעסמאן'ען.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (מיט א נערוועזען צוק) האָב איך אזוי געזאָגט? יא, מסתמא האָב איך. (העפטיג אָבער ניט הויך) ניין — איך וועל דיר בעסער אלץ גלייך ערקלערען! דען די זאך מוז ארויסקומען יעדענפאלס.

ה ע ד ד א: וואָס הייסט, מיין ליבע טייא? —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: נו, אלזא, קורץ און גוט: מיין מאן האָט ניט געוואוסט אז איך פאָהר.

ה ע ד ד א: וואָס! דיין מאן האָט עס ניט געוואוסט!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, עס פערשטעהט זיך אז ניט. דעם אמת גערעדט, איז ער אליין גאָר צו־הויז ניט געווען — ער איז געווען אויף דער רייזע. אה, העדדא, איך האָב עס שוין מעהר ניט געקענט אויסהאלטען! איך האָב ווירקליך ניט גע־קענט — לעבען דאָרטען ווייטער גאָר איינגאנצען איינע אליין.

ה ע ד ד א: נו, איז וואָס דאן?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: האָב איך מיר איינגעפּאקט ווי

פיעל עס איז פון מיינע זאכען — דאָס נויטיגסטע וואָס איך האָב געמוזט — אזוי שטיל ווי מעגליך. און האָב פערלאָזט דאָס הויז.

ה ע ד ד א: האָסט קיינעם גאָרנישט געזאָגט?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין — און האָב גענומען די באהן דירעקט אהער.

ה ע ד ד א: אך, מיין ליעבע, גוטע טייא — בערעכען, אז דו זאָלסט וואגען טהאָן אזא זאך!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (שטעהט אויף און געהט ארום אין צימער) וואָס דען האָב איך אנדערש געקענט טהאָן?

ה ע ד ד א: אָבער וואָס דענקסטו וועט דיין מאן זאָגען, ווען דו קומסט ווידער אהיים?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (נעבען טיש, קוקט אויף איהר) קומען צוריק צו איהם?

ה ע ד ד א: עס פערשטעהט זיך.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: איך וועל קיינמאָל ניט געהן צוריק צו איהם.

ה ע ד ד א: (שטעהט אויף און געהט צו צו איהר) הייסט עס, דו האָסט פערלאָזען דיין היים אין גאנצען אויף אייביג?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, עס איז מיר קיין אנדער זאך ניט געבליבען צו טהאָן.

ה ע ד ד א: אָבער דאָך — נעהמען און ענטלויפען אזוי אָפען.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אה, אזעלכע זאכען קען מען בסוד ניט האלטען.

ה ע ד ד א: אָבער וואָס קלערסטו וועלען מענשען זאָגען וועגען דיר, טייא?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: זיי מעגען זאָגען וואָס זיי ווילען — מיך אהרט ניט. (זעצט זיך מיעד און אומעטיג אויפ'ן זאָפאַ) איך האָב געטהאָן דאָס וואָס איך האָב געמוזט.

ה ע ד ד א: (נאָך א קורצער פּאוזא) און וואָס זיינען דיינע פּלענער איצטער? וואָס דענקסטו צו טהאָן?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: איך וויים נאָך ניט. איך וויים נור איינס, אז איך מוז לעבען דאָ וואו עילערט לאָווּבאָרג איז — אויב איך קען איבערהויפּט לעבען.

ה ע ד ד א: (נעהמט א שטוהל פון ארום טיש, זעצט זיך נעבען איהר און גלעט איהר די הענד) מיין ליעבע טייאַ — ווי אזוי איז ענטשטאנען אָט די — די פריינדשאַפט־פערהעלטניס — צווישען דיר און עילערט לאָווּבאָרג?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אה, עס איז אויסגעוואקסען ביסלעכוויי. איך האָב געקריגען אויף איהם א געוויסען איינפלוס.

ה ע ד ד א: אזוי?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ער האָט אויפגעגעבען זיינע אלטע געוואוהנהייטען, ניט ווייל איך האָב איהם געבעטען ער זאָל דאָס טהאָן; דאָס האָב איך קיינמאָל ניט געוואגט. עס פערשטעהט זיך, ער האָט געזעהן ווי זיי זיינען מיר צו־ווידערליך, האָט ער זיי אוועקגעוואָרפען.

ה ע ד ד א: (פערשטעלט א ניט־ווילענדיג שפּאָטישען שמייכעל) דו האָסט איהם, הייסט עס, ארויסגעצויגען פון זומפּף — ווי עס רעדט זיך — מיין קליינע טייאַ.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ער זאָגט עס אליין, יעדענפאלס. ער ווידער, פון זיין זייט, האָט פון מיר געמאַכט א ווירקליכען מענשען — ער האָט מיך געלערנט דענקען און פערשטעהן אזויפיעל זאכען.

ה ע ד ד א: האָט ער ד י ר אויך געגעבען שטונדען, הייסט עס?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: נון, מען קען עס ניט אָנרופען אקוראט שטונדען. אָבער ער פלעגט רעדען מיט מיר — רעדען וועגען אזויפיעל פערשיעדענע זאכען. און דאן איז געקומען די

שעהנע גליקליכע צייט, ווען איך האָב אָנגעהויבען נעהמען אנטייל אין זיין ארבייט — ווען ער האָט מיר ערלויבט איהם צו העלפען!

ה ע ד ד א: אזוי — ער האָט דיך געלאָזען?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא! ער האָט קיינמאָל אָהן מיין הילף גאָרנישט ניט געשריבען.

ה ע ד ד א: איהר זייט, הייסט עס, געווען צווישען זיך גוטע קאמעראַדען?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (היציג) קאמעראַדען! יא, שטעל זיך פאָר, העדדא — פונקט דאָס אייגענע וואָרט וואָס ער האָט געברויכט! — אה, איך האָב זיך געדאַרפט שעצען פאָל־קאָם גליקליך. און דאָך קען איך עס ניט, וואָרים איך וויים ניט ווי לאנג דאָס וועט אָנהאַלטען.

ה ע ד ד א: אזוי וועניג קענסטו זיך אויף איהם פערלאָ־זען?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (אומעטיגלעך) דער שאָטען פון א פרוי שטעהט צווישען עילערט לאָוובאָרג און מיר.

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהר ענגסטיג) ווער קען דאָס זיין?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: איך וויים ניט. איינע, וועל־כע ער האָט געקענט אין זיין — אין זיין פערגאנגענהייט. אזא איינע, וועמען ער האָט קיינמאָל אינגאנצען ניט געקענט פערגע־סען.

ה ע ד ד א: וואָס האָט ער דיר געזאָגט — וועגען דעם?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: איינמאָל נור — אזוי פערביי־געהענדיג — האָט ער דערמאָהנט וועגען דעם.

ה ע ד ד א: נו, און וואָס האָט ער דאַן געזאָגט?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ער האָט געזאָגט, אז ווען זיי זיינען זיך פונאנדערגעגאנגען, האָט זי געוואָלט איהם שיסען מיט א פיסטאָלעט.

ה ע ד ד א: (קאלט און בעהערשט) אך, אונזין! קיינער טהוט דאָ ניט אזוינע זאכען.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, דעריבער דענק איך אז דאָס האָט געמוזט זיין יענע רויט-האָריגע זינגערקע, מיט וועלכער ער האָט אַ געוויסע צייט —

ה ע ד ר אַ: יא, זעהר מעגליך.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: וואָרים איך געדענק ווי מען פלעגט זאָגען אויף איהר אז זי טראָגט זיך ארום מיט אַנגעלאָדענע וואפען.

ה ע ד ר אַ: אָה — דאן איז עס זיכער, אז זי האָט דאָס געמוזט זיין.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (ברעכט די הענד) און איצט שטעל זיך נור פאָר, הערדא —איך האָב געהערט, אז די דאָזיגע זינגערקע — אז זי איז ווידער דאָ אין שטאָדט! אָה, איך ווייס ניט וואָס צו טהאָן —

ה ע ד ר אַ: (קוקט צום הינטערסטען צימער צו) שאַ! אָט קומט טעסמאַן: (שטעלט זיך אויף און זאָגט איהר שטיל) טייא — דאָס אַלעס מוז בלייבען צווישען אונז.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (שפרינגט אויף) אַה, יא — יא! אום גאָטעס ווילען — !

(זשאָרזש טעסמאַן מיט א בריעף אין האַנד, קומט אריין פון הינ-טערסטען צימער.)

ט ע ס מ אַ ן: נו, שוין — די מגילה איז פארטיג.

ה ע ד ר אַ: דאָס איז גוט. פרוי עלווסטעד וויל שוין טאקע אוועקגעהן. ווארט א מינוט — איך וועל מיט דיר צוגעהן ביז'ן טויער.

ט ע ס מ אַ ן: דענקסטו ניט, הערדא, אז בערטא וואָלט געקענט אוועקטראָגען דעם בריעף אויף דער פּאָסט?

ה ע ד ר אַ: (נעהמט דעם בריעף) איך וועל איהר זאָגען.

(בערטא געהט אריין פון קאָרידאָר.)

ב ע ר ט אַ: ריכטער בראַק איז דרויסען און לאָזט פרעגען צי די מאדאָם וויל איהם אויפנעהמען.

הערדא: יא, בעט ריכטער בראק אריין. און זעהט נור — לעגט אוועק דעם בריעף אויף דער פּאָסט.

בערטא: (נעהמט דעם בריעף) יא, מאַדאַם.

(זי עפענט די טיר פאר ריכטער בראַק און געהט אליין ארויס. בראק איז א מאַן פון פינף און פערציג, דיקלעך אָבער גוט געבויט און שעהן־ריהרעוודיג. ער האָט א קיילעכיג געזיכט מיט אַן אריסטאָקראַ־טישען פּראָפיל; קורצע, גאנץ שווארצע האאר, זאָרגפעלטיג פערקאַמט; לעבהאפטע און פינקעלדיגע אויגען, דיקע ברעמען און שנור־בארד. געקליידעט אין אַן עלעגאנטען אָנצוג, וועלכער איז א ביסעל צו־יונ־גענדליך פאר זיין עלטער. ער טראָגט אַ בריל, וועלכע ער נעהמט אלע ווײלע אַרונטער.)

ריכטער בראק: (פערנייגט זיך מיט'ן הוט אין האַנד) מעג מען וואגען אָבצושטאטען א וויזיט אזוי פריה?

הערדא: געוויס מעג מען.

טעסמאן: (דריקט איהם די האַנד) איהר זייט ווילקאָמען צו יעדער צייט (שטעלט איהם פאָר:) ריכטער בראק — פרייליין ריי־זינג.

הערדא: אָך! —

בראק: (פערנייגט זיך) זעהר אנגענעהם —

הערדא: (קוקט אויף איהם און לאכט) עס איז א פער־גניגען אייך אָנצוקוקען ביי טאָג, הערר ריכטער!

בראק: געפינט איהר אז איך זעה אויס אנדערש?

הערדא: עטוואָס יונגער, גלויב איך.

בראק: איך דאנק בעסטענס.

טעסמאן: אָבער וואָס דענקט איהר וועגען הערדא — הא? זעהט זי ניט אויס בליהענד? זי איז ווירקליך —

הערדא: אָה, לאָז מיך געמאך. דו האָסט נאָך ניט בע־דאנקט ריכטער בראק פאר זיין מיהע וואָס ער האָט זיך גענומען —

בראק: אך, אונזין — דאָס איז פאר מיר געווען א פערגעניגען —

הערדא: יא, איהר זייט אן אמת'ער פריינד. אָבער טייא ווארט מיט אונגעדולד אוועקצוגעהן — נו, צום ווידערזעהן, הערר ריכטער. איך קום באלד צוריק.

(זיי זעגענען זיך. פרוי עלווסטעד און הערדאַ געהען ארויס דורך די פאַרצימער טיר.)

בראק: נו — איז אייער פרוי עפּעס צופריעדען —

טעסמאן: יא, מיר קענען אייך גאָר ניט אָבדאנקען. נאטירליך, זי מיינט אז מען וועט דארפען איינינגע זאכען איבער־שטעלען און וואָס־עס־איז נאָך צו קריגען. מיר וועלען נאָך מוּ־זען איינקויפען פערשיעדענע קלייניגקייטען.

בראק: אזוי גאָר?

טעסמאן: מיר וועלען אָבער אייך ניט מעהר בעמיהען וועגען די איבעריגע זאכען. הערדא זאָגט אז זי וועט שוין אליין אויפּפּאסען דערויף. — אפשר וועלען מיר זיך צו־זעצען, הא?

בראק: דאנקע, מען קען זיצען א ווײלע. (זעצט זיך נעבען טיש) איך האָב מיט אייך וועגען עפּעס געוואָלט רעדען, מיין ליעבער טעסמאן.

טעסמאן: אזוי? אָה, איך פערשטעה! (זעצט זיך איצטער, רעכען איך, קומט אויף דער רייה דער ערנסטער טייל פון דער שמחה, הא?

בראק: אָה, די געלד־פראגע האָט נאָך צייט; הגם, אז עס האלט שוין דערביי, וואָלט איך דערמאָנט, אז מיר האָבען גע־דארפט זיין א ביסעל מעהר עקאָנאָמיש.

טעסמאן: אָבער איהר ווייסט דאָך, אז דאָס האָט ניט געקענט געהן! דענקט נור וועגען הערדאַ, מיין ליעבער מענש! איהר קענט דאָך זי אזוי גוט — איך האָב אויף קיין פאַל איהר ניט געקענט אָנמוטען א געמיין־בעל־הבית'שען לעבען.

בראק: ניין, ניין — דאָס איז טאקע די צרה.

טעסמאן: און דאן — גליקליכערווייז — קען עס דאָך לאנג ניט דויערן ביז איך בעקום מיין שטעלע.

ב ר א ק: יא, איהר פערשטעהט — אזוינע זאכען טרעפט אז זיי פערציהען זיך א שטיק צייט.

ט ע ס מ א ן: האָט איהר געהערט עטוואָס בעשטימטעס, הא?

ב ר א ק. גאנץ בעשטימטעס ניט — (האקט זיך אָב) יא, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? — איך האָב פאר אייך א שטי־קעל נייעס.

ט ע ס מ א ן: נו, וואָס?

ב ר א ק: אייער אלטער פריינד, עילערט לאָווּבאָרג, איז דאָ ווידער אין שטאָדט.

ט ע ס מ א ן: דאָס ווייס איך שוין.

ב ר א ק: אזוי! פון וועמען האָט איהר זיך דערוואוסט?

ט ע ס מ א ן: דורך יענע דאמע, וועלכע איז אקאָרשט ארויסגעגאנגען מיט העדדאַ.

ב ר א ק: ווירקליך? ווי האָט זי געהייסען? איך האָב ניט גוט געהערט.

ט ע ס מ א ן: פרוי עלווסטעד.

ב ר א ק: אהא — לאנדריכטער עלווסטעד'ס פרוי? עס פערשטעהט זיך — ער האָט געוואוינט דאָרטען אין זייערע גע־גענדען.

ט ע ס מ א ן: און שטעלט זיך נור פאָר — צו מיין גרוי־סער פרייד הער איך אז ער איז ווידער געוואָרען א גאנץ אנ־שטענדיגער מענש!

ב ר א ק: יא, אזוי זאָגט מען.

ט ע ס מ א ן: און דאן האָט ער אָבגעדרוקט א נייעס בוך, הא?

ב ר א ק: יא, אזוי איז עס.

ט ע ס מ א ן: און איך הער, אז ער האָט געמאכט א גע־וויסען רושם!

ב ר א ק: גאָר אַן אונגעוועהנליכען רושם.

טעסמאן: שטעלט זיך פאר! איז עס ניט גוטע נייעס? א מאן מיט אזא אויסערגעוועהנליכען טאלאנט. — עס האט מיר אזוי לייד געטהאן ווען איך האב געדענקט אז ער איז שוין געוועזן אינגאנצען א פערפאלענער.

בראק: דאס האבען אלע אזוי געדענקט.

טעסמאן: איך קען אבער גאר ניט פערשטעהן צו וואס ער וועט זיך איצטער נעהמען! וואו וועט ער געפינען זיך צו פערדינגען אויפ'ן לעבען, הא?

העדדא: (איז אריינגעקומען דורך די פארצימער-טיר, אונטערכאפענדיג די לעצטע ווערטער. זאגט צו בראק מיט א שפאטישען געלעכטער:) טעסמאן זארגט זיך נאכאנאנד פאר אלעמען פון וואנען זיי וועלען נעהמען צו לעבען.

טעסמאן: נו, זעהסטו, מיין טייערע, — מיר האבען גערעדט וועגען דעם ארימען עילערט לאוובארג.

העדדא: (גיט אויף איהם א שנעלען קוק) אך, אזוי? (זעצט זיך אין לעהנשטוהל נעבען אויווען און פרעגט גלייכגילטיג) וואס איז דען דער מעהר מיט איהם?

טעסמאן: נו, זיין פערמעגען האט ער אודאי שוין לאנג אויסגעבראכט, און ער קען דאך ניט אנשרייבען אלע יאהר א נייעס בוך — הא? נו, קען איך ווירקליך ניט פערשטעהן וואס עס קען ווערען פון איהם.

בראק: וועגען דעם פונקט קען איך אייך אפשר עטוואס דערצעהלען.

טעסמאן: ווירקליך!

בראק: איהר מוזט געדענקען אז זיינע קרובים האבען א היבש ביסעל איינפלוס.

טעסמאן: אה, צום אונגליק האבען זיינע קרובים זיך אינגאנצען אבגעזאגט פון איהם.

בראק: פריהער אבער האבען זיי איהם אנגערופען די האפנונג פון דער פאמיליע.

טעסמאן: פריהער יא! ער האָט אָבער געמאַכט אַ סוף פון אַלעם.

העדדא: ווער ווייס? (מיט א לייכטען שמייכעל) איך הער אז דאָרט'ן אין'ם לאַנדריכטער עלוועסטעד'ס הויז איז ער גאָר א נייער מענש געוואָרען —

בראק: און דאן דאָס בוך וואָס ער האָט איצט אָבגע־דרוקט —

טעסמאן: יא, איך האָף אז זיי וועלען געפינען פאר איהם עפּעס וואָס צו טהאָן. איך האָב איהם אקאָרשט געשריבען. איך האָב איהם געבעטען, ליעבע העדדא, ער זאָל קומען אונז בע־זוכען נאָך היינט אין אָוונד.

בראק: אָבער, מיין ליעבער פריינד, היינט אין אָוונד מוזט איהר דאָך גאָר זיין ביי מיר אויף מיין בחור'שע וועטשערינקע. איהר האָט דאָס מיר פערשפּראָכען נאָך לעצטע נאכט אויפ'ן שיף־בריק.

העדדא: האָסטו פערגעסען, טעסמאן?

טעסמאן: יא, איך האָב אינגאַנצען פערגעסען.

בראק: עס מאכט ניט, וואָרים איהר מעגט זיין זיכער, אז ער וועט ניט קומען.

טעסמאן: פאר וואָס דענקט איהר אזוי, הא?

בראק: (עטוואָס אונוויליג, שטעהט אויף און שפּארט זיך אָן הינטערן שטוהל) מיין ליעבער טעסמאן — און איהר אויך, מאַ־דאַם טעסמאַן — איך רעכען אז איך טאָר אייך ניט האַלטען אין דונקעלען וועגען עפּעס, וואָס — וואָס —

טעסמאן: וואָס איז נוגע עילערט'ן —?

בראק: וואָס איז נוגע אייך ביידען.

טעסמאן: נו, מיין ליעבער ריכטער, אַרויס דערמיט!

בראק: איהר מוזט זיין פּאָרבערייט פאר דעם פאַל, אז אייער קריגען די שטעלע קען אָבגעלעגט ווערען אויף לענגער ווי איהר ווינשט אָדער ערוואַרטעט.

טעסמאן: (שפרינגט אויף אונרוהיג) איז עפּעס דאָ אָן אָבהאַלט אין דעם, האַ?

בראַק: עס קען זיין, אז די שטעלע וועט אוועקגעגעבן ווערען ערשט נאָך דעם ווי עס וועט געהאַלטען ווערען א קאָנקורס־נער עקזאַמען —

טעסמאַן: א קאָנקורסנער עקזאַמען! דענק נור, העדדאַ!

העדדאַ: (שפּאַרט זיך אָן טיעפער אין שטוהל) אהאַ — אהאַ!

טעסמאַן: ווער קען אָבער זיין מיין קאָנקורענט? געווים ניט צווישען מיר אגן —?

בראַק: גראָד יאַ — עילערט לאָווב‍אָרג.

טעסמאַן: (נעהמט צונויף די הענד) ניין, ניין — עס איז גאַנץ אונבעגרייפליך! גאַנץ אונמעגליך! האַ?

בראַק: ה'ם — מיר קענען אָבער דאָך ערוואַרטען.

טעסמאַן: אַך, אָבער, הערר ריכטער, דאָס וואָלט דאָך געהייסען בעגעהן אַנטקעגען מיר אַן אונגלויבליכע עולה. (זשעסטיקולירט שטאַרק מיט די הענד) וואָרים, בעדענקט נור — איך בין א פערהייראַטער מאַן! מיר האָבען געהייראַט; מיר האָבען געבאָרגט געלד אַפילו פון טאַנטע יוליאַ. אַך מיין גאָט! זיי האָבען מיר אזוי גוט ווי פערשפּראָכען די שטעלע — האַ?

בראַק: נאַ, נאַ — ס'איז קיין צווייפעל, אז איהר וועט ענדליך קריגען די שטעלע; נאָר ניט אָהן א קאָנקורסיע.

העדדאַ: (שטייף אין איהר לעהנשטוהל) שטעל זיך פאָר, טעסמאַן, דאָס קען זיין אינטערעסאַנט אַלס א געוויסער ספּאָרט.

טעסמאַן: אָבער, מיין ליעבסטע העדדאַ, ווי אזוי קענסטו רעדען אזוי גלייכגילטיג וועגען דעם?

העדדאַ: (ווי פריהער) איך בין גאָר ניט גלייכגילטיג. איך בין העכסט נייגיריג צו זעהען ווער עס וועט געווינען.

בראַק: יעדענפאַלס, מאַדאַם טעסמאַן, איז עס בעסער

ווען איהר ווייסט ווי די זאך שטעהט. איך מיין — איידער איהר נעהמט זיך איינקויפען די אלע קלייניגקייטען, וועלכע איך הער אז איהר ווילט.

ה ע ד ר א: דאס קען ניט מאכען קיין אונטערשיעד.

ב ר א ק: אזוי? דאן האב איך מעהר גאר ניט וואס צו זאגען. אדיע! (צו טעסמאן) איך וועל זיך ארייננכאפען צו אייך געהענדיג צוריק פון מיין נאכמיטאג שפאצירגאנג און וועל אייך מיטנעהמען צו זיך אהיים.

ט ע ס מ א ן: יא, יא — אייערע נייעס האט מיך גאר צו־טומעלט.

ה ע ד ד א: (אהינטער בויגענדיג זיך אין שטוהל, שטרעקט אויס איהר האנד) אדיע, הערר ריכטער! געדענקט־זשע אריינצו־קומען נאך מיטאג.

ב ר א ק: איך דאנק פיעל מאל. אדיע, אדיע!

ט ע ס מ א ן: (בעגלייט איהם צו דער טיר) אדיע, מיין ליע־בער ריכטער! איהר מוזט מיר ווירקליך ענשולדיגען —

(ריכטער בראק געהט ארויס דורך דעם פארצימער.)

ט ע ס מ א ן: (געהט איבער'ן צימער) אה, העדדא — מען טאר קיין מאל זיך ניט ארייגלאזען אין ריזיקאלישע אונטערנעהמונ־גען. הא?

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהם מיט א שמייכעל) טהוסט ד ו דאס?

ט ע ס מ א ן: יא, העדדא — מען קען ניט זאגען, עס איז געווען ריזיקאליש צו געהען הייראטען און איינפיהרען א הויז אויף בלויזע ערווארטונגען.

ה ע ד ד א: און דעריין ביזטו אפשר גערעכט.

ט ע ס מ א ן: נו, יעדענפאלס האבען מיר אונזער פראכט־פאלע היים, העדדא! דענק נור, די היים, וועגען וועלכער מיר האבען ביידע געטרוימט — די היים, אין וועלכער מיר זיינען געווען פערליעבט, וואלט איך כמעט געקענט זאגען. הא?

העדדא: (שטעהט אויף לאנגזאם און מיעד) עס איז גע־ווען א טייל פון אונזער אָבמאַך, אז מיר זאָלען אריין אין „געזעל־שאפט" — האלטען אָן אָפען הויז.

טעסמאַן: ווען דו וואָלסט נור געוואוסט ווי איך האָב אויסגעקוקט אויף דעם! דענק נור — דיך צו זעהען אלס וויר־טהין — אין א געקליבענעם קרייז! הא? נו, נו —פאר דער־ווייל וועלען מיר זיך מוזען בעגעהן אָהן געזעלשאַפט, העדדא — די טאנטע יוליא וועלען מיר נור ווען־ניט־ווען איינלאדען. אָה, איך האָב געהאָפט, אז דו וועסט קענען פיהרען גאָר א גאנץ אנדער לעבען —!

העדדא: קיין דיענער אין ליוורעע, פערשטעהט זיך, וועל איך דערווייל ניט קענען האָבען.

טעסמאַן: אַך, ליידער ניט. וועגען האלטען א דיענער איז איצט גאָר ניט וואָס צו רעדען.

העדדא: און דעם רייט־פערד וואָס איך האָב געזאָלט האָבען —

טעסמאַן: (דערשראָקען) דעם רייט־פערד!

העדדא: וועגען דעם, הייסט עס, דארף איך איצט גאָר ניט טראכטען.

טעסמאַן: ניין, גאָט בעוואהר! דאָס איז זעלבסט־פערשטענדליך.

העדדא: (געהט דורכ'ן צימער) נו, איין זאך צום וועניגסטען וועל איך דאָך האָבען צו פערברייננגען די צייט דערמיט דערווייל.

טעסמאַן: (שטראהלט פאר פרייד) א דאנק גאָט דערפאר! און וואָס איז עס אזוינס, העדדא? הא?

העדדא: (אין מיטעלסטען דורכגאנג, קוקט אויף איהם מיט אונטערדריקטען צאָרן) דאָס זיינען מיינע פיסטאָלעטען, זשאָרזש.

טעסמאַן: (אין שרעק) דיינע פיסטאָלעטען!

הערדא: (מיט א קאלטען בליק) גענעראל גאבלער'ס פי־סטאָלעטען.

(זי געהט ארויס דורך דעם מיטעלסטען צימער, לינקס.)

טעסמאן: (לויפט צו דעם מיטעלסטען דורכגאנג און שרייט צו איהר:) ניין, אום גאָטעס ווילען, הערדא, טייערינקע — טשעפּע ניט יענע געפעהרליכע זאכען! טהו דאָס ניט, פון מיינעטוועגען, הערדא! הא?

צווייטער אַקט.

אַ צימער ביי טעסמאַן ווי אין ערשטען אקט. נור די פּיאַנאָ פעהלט, און אַנשטאָט איהר שטעהט אַן עלעגאַנטער קליינער שרייבטיש מיט ביכער־פּאָליצעס. נעבען דער זאָפאַ לינקס שטעהט א קלענערער טיש. פון אַלע בלומען־בוקעטען איז נור געבליבען פּרוי עלווסטעד׳ס בוקעט, פאַרענט אויפ׳ן גרויסען טיש. — עס איז נאָכמיטאָג.

העדדאַ, איבערגעטאָן אין א עמפּפאַנגס־אנצוג, איז אליין אין צימער. זי שטעהט נעבען דער אָפענער גלעזערנער טיר און לאָדט אָן א רעוואָלווער. דער צווייטער פון דער פּאָר ליעגט אין א אָפענעם פּיסטאָלעטען־שאַכטעל אויפ׳ן שרייב־טיש.

העדדאַ: (קוקט ארונטער אין גאָרטען און רופט:) אזוי, זייט איהר שוין ווידער דאָ, הערר ריכטער!

בראַק: (רופט פון ווייטען) יא, ווי איהר זעהט, מאַדאַם טעסמאַן!

העדדאַ: (הויבט אויף דעם פּיסטאָלעט און ציעלט) אָט דערשיס איך אייך, הערר בראַק!

בראַק: (רופט פון אונטען) ניין, ניין, ניין! ציעלט ניט פונקט אויף מיר!

העדדאַ: אָט דאָס קריגט מען ווען מען גנב׳ט זיך הינ־טער ארום. (זי שיעסט אויס.)

בראַק: (קומט נעהנטער) זייט איהר פון זינען אראָב —!

העדדאַ: וועה מיר — האָב איך אייך אפשר געטראָ־פען?

בראַק: (נאָך אלץ פון דרויסען) ווארפט דאָך אוועק די נאַ־רישע קונצען!

הע ד ד א: נו, קומט אריין, הערר ריכטער.

(ריכטער בראַק, אָנגעטאָן ווי פאר א מענער־אבענד, קומט אריין דורך די גלעזערנע טיר. ער טראָגט א לייכטען אויבערראָק אויפ'ן אָרעם.)

ב ר א ק: צום טייפעל — האָט אייך נאָך ניט דערעסען דער דאָזיגער ספאָרט? וואָס שיעסט איהר אייגענטליך?

ה ע ד ד א: אַך, איך שיעס נור גלאַט אזוי אין דער לופט.

ב ר א ק: (נעהמט זאכט ארויס דעם פיסטאָלעט ביי איהר פון האַנד) ערלויבט מיר, מאַדאַם! (קוקט אויף דעם) אַה, דעם פיסטאָלעט קען איך גוט! (קוקט זיך ארום) נו, אין דעם שפּיעל וועלען מיר היינט מעהר ניט שפּיעלען.

ה ע ד ד א: אָבער, אין הימעל'ס נאָמען, וואָס וואָלט איהר געוואָלט איך זאָל טהאָן מיט זיך?

ב ר א ק: האָט איהר גאָר ניט געהאַט קיין בעזוכער?

ה ע ד ד א: (מאכט צו די גלעזערנע טיר) קיין איינציגען ניט. איך רעכען אז אלע פון אונזער קרייז זיינען נאָך אויפ'ן לאנד.

ב ר א ק: און איז טעסמאַן אויך ניט צו הויז?

ה ע ד ד א: (נעבען שרייב־טיש, לעגט אריין דעם פיסטאָלעטען־שאַכטעל אין טיש־קעסטיל און פערמאכט עס.) ניין. גלייך נאָך אָנבייסען איז ער אוועקגעלאָפען צו זיין טאנטע. ער האָט אייך ניט ערווארט אזוי פריה.

ב ר א ק: ה'ם — ווי נאַריש דאָס איז געווען פון מיין זייט וואָס איך האָב וועגען דעם ניט געדענקט!

ה ע ד ד א: (דרעהט אום דעם קאָפּ אַ קוק צו טהאָן אויף איהם) פאר וואָס נאַריש?

ב ר א ק: ווייל אויב איך וואָלט געדענקט וועגען דעם, וואָלט איך געקומען אַ ביסעל — פריהער.

ה ע ד ד א: (געהט אריבער דעם צימער) דאן וואָלט איהר קיינעם ניט געפונען אייך אויפצונעהמען; ווארים איך בין גע־

װען אין מײן צימער די גאַנצע צײט נאָכ'ן אָנבײסען, און האָב זיך איבערגעטאָן.

ב ר א ק: און איז דאָרט ניטאָ עפּעס א שמאָלינקער שפּעל־טעל, דורך װעלכען מיר װאָלטען זיך געקענט דורכשמועסען?

ה ע ד ד א: איהר האָט פערגעסען צו לאָזען דאָס מאַכען.

ב ר א ק: דאָס איז געװען נאָך א שטיק נארישקײט פון מײן זײט.

ה ע ד ד א: נו, מיר מוזען אלזאָ זיך דאָ אװעקזעצען — און װארטען. טעסמאן װעט װאהרשײנליך נאָך ניט קומען צוריק אזוי גיך.

ב ר א ק: עס מאַכט ניט; איך װעל ניט זײן אונגעדולדיג.

(העדדא זעצט זיך אין א װינקעל פון זאָפע. בראַק לעגט אװעק זײן איבערראָק אויפ'ן הינטען פון נעהנסטען שטוהל, און זעצט זיך אַנידער, האַלטענדיג דעם הוט אין האַנד. א קורצע פּאַוזע. זײ קוקען זיך בײדע אָן.)

ה ע ד ד א: נו?

ב ר א ק: (אין דעמזעלבען טאָן) נו?

ה ע ד ד א: איך האָב געפרעגט צוערשט.

ב ר א ק: (בויגט זיך א ביסעל צו פאָרענט) לאָמיר געמיטליך א ביסעל פּלוידערן, מאַדאַם העדדא.

ה ע ד ד א: (שפּאַרט זיך אָב א ביסעל מעהר אויף הינטען אין זאָפע) זעהט עס ניט אויס װי א גאַנצע אײביגקײט זינט אונזער לעצטען געשפּרעך? נאַטירליך, איך רעכען ניט די עטליכע װער־טער פון געסטערן אָװענד און הײנטיגען פריהמאָרגען.

ב ר א ק: איהר מײנט זינט אונזער לעצטען אינטימען גע־שפּרעך? אונטער פיער אויגען?

ה ע ד ד א: נו, יא — אויב איהר רופט עס אזוי.

ב ר א ק: עס איז ניט אװעק א טאָג װען איך האָב ניט גע־װאונשען איהר זאָלט שוין װיעדער זײן צו הויז.

ה ע ד ד א: און עס איז ניט אוועק א טאָג, וואָס איך האָב זיך ניט געוואונשען דאָס אייגענע.

ב ר אַ ק: איהר? ווירקליך, מאַדאַם העדדאַ? און איך האָב געמיינט אז איהר האָט זיך אזוי פּראַכטפאָל אמוזירט אויף אייער רייזע!

ה ע ד ד אַ: אה, יא, איהר מעגט עס מיינען!

ב ר א ק: אָבער טעסמאַן'ס בריעף זיינען דאָך געווען אזעלכע פרעהליכע.

ה ע ד ד א: אַך, ט ע ס מ א ן! ער, זעהט איהר, דענקט אז קיין זאַך איז ניט אזוי אנגענעהם ווי צו ראָיען זיך אין ביבליאָטעקען און קאָפּירען אלטע פּארמעט־בלעטער, אָדער ווי עס הייסט דאָרטען.

ב ר אַ ק: (א ביסעל שטעכעדיג) נא, דאָס איז זיין בערוף אין לעבען — וועניגסטענס א טייל פון זיין בערוף.

ה ע ד ד א: יא, נאַטירליך; און פאַר אזעלכען מעג עס זיין אינטערעסאנט — אָבער איך! אָה, מיין ליעבער הער בראַק, ווי שטערבליך לאַנגווייליג מיר איז געווען.

ב ר א ק: (סימפּאַטיש) איז עס ווירקליך אזוי געווען? איהר מיינט עס ערנסט?

ה ע ד ד א: יא, איהר קענט עס דאָך פערשטעהן —! ארומפאָהרען גאַנצע זעקס מאָנאט, ניט בעגעגענדיג איין מענשען, וועלכער וויים כאָטש וויפיעל עס איז וועגען א ו נ ז ע ר קרייז, אָדער קען עפּעס זאָגען וועגען די זאכען וואָס אינטערעסירען אונז.

ב ר אַ ק: יא, יא — מיר וואָלט דאָס אויך געמאַנגעלט.

ה ע ד ד אַ: און דאַן, דאָס העכסט אונערטרעגליכסטע פון אלץ —

ב ר אַ ק: נו?

ה ע ד ד א: איז דאָס אייביגע זיין אין דער געזעלשאַפט פון — איין און דערזעלבער פּערזאָן —

ב ר א ק: (שאָקעלט צושטימענד מיט'ן קאָפּ) אין דער פּריה, בייטאָג און ביינאכט, יא — אין אַלע מעגליכע צייטען.

ה ע ד ד א: איך האָב געזאָגט „אייביג".

ב ר א ק: גאַנץ ריכטיג. איך זאָל עס אָבער דענקען, אז מיט אונזער פּאַרטרעפליכען טעסמאַן וואָלט מען געקענט —

ה ע ד ד א: טעסמאַן איז — אַ ספּעציאַליסט, מיין ליעבער ריכטער.

ב ר א ק: דאָס קען מען ניט אָבלייקענען.

ה ע ד ד א: און מיט ספּעציאליסטען ארומצורייזען איז גאָר ניט אמוזאַנט. ניט אויף לאַנג, יעדענפאלס.

ב ר א ק: אפילו ניט מיט דעם ספּעציאַליסט — וועלכען עס טרעפט אז מען האָט ל י ע ב ?

ה ע ד ד א: פוי — געברויכט ניט דעם חלשות'דיגן וואָרט.

ב ר א ק: (איבערראַשט) וואָס זאָגט איהר, מאַדאַם העדדא ?

ה ע ד ד א: (האַלב לאַכענדיג, האַלב בייזלענד) פּרובירט נור אַמאָל! מעהר גאָר נישט הערען ווי די געשיכטע פון ציוויליזאַציע, אין דער פּריה, ביי טאָג און ביי נאַכט —

ב ר א ק: אייביג.

ה ע ד ד א: יא, יא, יא! און דאַן די מעשה מיט דער הויזליכער אינדוסטריע פון מיטעלאַלטער — דאָס איז דאָס עקעלהאַפּטיגסטע פון אַלעס!

ב ר א ק: (קוקט איהר אָן פאַרשענדיג) זאָגט מיר אָבער — וויבאַלד אזוי, ווי זאָל איך זיך ערקלערען אייער — ? ה'ם —

ה ע ד ד א: מיין הייראַטען מיט זשאָרזש טעסמאַן, מיינט איהר ?

ב ר א ק: נו, יא, לאָמיר עס אזוי אויסדריקען.

ה ע ד ד א: מיין גאָט, איז דאָס ביי אייך אזא וואונדער ?

ב ר א ק: יא און ניין — מאַדאַם העדדא.

ה ע ד ד א: איך האָב פּאָזיטיוו זיך אָנגעטאַנצט ביז צום מיעד ווערען, מיין ליעבער ריכטער. מיין טאָג איז געווען צו ענד

— (לייכט אויפציטערענדיג) אָה, ניין! — דאָס וועל איך ניט זאָגען, און דענקען אויך ניט!

ב ר אַ ק: איהר האָט גאַנץ זיכער קיין גרונד ניט דאַפיר.

ה ע ד ד אַ: אַך, גרינדע — (בעטראַכט איהם געגוי) און זשאַרזש טעסמאַן — נאָך אַלעמען מוזט איהר צוגעבען אַז ער איז אַ העכסט קאָרעקטער מענש.

ב ר אַ ק: אַז ער איז קאָרעקט און רעספּעקטאַבעל — דערויין איז קיין צווייפעל ניט.

ה ע ד ד אַ: און איך זעה ניט אין איהם קיין זאַך וואָס זאָל זיין אַבסאָלוט לעכערליך. — זעהט איהר?

ב ר אַ ק: לעכערליך? נ־ניין — איך קען עס ניט זאָגען —

ה ע ד ד אַ: נו, און ער איז יערענפאַלס אַ זעהר פלייסיגער פאָרשער. איך זעה ניט איין, פאַרוואָס ער זאָל ניט קענען ווען עס איז זיך אַרויפאַרבייטען.

ב ר אַ ק: (קוקט אויף איהר ניט זיכער) איך האָב געגלויבט אַז איהר, אַזוי גוט ווי יעדער אַנדערער, ערוואַרטעט ער זאָל אַרויפשטייגען ביז'ן העכסטען שטאַפּעל.

ה ע ד ד אַ: (מיט אַ מיעדען אויסדרוק) יאָ, אַזוי האָב איך ערוואַרטעט — און דאַן, וויבאַלד ער איז געוועזען אַזוי ענטשלאָסען מיט אַלע זיינע קרעפטען מיך צו בעזאָרגען, זעה איך ווירקליך ניט איין, פאַר וואָס איך זאָל ניט האָבען אָנגענומען זיין האַנד.

ב ר אַ ק: יאָ — אויב איהר קוקט אויף דעם פון ד ע ר זייט —

ה ע ד ד אַ: דאָס איז געוועזען מעהר וויפיעל מיינע אַנדערע פערעהרער זיינען געוועזען בערייט צו טהאָן פאַר מיר, מיין ליעבער בראַק.

ב ר אַ ק: (לאַכט) נו, איך קען ניט ענטפערען פאַר אַלע אַי־בעריגע, אָבער וואָס עס בעטרעפט מיך אַליין, ווייסט איהר גאַנץ גוט, אַז איך האָב אימער געהאַט — אַ געוויסע אַכטונג פאַר דעם

באנד פון עהע — פאר דער עהע אלס אן אינסטיטוציע, מאדאם העדדא.

ה ע ד ד א: (שפאסהאפטיג) אה, אויף אייך, גלויבט מיר זי־בער, האב איך קיינמאל קיין האפנונגען ניט געהאט.

ב ר א ק: אלץ וואס איך פערלאנג, איז אן אנגענעהמער און אינטימער קרייז, וואו איך קען זיין בעהילפיג מיט ראטה און טהאט, און בין פריי ארייך־און־ארויס צו געהן — ווי א פערטרוי־טער פריינד —

ה ע ד ד א: פון דעם בעל־הבית פון הויז, מיינט איהר?

ב ר א ק: (פערנייגט זיך) אויפריכטיג געזאגט — פון דער בעל־הבית'טע די ערשטע זאך; עס פערשטעהט זיך פון בעל־הבית אויך, צווייטענס. אזא דרייווינקעלדיגע פריינדשאפט — אויב איך קען עס אזוי אנרופען — איז ווירקליך זעהר אנגענעהם פאר אלע דריי, לאזט מיר אייך זאגען.

ה ע ד ד א: יא, איך האב זיך פיעל מאל געוואונשען צו האבען ווער עס איז א דריטען אויף אונזערע רייזען. אך — דאס זיצען זאלבענאנד אין דער קופעע —!

ב ר א ק: צום גליק איז אייער האכצייטס־רייזע שוין פאר־איבער.

ה ע ד ד א: (שאקעלט מיט'ן קאפ) ניין, נאך לאנג, לאנג ניט. איך בין נור אנגעקומען דערווייל אויף א סטאנציע אונטער־וועגס.

ב ר א ק: נו, דאן שפרינגט מען ארויס און מען בעוועגט זיך א ביסעל, מאדאם העדדא.

ה ע ד ד א: איך שפרינג קיינמאל ניט ארויס.

ב ר א ק: ווירקליך ניט?

ה ע ד ד א: ניין — ווארים אימער געפינט זיך ווער עס איז, וואס —

ב ר א ק: (לאכט) וואס וואלט כאפען א קוק אויף אייערע קנעכלעך, מיינט איהר?

ה ע ד ד א: יא, ריכטיג.

ב ר א ק: נו, אָבער מיין גאָט —

ה ע ד ד א: (מאכט אוועק מיט'ן האנד) דאָס וויל איך ניט. איך בלייב שוין בעסער זיצען וואו איך בין, אין צווייען.

ב ר א ק: אָבער ווי איז א שטייגער, ווען א דריטע פּערזאָן שפּרינגט אריין און זעצט זיך צו צו דעם פּאָריל?

ה ע ד ד א: אה — דאָס איז שוין עפּעס אנאנדער זאך.

ב ר א ק: א פּערטרויטער, סימפּאטישער פריינד —

ה ע ד ד א: וועלכער קען אונטערהאלטען און פיהרען גע־שפּרעכען וועגען אלע מעגליכע געגענשטאנדען —

ב ר א ק: און איז א ברעקיל ניט קיין ספּעציאליסט...

ה ע ד ד א: (זיפצט אויף) יא, דאָס וואָלט טאקע געווען אן ערלייכטערונג.

ב ר א ק: (הערט ווי עס עפענט זיך די פאָדערסטע טיר און קוקט אהין צו) דער דריי־עק איז געשלאָסען.

ה ע ד ד א: און דער צוג פאָהרט ווייטער.

(זשאָרזש טעסמאן, אין א גרויען אנצוג מיט א ווייכען פילצע־נעם הוט, קומט אריין פון קאָרידאָר. ער טראָגט איניגע ניט־געבונדע־נע ביכער אונטער'ן אָרעם און אין די טאַשען.)

ט ע ס מ א ן: (געהט צו צום טיש נעבען דער זאָפע אין ווינ־קעל) פוה — וואָס פאר א שווערע משא אָט די אלע ביכער זיינען אין א הייסען טאָג! (לעגט זיי אויפ'ן טיש) איך בין פּאָזיטיוו פערשוויצט, העדדא. אך, זעהט נור! איהר זייט שוין דאָ, מיין ליעבער ריכטער, הא? בערטא האָט מיר גאָר ניט געזאָגט.

ב ר א ק: (שטעהט אויף) איך בין אריינגעקומען דורכ'ן גאָרטען.

ה ע ד ד א: וואָס פאר־א ביכער האָסטו דאָרטען?

ט ע ס מ א ן: (שטעהט און קוקט זיי דורך) עטליכע נייע ביכער וועגען מיינע ספּעציעלע שטודיען — וועלכע איך מוז נוי־טיג האָבען.

ה ע ד ד א: וועגן דיין ספּעציאַליטעט?

ב ר א ק: יאַ, ביכער אויף זיין ספּעציאַליטעט, מאַדאַם טעסמאַן. (בראַק און העדדאַ שמייכלען איינע צו די אַנדערע פּערטרויליך.)

ה ע ד ד א: ברויכסטו נאָך מעהר ביכער פאַר דיין ספּעציאַליטעט?

ט ע ס מ א ן: יאַ, מיין ליעבע העדדאַ, מען קען קיינמאָל ניט האָבען צופיעל. מען מוז נאַטירליך זיין בעקאַנט מיט אַלעם וואָס איז געשריבען און געדרוקט אין דעם פאַך.

ה ע ד ד א: יאַ, איך דענק אַז מען מוז.

ט ע ס מ א ן: (זוכט צווישען די ביכער) זעה נור — איך האָב מיר איינגעשאַפט עילערט לאָוובאָרג'ס בוך אויך. (דערלאַנגט איהר דאָס בוך) וואָלסט אפשר וועלען עס דורכקוקען, העדדאַ, הא?

ה ע ד ד א: ניין, אַ דאַנק. אָדער — אפשר שפּעטער.

ט ע ס מ א ן: איך האָב אביסעל אריינגעקוקט אין איהם געהענדיג אהיים.

ב ר א ק: נו, וואָס דענקט איהר וועגן דעם בוך אלס ספּעציאַליסט?

ט ע ס מ א ן: איך דענק, אַז עס צייגט ארויס אַ מערקווירדיג געזונטען פערשטאַנד. ער האָט קיינמאָל פריהער אזוי גוט ניט געשריבען. (נעהמט צונויף די ביכער) איצטער וויל איך דאָס אַלעס אריינטראָגען צו מיר אין קאַבינעט. איך וואָלט שוין וועלען אויפשניידען די בלעטער. — און דאַן מוז איך זיך איבערטאָן. (צו בראַק) איך מיין, אַז מיר האָבען נאָך צייט צו געהן, הא?

ב ר א ק: אָה, ניין, איהר דאַרפט זיך ניט אָנהויבען צו איילען.

ט ע ס מ א ן: אַלזאָ גוט, וועל איך מיר נעהמען צייט. (ער געהט מיט די ביכער, שטעלט זיך אָב אין דורכגאַנג און קעהרט

זיך אום) יא, ווייסטו, העדדא — טאנטע יוליא וועט היינט אין אבענד ניט קומען.

העדדא: זי קומט ניט? אפשר צוליעב דער געשיכטע מיט'ן הוט?

טעסמאן: אָה, א האָר ניט דעריבער. ווי קענסטו גאָר טראכטען אזא זאך אויף טאנטע יוליא — בערעכען נור! דער פאקט איז, אז טאנטע רינא איז זעהר קראנק.

העדדא: זי איז אלעמאָל קראנק.

טעסמאן: יא, אָבער היינט פיהלט זי נעבעך א סך ערגער ווי אלעמאָל.

העדדא: נו, אויב אזוי, איז עס נישט מעהר ווי רעכט, אז איהר שוועסטער זאָל בלייבען מיט איהר. איך וועל שוין אריבערטראָגען דעם שאָדען.

טעסמאן: און דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען ווי צופריעדען טאנטע יוליא איז — ווייל דו האָסט זיך אזוי גוט ערהאָלט אויף דער רייזע.

העדדא: (שטעהט אויף, האלב־לויט) אך, די דאָזיגע אייביגע טאנטעס!

טעסמאן: וואָס?

העדדא: (געהט צו דער גלעזערנער טיר) גאָרנישט.

טעסמאן: נו, גוט. (ער געהט ארויס דורכ'ן מיטעלסטען צימער רעכטס.)

בראק: וועגען וואָס פאר א הוט האָט איהר דאָס גערעדט?

העדדא: אך, דאָס איז א שטיקעל געשיכטע וואָס האָט זיך אָבגעשפּיעלט מיט פריילין טעסמאן היינט אין דער פריה. זי האָט געהאט אוועקגעלעגט איהר הוט אויף יענעם שטוהל דאָרטן — (זי קוקט אויף איהם און שמייכעלט) — און איך האָב זיך געמאכט, ווי איך וואָלט געדענקט אז דאָס איז דער דיענסט'ס.

בראק: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) אָבער, מיין ליעבע מאדאם

העדדא, ווי אזוי האָט איהר געקענט טהאָן אזא זאך? און וועמען? — אזא ליעבענסווירדיגער עלטערער דאמע!

העדדא: (געהט איבער'ן צימער נערוועז) יא, איהר ווייסט — אזא שגעון קומט אויף מיר אָן מיט איין מאָל, און איך קען עס ניט גובר זיין. (ווארפט זיך אַנידער אויפ'ן לעהנשטוהל ביים אויוועז) אה, איך ווייס ניט ווי זיך דאָס צו ערקלערען.

בראק: (הינטער דעם לעהנשטוהל) איהר זייט אין אמת'ן ניט גליקליך — דאָס איז די זאך.

העדדא: (קוקט גלייך אַנטקעגען) איך ווייס קיין אורזאך ניט פאר וואָס איך זאָל זיין — גליקליך. קענט איהר מיר אפשר זאָגען?

בראק: יא — צווישען אנדערע, דערפאר ווייל איהר האָט געקריגען די היים, וועלכע איהר האָט אקוראט געוואונשען.

העדדא: (קוקט אויף איהם און לאכט) איהר גלויבט אויך אין דער דאָזיגער לעגענדע?

בראק: איז עס דען ניט אמת?

העדדא: אָה יא, עטוואָס אמת שטעקט אין דעם.

בראק: נו?

העדדא: אָט דאָס שטעקט אין דעם, וואָס איך האָב געברויכט טעסמאן'ען אויף צו בעגלייטען מיך אהיים פון בעלער לעצטען זומער —

בראק: ליידער איז מיר אויסגעקומען צו געהן מיט אנאנדער וועג.

העדדא: דאָס איז אמת. איך ווייס אז איהר זייט געגאנגען מיט אנאנדער וועג לעצטען זומער.

בראק: (לאַכט) שעהמען זאָלט איהר זיך, מאדאם העדדא! נו, אלזאָ — איהר און טעסמאן —?

העדדא: יא, איין אבענד האָט זיך געמאכט אז מיר זיינען דאָ פערבייגעגאנגען; טעסמאן, דער אומגליקליכער נע־

בעך, האָט זיך געדרעהט אין דרייען מאטערענדיג זיך אנצופיהרען א געשפרעך — נו, האָב איך רחמנות געהאט אויף דעם געלעהר־טען מאן —

ב ר א ק : (שמייכעלט צווייפעלהאפטיג) א י ה ר האָט רחמנות געהאט? ה'ם?

ה ע ד ד א : יא, עס האָט מיר ווירקליך לייד געטהאָן. און אזוי זיך — כדי איהם ארויסצוהעלפען פון א פערלעגענהייט — איז מיר לייכטזיניג איינגעפאלען איהם צו זאָגען, אז איך וואָלט גע־וואָלט וואוינען אין אָט דער וויללא.

ב ר א ק : מעהר גאָרנישט?

ה ע ד ד א : מעהר גאָרנישט י ע נ ע ם אָבענד.

ב ר א ק : אָבער נאָכהער?

ה ע ד ד א : און מיין לייכטזיניגקייט האָט געהאט פאָלגען, מיין ליעבער בראק.

ב ר א ק : ליידער טרעפט דאָס צו־אָפט, מאדאם העדדא.

ה ע ד ד א : איך דאנק אייך! איהר זעהט אלזאָ, אז אָט דער חשק צו דעם מיניסטער פאלק'ם וויללא איז געוואָרען דער ערשטער באנד פון סימפּאטיע צווישען זשאָרזש טעסמאן און מיר. דערפון איז ארויסגעקומען אונזער פערלאָבונג, אונזער חתונה, אין אונזער הייראט־רייזע, און אלע איבעריגע זאכען. יא, יא, מיין ליעבער בראק — ווי מען בעט זיך אויס, אזוי ליעגט מען, ווילט זיך מיר זאָגען.

ב ר א ק : דאָס איז גרויסארטיג! און אין אמת'ן איז אייך גאָרניט אָנגעגאנגען די גאנצע זאך?

ה ע ד ד א : ניין, גאָט איז מיין עדות אז ניט.

ב ר א ק : אָבער איצטער? איצט ווען מיר האָבען אליץ אזוי היימיש איינגעאָרדענט דאָ פאר אייך?

ה ע ד ד א : אָה — אין אלע צימערן, דוכט זיך, שמעקט מיט לאַווענדער און געטריקענטע ראָזען. — נור אפשר האָט עס טאנטע יוליא געבראכט דעם ריח מיט זיך.

ב ר א ק: (לאכט) ניין, איך דענק אז דאָס איז געבליבען א ירושה פון דער פערשטאָרבענער פרוי מיניסטאָרין פאלק.

ה ע ד ד א: יא, עס הערט זיך טאקע אין דעם א גערוך פון שטערבליכקייט. עס דערמאָהנט מיך אָן א בלומען־קראנץ — אויף מאָרגען נאָכ'ן באל. (לעגט צונויף די הענד אונטער'ן קאָפּ, שפּארט זיך אָן הינטען אויפ'ן שטוהל און קוקט אויף איהם) אה, מיין ליעבער בראק — איהר קענט זיך ניט פאָרשטעלען ווי שרעקליך איך וועל זיך דאָ לאנגוויילען.

ב ר א ק: פאר וואָס זאָלט איהר אויך ניט געפינען זיך עפּעס א בערוף אין לעבען, מאדאם העדדא?

ה ע ד ד א: א בערוף — וואָס זאָל האבען עטוואס אנציהענדעס פאר מיר?

ב ר א ק: עס פערשטעהט זיך, אויב מעגליך.

ה ע ד ד א: גאָט ווייס וואָס פאר א מין בערוף דאָס וואָלט געקענט זיין. איך קלער מיר אָפּט צי וואָלט ניט — (האקט זיך איבער) אָבער דאָס וועט אויך ניט געהן.

ב ר א ק: ווער קען וויסען? לאָמיר הערען וואָס דאָס איז.

ה ע ד ד א: איך מיין, איך זאָל ניט זעהען, אז טעסמאן זאָל זיך אריינלאָזען אין דער פּאָליטיק.

ב ר א ק: (לאכט) טעסמאן? ניין, ווירקליך דאָס איז ניט פאר איהם — ניט פאר זיין כאראקטער.

ה ע ד ד א: ניין, איך האָב מורא אז ניט. — ווען איך וואָלט איהם דאָך געקענט בריינגען דערצו?

ב ר א ק: יא, — אָבער וואָס פאר א צופריעדנשטעלונג וואָלט איהר געקענט האָבען דערפון? אויב ער טויג זיך ניט פאר אזא מין זאך, איז פאר וואָס זאָלט איהר איהם דוקא וועלען אריינטרייבען אין דעם?

ה ע ד ד א: ווייל מיר איז לאנגווייליג, זאָג איך דאָך אייך! (נאך א פּאוזע) דיינקט איהר, הייסט עס, אז עס איז גאָר אונמעגליך טעסמאן זאָל ווען עס איז קענען ווערען א מיניסטער?

בראק: ה'ם — פערשטעהסט איהר מיך, מיין ליעבע מאַדאם העדדאַ — כדי צו קענען ווערען א מיניסטער, וואָלט ער ערשטענס געדאַרפט זיין א היבש רייכער מאן.

העדדא: (שטעהט אויף אונגעדולדיג) יא, אָט דאָ ליעגט דער הונד בעגראָבען! עס איז דער קבצנ'ישער יחוס, אין וועלכען איך האָב זיך דאָ ארייננעדרעהט —! (געהט איבער'ן צימער) אָט דאָס איז עס, וואָס מאַכט דאָס לעבען אזוי יאַמערליך! אזוי לעכערליך דורכאוים! — דען אָט דאָס איז עס.

בראק: און איך וואָלט געזאָגט, אז דער פעהלער געפינט זיך גאָר אנדערסוואו.

העדדא: וואו דען?

בראק: איהר האָט קיינמאָל ניט דורכגעמאַכט אין אייער לעבען קיין ווירקליך אויפמונטערענדע ערפאהרונג.

העדדא: איהר מיינט עפּעס ערנסטעס?

בראק: יא, איהר מעגט עס אזוי אָנרופען. נור אפשר שטעהט אייך איצטער וואָס פאָר.

העדדא: (טהוט א וואָרף מיט'ן קאָפּ) אה, איהר דענקט פון די אונאננעהמליכקייט וועגען דער טרויעריגער פּראָפעסאָרשטעלע? ניין, דאָס מוז בלייבען טעסמאַן'ס אייגענער עסק. איך פערזיכער אייך, אז איך וועל עס ניט האָבען אין זינען אפילו איין מינוט.

בראק: ניין, ניין, דערפון רעד איך ניט. נור ווי איז א שטייגער, אז איהר וואָלט איצטער געקריגען וואָס אין א עדעלען לשון הייסט — אן ערנסטע פעראנטוואָרטליכקייט? (ער שמייכעלט) אזוי צו זאָגען, א נייע פעראנטוואָרטליכקייט, מאַדאם העדדא?

העדדא: (בייז) שווייגט שטיל! אזא מין זאך וועט קיינמאָל ניט פּאַסירען!

בראק: (פאָרזיכטיג) נו, וועגען דעם וועלען מיר נאָך רעדען — א יאָהר שפּעטער, העכסטענס.

הערדא: (שארף) פאר אזעלכע זאכען האָב איך קיין נייגונג ניט, הערר ריכטער. קיינע פעראנטוואָרטליכקייטען פאר מיר!

בראק: זייט איהר דען אזוי פערשיעדען פון דעם כלל פרויען, אז איהר האָט גאָר קיין נייגונג ניט פאר אזוינע פליכטען, וועלכע — ?

הערדא: (ביי דער גלעזערנער טיר) אה, שווייגט שטיל, זאָג איך אייך! — אָפט דאכט מיר, אז עס איז דאָ נור איין זאך אויף דער וועלט, פאר וועלכער איך האָב עפּעס א נייגונג.

בראק: (טרעט צו נעהנטער צו איהר) און וואָס איז עס, אויב איך מעג פרעגען?

הערדא: (שטעהט קוקענדיג דרויסען) זיך לאנגווייליגען צום טויט. איצט ווייסט איהר שוין. (קעהרט זיך אום, קוקט צום מיטעלסטען צימער צו און לאכט) יא, פונקט ווי איך האָב געקלערט! אָט קומט דער פּראָפעסאָר.

בראק: (זאכט, אין א טאָן פון ווארנונג) נא, נא, נא, מאַדאם הערדא!

(זשאָרזש טעסמאן, אָנגעטאָן צום אבענד, מיט די האנדשוה און הוט אין האנד, קומט אריין פון רעכטס דורכ'ן מיטעלסטען צימער.)

טעסמאן: הערדא, איז ניט געקומען קיין נאכריכט פון עילערט לאָוובאָרג? הא?

הערדא: ניין.

טעסמאן: דאן וועסטו זעהען אז ער וועט דאָ באלד אליין זיין.

בראק: און איהר דענקט ווירקליך אז ער וועט קומען?

טעסמאן: יא, איך בין כמעט זיכער אז ער וועט. ווארים דאָס וואָס איהר האָט אונז דערצעהלט היינט אין דער פריה האָט אודאי געמוזט זיין ניט מעהר ווי לייטישע רייד.

בראק: דענקט איהר אזוי?

טעסמאן: יעדענפאלס האָט טאנטע יוליא געזאָגט אז

זי גלויבט ניט, אז ער וועט ווען עס איז מיר ווידער שטעהען אין וועג. שטעלט זיך נאר פאר!

ב ר א ק: נו אויב אזוי, איז גאנץ גוט.

ט ע ס מ א ן: (לעגט אוועק זיין הוט און האנדשוה אויף א שטוהל רעכטס) יא, אבער איהר וועט מיר מוזען לאזען ווארטען אויף איהם אזוי לאנג ווי מעגליך.

ב ר א ק: מיר האבען נאך גענוג צייט. קיינע פון מיינע געסט וועלען ניט קומען פריהער פאר זיעבען אדער האלב־אכט.

ט ע ס מ א ן: דאן קענען מיר אונטערהאלטען העדדא'ן דערווייל און זעהען וואס ס'וועט זיין, הא?

ה ע ד ד א: (לעגט אוועק בראק'ס הוט און אויבערראק אויף דער ווינקעל־זאפע) און אין ערגסטען פאל קען הער לאוובארג בלייבען דא מיט מיר.

ב ר א ק: (וויל אליין נעהמען זיינע זאכען) אך, ביטע, מאדאם טעסמאן! — וואס מיינט איהר אייגענטליך מיט „אין ערגסטען פאל"?

ה ע ד ד א: אויב ער וועט ניט געהן מיט אייך און טעסמאן.

ט ע ס מ א ן: (קוקט אונענטשלאסען אויף איהר) אבער, מיין ליעבע העדדא — דענקסטו אז עס פאסט זיך אז ער זאל דא בלייבען מיט דיר, הא? פערגעס ניט אז טאנטע יוליא קען ניט קומען.

ה ע ד ד א: ניין, אבער פרוי עלווסטעד וועט קומען. מיר דריי קענען פערברייגגען צוזאמען ביי א גלעזיל טהעע.

ט ע ס מ א ן: אה, יא, דאס איז שוין רעכט.

ב ר א ק: (שמייכעלט) און אפשר וואלט דאס טאקע געווען דער זיכערסטער פלאן פאר איהם.

ה ע ד ד א: פאר וואס עפעס?

ב ר א ק: נו, איהר געדענקט דאך, מאדאם טעסמאן, ווי איהר פלעגט אבלאכען פון מיינע קליינע וועטשערינקעס. איהר פלעגט זאגען, אז זיי פאסען זיך נור פאר מענשען מיט גאנץ שטרענגע פרינציפען.

ה ע ד ד א: אבער הער לאָובאָרג׳ס פּרינציפּען זיינען איצט אָהן צווייפעל שטרענג גענוג. א זינדיגער וואָס האָט תשובה געטהאָן —

(בערטא בעווייזט זיך אין ארייננאנגס טיר.)

ב ע ר ט א: מאדאם, איין הערר איז געקומען וועלכער פרעגט אויב איהר זייט צו הויז.

ה ע ד ד א: לאָזט איהם אריין.

ט ע ס מ א ן: (שטיל) איך בין זיכער אז דאָס איז ער! שטעלט זיך פאָר!

(עילערט לאָובאָרג קומט אריין פון קאָרידאָר. ער איז שלאַנק און מאָגער; פון דיזעלבע יאָהרען ווי טעסמאַן, ער זעהט אָבער אויס עלטער און עטוואָס אָבגעלעבט. די האָר אין דער באָרד זיינען שווארץ־ברוין, דאָס געזיכט לאנג און בלאס מיט רוטיליכע פלעקען אויף די באַקען. ער איז געקליידעט אין א עלעגאנטען שווארצען בעזוך־אנצוג, נאָך גאָר א נייעם. טראָגט טונקעלע האַנדשוה און א צילינדערהוט אין האנד. ער שטעלט זיך אָב נעבען טיר, פערנייגט זיך שנעל, פיהלט זיך עטוואס אין פערלעגענהייט.)

ט ע ס מ א ן: (געהט צו צו איהם און דריקט איהם ווארעם די האנד) נו, מיין ליעבער עילערט — אָט אזוי טרעפען מיר זיך ענדליך ווידער!

ע י ל ע ר ט ל אָ ו ו ב אָ ר ג: (רעדט מיט א שטילער שטימע) איך דאנק דיר פאר דיין בריעף, טעסמאַן. (געהט צו צו העדדא) קען איך אייך אויך געבען די האנד, מאדאם טעסמאן?

ה ע ד ד א: (נעהמט זיין האַנד) עס פרעהט מיך אייך צו זעהן, הערר לאָובאָרג. (אָנצייגענדיג מיט׳ן האנד) איך וויים ניט, אויב דיביידע הערען —?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: (פערנייגט זיך לייכט) הערר ריכטער בראַק גלויב איך.

ב ר א ק: (פערנייגט זיך אויך) אה, יא — אמאָליגע צייטען —

ט ע ס מ א ן: (צו לאָװבאָרג, ארויפלעגענדיג די הענד אויף זיינע אקסלען) און איצט קענסטו זיך דאָ ביי אונז פיהלען איינגאנצען היימיש, עילערט! ניט וואהר, הערדא? — וואָרים איך הער אז דו מיינסט ווידער זיך צו בעזעצען אין שטאָדט, הא?

ל אָ װ ב אָ ר ג: יא, איך דענק אזוי.

ט ע ס מ א ן: גאנץ רעכט, גאנץ רעכט. הער נור, איך האָב שוין געקריגען דיין נייען בוך; איך האָב אָבער נאָך קיין צייט ניט געהאט איהם צו לעזען.

ל אָ װ ב אָ ר ג: דו מעגסט זיך פארשפּאָרען די טרחה.

ט ע ס מ א ן: וואָס עפּעס?

ל אָ װ ב אָ ר ג: ווייל עס איז דאָרטען גאָרנישט ניטאָ.

ט ע ס מ א ן: בערעכען נור — ווי אזוי קענסטו דאָס זאָגען?

ב ר א ק: ווי איך הער, לויבט מען דאָס בוך גאָר זעהר פיעל.

ל אָ װ ב אָ ר ג: דאָס איז וואָס איך האָב געוואָלט; דאָרום האָב איך דאָס בוך געשריבען אזוי, אז יעדער איינער זאָל קענען דערמיט איינשטימען.

ב ר א ק: דאָס איז זעהר קלוג פון אייער זייט.

ט ע ס מ א ן: יא, אָבער, מיין ליעבער עילערט — !

ל אָ װ ב אָ ר ג: וואָרים איך האָב איצטער ברעה צו געווינען פאר זיך א פּאָזיציע פון דאָס־ניי — איך וויל ווידער אָנהויבען פון אָנפאנג.

ט ע ס מ א ן: (אביסעל אין פערלעגענהייט) אה, אָט דאָס ווילסטו טהאָן?

ל אָ װ ב אָ ר ג: (שמייכעלט, לעגט אוועק זיין הוט און נעהמט ארויס פון טאש פון ראָק א פּאקעט איינגעוויקעלט אין פּאפּיער) ווען אָט ד אָ ס ועט זיין געדרוקט, זשאָרזש טעסמאן, וועסטו עס מוזען לעזען. וואָרים ד אָ ס איז דאָס אמת'ע בוך — דאָס בוך, אין וועלכען איך האָב ארייננעלעגט מיין ריכטיגען „איך“.

ט ע ס מ א ן: ווירקליך? וואָס איז עס דען?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: דאָס איז די פּאָרטזעצונג.

ט ע ס מ אַ ן: די פּאָרטזעצונג? פון וואָס?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: פון דעם בוך.

ט ע ס מ אַ ן: פון דעם נייען בוך?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: פערשטעהט זיך.

ט ע ס מ אַ ן: וואָס הייסט, מיין ליבער עילערט — גרייכט ניט דיין בוך ביז דער לעצטער צייט?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: יא, עס גרייכט טאקע, אבער דיזעס האנ־דעלט וועגען דער צוקונפט.

ט ע ס מ אַ ן: וועגען דער צוקונפט! אָבער, מיין גאָט, וועגען דעם ווייסען מיר דאָך גאָרנישט!

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: ניין, דאָך לאָזט זיך שוין עפּעס זאָגען וועגען דעם. (עפענט דעם פּאקעט) טהו נור א קוק —

ט ע ס מ אַ ן: אָבער דאָס איז דאָך ניט דיין האנדשריפט.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: איך האָב עס דיקטירט. (מישט די בלעטער) עס צופאַלט אין צוויי טיילען. דער ערשטער טייל רעדט וועגען די ציוויליזירענדע קרעפטען פון דער צוקונפט. און אָט איז דער צווייטער טייל — (לויפט דורך די בלעטער ביז'ן ענד) אין דעם האנדעלט זיך וועגען דעם וואהרשיינליכען גאנג פון דער ענט־וויקלונג.

ט ע ס מ אַ ן: מערקווירדיג! מיר וואָלט קיינמאָל אויפ'ן זין ניט ארויף זאָ־וואס צו שרייבען.

ה ע ד ד אַ: (שטעהט ביי דער גלעזערנער טיר און קלאפּט מיט די פינגער אויף די שויבען) ה'ם — איך מיין עפּעס, אז ניט.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: (פערוויקעלט דעם מאנוסקריפּט אין דעם פּאַ־פּיער און לעגט עס אוועק אויפ'ן טיש) איך האָב עס געבראכט מיט זיך, דענקענדיג אז איך וועל קענען דיר לעזען א ביסעל פון דעם היינט אין אבענד.

ט ע ס מ אַ ן: דאָס איז געוועזן זעהר שעהן פון דיר, עי־לערט. אָבער היינט אין אָבענד —? (קוקט אויף בראק'ן) איך

זעה ניט ווי מיר וועלען עם קענען איינאָרדנען —

לאָווּבאָרג: נו גוט, וועט זיין אנאנדער צייט. עס איז קיין איילעניש.

בראק: איך מוז אייך דערצעהלען, הערר לאָווּבאָרג — היינט אין אבענד וועלען זיך צונויפקלייבען א קליינע קאָמפּאניע ביי מיר אין הויז — הויפּטזעכליך לכבוד טעסמאן'ען, פערשטעהט איהר —

לאָווּבאָרג: (זוכט זיין הוט) אה, אויב אזוי וועל איך אייך ניט פערהאלטען —

בראק: ניין, הערט אָבער — ווילט איהר ניט מיר טהון דעם געפאלען און מיטגעהן מיט אונז?

לאָווּבאָרג: (קורץ און שארף) ניין, איך קען ניט — איך דאנק אייך זעהר.

בראק: אך וואָס — קומט דאָך! מיר וועלען האָבען א געקליבענעם קליינעם קרייז מענשען. און איך פערזיכער אייך אז מיר וועלען „לעבען א טאָג" — ווי מאדאם העד — ווי מאדאם טעסמאן זאָגט.

לאָווּבאָרג: דעריין איז ביי מיר קיין ספק ניט. דאָך אָבער —

בראק: און דאן קענט איהר מיטנעהמען אייער מאנו־סקריפּט און איהם לעזען פאר טעסמאן'ען ביי מיר אין הויז. איך וואָלט אייך געגעבען א צימער אינגאנצען פאר אייך.

טעסמאן: יא, בעטראכט נור, עיעלרט — פארוואָס זאָלסטו דאָס ניט טהאָן? הא?

העדדא: (מישט זיך אריין) אָבער, טעסמאן! ווען הערר לאָווּבאָרג וויל עס ניט — איך בין זיכער הערר לאָווּבאָרג איז מעהר צופריעדען צו בלייבען דאָ און עסען וועטשערע מיט מיר.

לאָווּבאָרג: (קוקט אויף איהר) מיט אייך, מאדאם טעסמאן?

העדדא: און מיט פרוי עלווסטעד.

לאָובאָרג: אה — (לייכט) איך האָב זי געזעהן א מינוט היינט אין דער פריה.

העדדא: איהר האָט זי געזעהן? נו, זי קומט היינט אין אבענד. און דעריבער זייט איהר כמעט פערפליכטעט דאָ צו בלייבען, הערר לאָובאָרג, וואָרים אויב ניט, וועט זי ניט האָבען ווער עס זאָל זי בעגלייטען א היים.

לאָובאָרג: דאָס איז ריכטיג. איך דאנק אייך זעהר, מאדאם טעסמאַן — וויבאלד אזוי בלייב איך.

העדדא: דאן וועל איך געהן עפּעס אָנזאָגען דער דיענסט.

(זי געהט צו דער טיר פון קאָרידאָר און קלינגט. בערטאָ קומט אריין. העדדא זאָגט איהר עפּעס אין דער שטיל און צייגט איהר אָן אויפ'ן מיטעלסטען צימער. בערטאָ שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ און געהט ארויס.)

טעסמאַן: (זאָגט אין דערזועלבער צייט צו לאָובאָרג) זאָג מיר, עילערט — איז עס וועגען אָט דעם נייען געגענשטאנד — וועגען דער צוקונפט — וואָס דו וועסט האלטען דיינע פאָרטרעגע?

לאָובאָרג: יא.

טעסמאַן:ביים בוכהענדלער האָט מען מיר געזאָגט, אז דו וועסט געבען א קורס לעקציעס היינטיגען פריהלינג.

לאָובאָרג: יא, דאָס איז מיין אבזיכט. איך האָף אז דו וועסט אויף מיר קיין פעראיבעל ניט האָבען, טעסמאַן.

טעסמאַן: אָה ניין, ניט א האָר! אָבער — ?

לאָובאָרג: איך קען אפילו פערשטעהן, אז דאָס מוז דיר זיין אונאנגענעהם.

טעסמאַן: (אומעטיג) אה, איך קען דאָך ניט ערוואַרטען אז צוליעב מיר זאָלסטו —

לאָובאָרג: איך וועל נור וואַרטען ביז דו וועסט האָבען פריהער געקראָגען דיין שטעלע.

ט ע ס מ א ן: ווּעסטו וואַרטען? יאַ, אָבער — אָבער — ווילסטו ניט קאָנקורירען מיט מיר? האַ?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: ניין; מיך קימערט נור דער מאָראַלער זיעג.

ט ע ס מ א ן: אַך, גאָט — איז דאָך טאַנטע יוליאַ פאָרט געררעכט געווען! אַה יאַ, איך האָב עס געוואוסט! הערדאַ! בעררעכען נור — עילערט לאָובאָרג מיינט ניט צו שטעהן אין אונזער וועג!

ה ע ד ד א: (שאַרף) אין א ו נ ז ע ר וועג? איך בעט דיך לאָז מ י ך ארויס פון חשבון.

(זי געהט צום מיטעלסטען צימער צו, וואו בערטאַ שטעלט אוועק אויפ'ן טיש אַ טאַץ מיט גראַפינען און גלעזער. העדדאַ שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ און קומט צוריק אין פאָדערסטען צימער. בערטאַ געהט ארויס.)

ט ע ס מ א ן: (אין דערזעלבער צייט) און איהר, ריכטער בראַק — וואָס זאָגט איהר צו דעם? האַ?

ב ר א ק: יאַ, איך זאָג, אַז אַ מאָראַלער זיעג — ה'ם — קען זיך זיין אַ גאַנץ פיינע זאַך —

ט ע ס מ א ן: יאַ, געוויס. אָבער דאָך —

ה ע ד ד א: (קוקט אויף טעסמאַן מיט אַ קאַלטען שמייכעל) דו שטעהסט דאָרטען און קוקסט ווי פערטויבט פון אַ דונערשלאַג —

ט ע ס מ א ן: יאַ — אַזוי פיהל איך — איך הויב אָן צו דענקען —

ב ר א ק: זעהט איהר דען ניט, מאַדאַם טעסמאַן, אַז מיר האָבען אַקאָרשט אויסגעמידען אַ גרויסען דונער־שטורעם?

ה ע ד ד א: (צייגט אָן אויפ'ן מיטעלסטען צימער) ווילט איהר אפשר, מיינע הערען, טרינקען אַ גלאָז קאַלטען פּונש?

ב ר א ק: (קוקט אויף זיין אוהר) אַן אַבשיעד טרונק? יאַ, דאָס איז גאָר ניט קיין נאַרישע זאַך.

טעסמאן: אַ קאַפּיטאַלנער געדאנק, העדדא! פּונקט די ריכטיגע זאַך! איצט, אז ס'איז מיר אַראָב א יאָך —

העדדא: וועט איהר אויך ניט נעהמען א ביסעל, הערר לאָווובאָרג?

לאָווובאָרג: (מיט א בעוועגונג פון ענטזאגונג) ניין, איך דאנק. ניט פאַר מיר.

בראַק: מיין גאָט — קאַלטער פּונש איז דאָך זיכער ניט קיין גיפט.

לאָווובאָרג: אפשר ניט פאַר אַלעמען.

העדדא: איך וועל דערווייַלע אונטערהאַלטען הערר לאָווובאָרג'ן.

טעסמאן: יא, יא, ליעבע העדדא, טהו דאָס.

(ער און בראק געהען אין מיטעלסטען צימער, זעצען זיך אנידער, טרינקען פּונש, רויכערען ציגארעטען און פיהרען אָן א לעבעדיגען געשפּרעך. עילערט לאָווובאָרג בלייבט שטעהן נעבען אויוועז. העדדא געהט צו צום שרייבטיש.)

העדדא: (אין עטוואס א העכערער שטימע) וואָלט איהר חשק האָבען אָנקוקען אייניגע פאָטאָגראַפיען, הערר לאָווובאָרג? איהר ווייסט, אז איך מיט טעסמאַן'ען האָבען געמאכט א רייזע דורך טיראָל, פאַהרענדיג צוריק א היים?

(זי נעהמט אן אלבום און לעגט עס אוועק אויפ'ן טיש נעבען זאָפע, אין א ווינקעל פון וועלכער זי זעצט זיך אנידער. עילערט לאָווובאָרג געהט צו, שטעלט זיך אָב און קוקט אויף איהר. דאן נעהמט ער אַ שטוהל זעצט זיך נעבען איהר לינקס, מיט'ן רוקען צום מיטעלסטען צימער.)

העדדא: (עפענט דעם אלבום) זעהט איהר די קייט פון פעלזען בערג, הערר לאָווובאָרג? דאָס איז די אָרטלער גרופּע. טעסמאן האָט אונטערגעשריעבען דעם נאָמען. אָט שטעהט עס: „די אָרטלער גרופּע נעבען מעראַן".

לאָווובאָרג: (וועלכער האָט די גאנצע צייט פון איהר

די אויגען ניט אראָבגענומען, זאָגט שטיל און לאנגזאם) הערדרא — גאבלער!

הערדרא: (קוקט האסטיג אויף איהם) אה! שטיל!

לאָובאָרג: (ווידערהאָלט ווייך) הערדרא גאבלער!

הערדרא: (קוקט אין אַלבום) אזוי האָב איך געהייסען א־מאָל — ווען מיר האָבען זיך געקענט איינער מיט דעם אנדערן.

לאָובאָרג: און איך מוז זיך איצטער לערנען מעהר קיינמאָל ניט זאָגען הערדרא גאבלער — קיינמאָל ניט, זאָלאנג איך וועל לעבען.

הערדרא: (אַלץ בלעטערנדיג דעם אלבום) יא, איהר מוזט זיך לערנען. און איך מיין אז איהר מוזט בעצייטענס אָנהויבען צו פּראקטיצירען. וואָס פריהער אַלץ בעסער, מיין איך.

לאָובאָרג: (ערביטערט) הערדרא גאבלער פערהייראַ־טעט! און מיט וועמען — מיט זשאָרזש טעסמאַן!

הערדרא: יא, אזוי געהט די וועלט.

לאָובאָרג: אָה, הערדרא, הערדרא — ווי קומסט דו זיך אזוי אוועקצו־ווארפען!

הערדרא: (קוקט איהם אָן שארף) וואָס! דאָס ערלויב איך ניט!

לאָובאָרג: וואָס מיינסטו?

(טעסמאַן קומט אריין אין צימער און געהט צו דער זאָפע.)

הערדרא: (הערט ווי ער קומט אין זאָגט אין א גלייכגיל־טיגען טאָן) און אָט דאָס, הערר לאָובאָרג, איז א בליק־קארטע פון וואַל ד'אמפּעצצאָ. קוקט נור אָן אָט די בערג־שפּיצען! (קוקט ליעבליך אויף טעסמאַן) ווי הייסען אָט די שפּיצען־בערג, מיין ליע־בער?

טעסמאַן: לאָמיר זעהען. אה, דאָס זיינען די דאָלאָ־מיטען.

הערדרא: יא, טאקע! דאָס זיינען די דאָלאָמיטען, הערר לאָובאָרג.

ט ע ס מ א ן: ליעבע העדדא, — איך האָב דיר געוואָלט פרעגען צי זאָל איך דיר אפשר דאָך ברייגגען א ביסעל פונש? פאר דיר אליין יעדענפאלס, הא?

ה ע ד ד א: יא, בריינג; און פיליכט אויך עטליכע קיכלעך.

ט ע ס מ א ן: קיינע ציגארעטען?

ה ע ד ד א: ניין.

ט ע ס מ א ן: זעהר גוט.

(ער געהט צום מיטעלסטען צימער, רעכטס. בראַק זיצט אין מיטעלסטען צימער און ווארפט אלע ווייַלע אן אויג אויף העדדא און לאָוובאָרג.)

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: (ווייך אזוי ווי פריהער) ענטפער מיר, העדדא, ווי אזוי האָסטו דאָס געקענט טהאָן?

ה ע ד ד א: (לפנים ארייננגעטאָן אין אלבום) אויב איהר וועט ווייטער מיר זאָגען „דו", וועל איך צו אייך ניט רעדען.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: טאָר איך ניט זאָגען „דו" אפילו ווען מיר זיינען אליין?

ה ע ד ד א: ניין. איהר מעגט עס טראכטען, אָבער איהר מוזט עס ניט זאָגען.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: אה, איך פערשטעה. עס איז א בעליידיגונג אנטקעגען זשאָרזש טעסמאן, וועמען איהר — ליעבט.

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהם און שמייכעלט) ליעבע? א שעהנע אידעע.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: הייסט עס אז איהר ליעבט איהם ניט!

ה ע ד ד א: איך וויל אָבער ניט וויסען פון קיין סאָרט אונטרייהייט! געדענקט עס.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: העדדא — ענטפערט מיר נור איין זאך —

ה ע ד ד א: שא!

(טעסמאן קומט ארײן מיט א קליינעם טאץ פון מיטעלסטען צימער.)

ט ע ס מ א ן: היער! אָט קומען די גוטע זאכען. (שטעלט אוועק דעם טאץ אויפ'ן טיש.)

ה ע ד ד א: פאר וואָס סערווירסט דו אליין?

ט ע ס מ א ן: (גיסט אָן די גלעזער) ווייל עס מאכט מיר אזוי פיעל פערגעניגען דיך צו בעדיענען, העדדא.

ה ע ד ד א: דו האָסט אָנגעגאָסען צוויי גלעזער. העדר לאָובאָרג האָט געזאָגט אז ער וויל קיינע —

ט ע ס מ א ן: יא, אָבער פרוי עלווסטעד וועט דאָ באלד זיין, ניין?

ה ע ד ד א: יא, קירצליך — פרוי עלווסטעד —

ט ע ס מ א ן: האָסט שוין פערגעסען וועגען איהר? הא?

ה ע ד ד א: מיר זיינען געווען אזוי ארייגעטאָהן אין אָט די פאָטאָגראפיעס. (זי צייגט איהם א בילד) געדענקסטו דאָס דאָזיגע קליין דערפיל?

ט ע ס מ א ן: אַך, דאָס איז דאָס דערפיל גלייך אונטער דעם ברענער פאסס. דאָרטן האָבען מיר גענעכטיגט —

ה ע ד ד א: — און בעגעגענט די לוסטיגע קאָמפאניע טוריסטען.

ט ע ס מ א ן: יא, דאָס איז דער פּלאַץ. דענק נור — ווען מיר וואָלטען דיך געקענט האָבען מיט אונז, עילערט! הא? (ער געהט צוריק אין מיטעלסטען צימער און זעצט זיך נעבען בראק.)

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: ענטפערט מיר אָט די איין זאַך, העדדא —

ה ע ד ד א: וואָס?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: איז אין אייער פריינדשאפט צו מיר אויך ניט געווען קיין ליעבע? קיין פונק ניט — ניט א שאָטען פון ליעבע?

ה ע ד ד א: איך ווייס ניט אויב עס איז געווען. מיר שיינט עס אקוראט ווי מיר וואָלטען געווען צוויי גוטע קאמעראדען — צוויי גאנץ אינטימע פריינד. (שמייכעלט) איהר בעזאָנדערס זייט געווען זעהר אָפענהערציג.

לאָובּאָרג: דאָס האָט איהר דאָך געוואָלט.

העדדא: ווען איך קוק צוריק אויף דער גאנצער זאך, איז עס איז ווירקליך געווען עטוואס שעהנעס, עטוואס בעצויבערענדעס — עטוואָס מוטהיגעס — אין — אין יענער געהיימער אינטימ־קייט — אין דער קאמעראדשאפט, פון וועלכער קיין לעבעדיגער מענש האָט קיין ברעקיל אהנונג ניט געהאט.

לאָובּאָרג: יא, יא, העדדא! ניט וואהר? ווען איך פלעג קומען נאָכמיטאָג צו אייער פאָטער — און ער, דער גענעראל, איז געזעסען דאָרטן ביים פענסטער און האָט געלעזען זיין צייטונג — אומגעקעהרט מיט'ן רוקען צו אונז —

העדדא: און מירביידע אויף דער זאָפע אין ווינקעל —

לאָובּאָרג: אלעמאָל מיט דעם זעלבען אילוסטרירטען צייטונגס־בלאט פאָר אונז —

העדדא: יא, ווייל מיר האָבען ניט געהאט קיין אלבום.

לאָובּאָרג: יא, העדדא, און ווען איך האָב זיך מתודה געווען פאר אייך — האָב אייך דערצעהלט אזוינע זאכען וועגען זיך, וועלכע קיין אנדערער האָט דאמאָלס ניט געוואוסט! איך פלעג דאָרט זיצען און אייך דערצעהלען פון מיינע „טייערע" מעשים, ווי איך האָב פערהולטעוועט מיינע טעג און נעכט. אה, העדדא — וואָס פאר א קראפט האָט געשטעקט אין אייך, וואָס האָט מיך גע־צוואונגען זיך מודה צו זיין פאר אייך אין די דאָזיגע זאכען?

העדדא: דענקט איהר אז דאָס איז געווען אין מיר אזא קראפט?

לאָובּאָרג: ווי קען איך עס אנדערש ערקלערען? און די אלע — די אלע פערשטעלטע פראגען, וואָס איהר פלעגט מיר שטעלען —

העדדא: וועלכע איהר האָט פון דעסטוועגען אזוי קלאָר פערשטאנען —

לאָובּאָרג: ווי אזוי האָט איהר געקענט זיצען און

מיר שטעלען אזוינע פראגען? אויספרעגען מיך אזוי פראנק און פריי —

ה ע ד ד א: אין א פערשטעלטער פאָרם, געדענקט, זייט מוחל.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: יא, אָבער דאָך גאנץ פריי. נעהמען מיך אויפ'ן פערהער וועגען — אלע זיעבען זאכען?

ה ע ד ד א: און ווי אזוי האָט איהר מיר געקענט ענטפער־רען, הערר לאָוובאָרג?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: יא, אָט דאָס איז טאקע וואָס איך קען ניט פערשטעהן — ווען איך קוק צוריק אויף דעם. זאָגט מיר אָבער איצ־טער, העדדא — איז אין גרונד פון אונזער פריינדשאפט ניט גע־ווען קיין ליעבע? האָט איהר ניט פון אייער זייט געפיהלט ווי איהר וואָלט געוועזן אימשטאנד אָבצואוואשען אלע מיינע פלעקען — אזוי ווי איהר האָט אויסגעהרט מיין ווידוי? איז עס ניט אזוי?

ה ע ד ד א: ניין, ניט גאָר אזוי.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: וואָס זיינען געווען אייערע מאָטיוען דער־ביי?

ה ע ד ד א: מיינט איהר אז דאָס איז אזוי גאָר אונמעגליך צו ערקלערען, אז א יונג מיידעל — ווען עס האָט זיך גראָד אזוי געמאכט — און קיינער האָט ניט געוואוסט —

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: נו?

ה ע ד ד א: זאָל וועלען כאפען א קוק ווען־ניט־ווען אין א וועלט, וועגען וועלכער —

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: וועגען וועלכער —?

ה ע ד ד א: — וועגען וועלכער עס איז איהר פערבאָטען עפּעס צו וויסען?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: איז ד אָ ס געווען די זאך?

ה ע ד ד א: טיילווייז. טיילווייז דוכט זיך מיר במעט.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: קאמעראדשאפט אין דעם דורשט נאָך לע־בען. אָבער פארוואָס זאָל כאָטשע דאָס ניט האָבען אָנגעהאלטען?

ה ע ד ד א: די שולד איז געווען אייערע.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: א י ה ר האָט אָבגעשניטען מיט מיר.

ה ע ד ד א: יא, ווען אונזער פריינדשאפט האָט געדראָהט זיך צו ענטוויקלען אין עטוואָס מעהר ערנסטעס. שעהמען זאָלט איהר זיך, עילערט לאָובאָרג! ווי אזוי האָט איהר געקאָנט טהאָן אזא אונרעכט אייער — אייער אָפענהערציגען קאמעראד?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: (קוועטשט צונויף די הענד) אָה, פארוואָס האָט איהר ניט אויסגעפיהרט אייער דראָהונג? פארוואָס האָט איהר מיך ניט דערשאָסען?

ה ע ד ד א: ווייל איך האָב אזוי מורא פאר א סקאנדאל.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: יא, העדדא, איהר זייט א פייגלינג אין גרונד הארצען.

ה ע ד ד א: א שרעקליכער פייגלינג. (ענדערט איהר טאָן) פאר אייך איז עס אָבער געווען א גליק. און איצט האָט איהר געפונען א טרייסט פאר אייער צער ביי די עלווסטעדס.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: איך ווייס אז טייא האָט זיך פערטרויט פאר אייך.

ה ע ד ד א: און אפשר האָט איהר זיך אויך פערטרויט פאר איהר וועגען אונז?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: ניט א וואָרט. זי איז צו־דום צו פערשטעהן אזוינע זאכען.

ה ע ד ד א: דום?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: זי איז דום אין אזוינע זאכען.

ה ע ד ד א: און איך בין א פייגלינג. (זי בויגט זיך צו צו איהם, ניט קוקענדיג איהם אין געזיכט, און זאָגט שטיל:) איצטער וועל איך א י י ך עפּעס פערטרויען.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: (געשפּאנט) נו?

הערדא: דער פאקט וואָס איך האָב ניט געוואגט אייך צו דערציילן —

לאָווּבאָרג: יא!

הערדא: דאָס איז ניט געווען מיין ערגסטע פייגהייט — יענעם אבענד.

לאָווּבאָרג: (קוקט אויף איהר א מינוט, פערשטעהט זי און מורמעלט ליידענשאפטליך) אה, הערדא! הערדא גאבלער! איצט הויב איך אָן צו זעהען א פערבאָרגענעם גרונד אין אונזער קאמעראדשאפט! דו און איך — ! דאָס האָט דאָס לעבען געשפארט אין דיר, נאָך אלעם דעם —

הערדא: (שטיל מיט א שארפען בליק) היט זיך! גלויבט דאָס ניט!

(עס הויבט אָן צו ווערען דונקעל. בערטא עפענט די ארויסגאנגס טיר פון דרויסען.)

הערדא: (מאַכט צו דעם אַלבאָם מיט אַ קלאַפּ און רופט אויס שמייכלענדיג) אך, ענדליך! מיין ליעבינקע טייא — קום נור אהער!

(פרוי עלווסטעד קומט אריין פון קאָרידאָר, אָנגעטאָן אין אַ באַל-קלייד. די טיר ווערט צוגעמאכט הינטער איהר.)

הערדא: (אויפ'ן זאָפע, שטרעקט אויס איהרע אָרעמס צו איהר) מיין זיסע טייא — דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלען ווי איך האָב געגארט נאָך דיר!

(פרוי עלווסטעד, גריסט זיך פערבייגעהענדיג מיט די הערען אין מיטעלסטען צימער, דאַן געהט זי צו צום טיש און גיט הערדאַ'ן די האַנד. עילערט לאָווּבאָרג איז אויפגעשטאַנען. ער און פרוי עלווסטעד גריסען איינער דעם אַנדערן שטיל פערבייגענדיג זיך.)

פרוי עלווסטעד: זאָל איך אריינגעהן און רעדען צו דיין מאַן א ווײַלע.

הערדא: אה, ס'איז גאָר ניט נויטיג. לאָז יענע צוויי דאָרטן צורוה. זיי וועלען באלד אוועקגעהן.

פרוי עלווסטעד: געהען זיי דען אוועק?

העדדא: יא, אויף א וועטשערינקא.

פרוי עלווסטעד: (שנעל צו לאָוובאַרג) איהר געהט דאָך ניט?

לאוובארג: ניין.

העדדא: הערר לאוובארג בלייבט דאָ מיט אונז.

פרוי עלווסטעד: (נעהמט א שטוהל און וויל זיך זעצען נעבען איהם) אָה, ווי גוט דאָ איז!

העדדא: ניין, א דאנק דיר, מיין קליינע טייא! ניט דארטן! זיי אזוי גוט און קום אריבער אהער צו מיר. איך וויל זיצען צווישען אייך.

פרוי עלווסטעד: זאָל זיין אזוי, ווי דו ווילסט.

(זי געהט ארום דעם טיש און זעצט זיך אויפ'ן זאָפע, רעכטס פון העדדא. לאוובארג זעצט זיך ווידער אויף זיין שטוהל.)

לאוובארג: (נאָך א קורצער פּאַוזע, צו העדדא) איז זי ניט שעהן, א פערגניגען צו קוקען?

העדדא: (גלעטענדיג איהר ליכט די האָאָר) נור צו קוקען?

לאוובארג: יא. ווארים מיר ביידע — זי און איך — מיר זיינען צוויי אמת'ע קאמעראדען. מיר האָבען אן אבסאָלוטען פערטרויען איינער דעם אנדערן; און מיר קענען דעריבער זיצען און רעדען גאנץ אָפענהערציג —

העדדא: ניט פערשטעלטערהייט, הערר לאוובארג?

לאוובארג: נו —

פרוי עלווסטעד: (זאַכט, טוליעט זיך שטארק צו העדדא'ן) אה, ווי גליקליך איך בין, העדדא! וואָרים, דענק נור, ער זאגט אז איך האָב איהם אויך בעגייסטערט.

העדדא: (קוקט אויף איהר מיט א שמייכעל) אה, זאָג־ ער דאס, ליעבסטע?

לאוובארג: און ווי בראוו זי איז, מאַדאַם טעסמאן!

פרוי עלווסטעד: מיין גאָט — בין איך בראַוו?

ל א ו ו ב א ר ג: זעהר — ווען עס האנדעלט זיך וועגען אייער קאמעראד.

ה ע ד ד א: אך יא — מוטה! ווען מען האט נור מוטה!

ל א ו ו ב א ר ג: איז וואס? וואס מיינט איהר?

ה ע ד ד א: דאן וואלט דאס לעבען אפשר עפעס ווערטה געווען, נאך אלעם דעם. (בייט איבער שנעל דעם טאן) נו איצטער, מיין ליעבסטע טייא, מוזטו ווירקליך נעהמען א גלאז קאלטען פונש.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, איך דאנק — איך טרינק אזעלכע זאכען קיינמאל ניט.

ה ע ד ד א: נו, דאן א י ה ר, הערר לאוובארג.

ל א ו ו ב א ר ג: איך אויך ניט, א דאנק.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, ער טרינקט אויך ניט.

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהם פעסט) און אויב איך זאג, אז איהר ז א ל ט?

ל א ו ו ב א ר ג: וואלט גארנישט העלפען.

ה ע ד ד א: (לאכט) דאן האב איך, ארימע בעשעפענים, גאר קיין קראפט ניט איבער אייך?

ל א ו ו ב א ר ג: ניט אין ד ע ר הינזיכט.

ה ע ד ד א: איך מיין ערנסט, מיר דאכט אז איהר האט עס געדארפט טהאן — פון אייערטוועגען אליין.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אך, העדדא! —

ל א ו ו ב א ר ג: ווי אזוי קומט עס אוים?

ה ע ד ד א: אדער גיכער פון לייטענס וועגען.

ל א ו ו ב א ר ג: ווירקליך?

ה ע ד ד א: אויב ניט וועלען לייטען אייך חושד זיין, אז אין אייער טיעפען הארצען — פיהלט איהר זיך אליין נאך ניט זיכער — אז איהר טרויט זיך אליין ניט.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (זאכט) אה, איך בעט דיך, העדדא —

ל א ו ו ב א ר ג: לייט מעגען מיינען וואס זיי ווילען — דערווייל.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (פרעהליך) יא, לאזען זיי!

ה ע ד ד א: איך האב עס קלאר געזעהן אויף ריכטער בראק׳ס געזיכט א מינוט פריהער.

ל א ו ו ב א ר ג: וואס האט איהר געזעהען?

ה ע ד ד א: זיין פערעכטליכען שמייכעל, ווען איהר האט ניט געוואגט געהן מיט זיי אין מיטעלסטען צימער.

ל א ו ו ב א ר ג: נ י ט ג ע ו ו א ג ט? עס פערשטעהט זיך, אז איך האב בעסער געוואלט פערבלייבען דא און רעדען מיט א י י ך.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: דאס איז דאך גאנץ נאטירליך, העדדא.

ה ע ד ד א: אבער בראק האט דאס ניט געקענט טרעפען. און איך האב אויך געזעהען ווי ער האט געשמייכעלט און געקוקט אויף טעסמאן בעת איהר האט ניט געוואגט אנצונעהמען די איינלאדונג צו זיין מיזעראבלער וועטשערינקע.

ל א ו ו ב א ר ג: ניט געוואגט! איהר זאגט אז איך האב ניט געוואגט?

ה ע ד ד א: א י ך זאג עס ניט. אבער אזוי האט ריכטער בראק דאס פערשטאנען.

ל א ו ו ב א ר ג: נו, לאז ער.

ה ע ד ד א: וועט איהר אלזא ניט געהן מיט זיי?

ל א ו ו ב א ר ג: איך וועל דא בלייבען מיט אייך און טייא.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, העדדא — ווי אזוי קענסטו גאר צווייפלען דעריין?

ה ע ד ד א: (שמייכעלט און שאקעלט דעם קאפ צושטימענד) אלזא, פעסט ווי א פעלז! געטריי צו אייערע פרינציפען פון היינט אן אויף אייביג! אה, אט אזוי דארף א מאן זיין! (קעהרט זיך אום צו פרוי עלווסטעד און גלעט זי) נו, וואס האב איך דיר גע־

זאָגט ווען דו ביסט געקומען צו אונז היינט אין דער פריה אזא פערקלאָגטע —

לאַוובארג: (איבעררא‎שט) אַ פערקלאָגטע!

פרוי עלווסטעד: (אַ פערציטערטע) העדדאַ — אַך, העדדאַ — !

העדדאַ: אַט קענסטו אליין זעהען! דו האָסט קיין גרונד ניט אזוי געפעהרליך זיך צו שרעקען — (האַקט זיך איבער) נו! איצטער קענען מיר זיצען אלע דריי און פערברייננגען!

לאַוובארג: (אויפכאַפּענדיג זיך) אבער וואָס מיינט אַט דאָס אלעס, מאַדאַם טעסמאַן?

פרוי עלווסטעד: אַך, מיין גאָט, העדדאַ! וואָס טהוסטו?

העדדאַ: ווער ניט אויפגערעגט! דער שרעקליכער ריכטער בראַק זיצט און קוקט אויף דיר.

לאַוובארג: אזוי, איז זי געווען אין טוידט־שרעקענים! איבער מיר!

פרוי עלווסטעד: (שטיל, מיט אַ פערוויינטער שטימע) אה, העדדאַ — איצט האָסטו אלעס רואינירט!

לאַוובארג: (קוקט אויף איהר אַ מינוט פעסט. דאָס געזיכט איז איהם געוואָרען פערקרימט) הייסט עס, אַט אַזוי האָט דאָס מיין קאַמעראַד מיך אָפענהערציג געטרויט?

פרוי עלווסטעד: (מיט געבעט) אַך, מיין ליעבסטער פריינד — דו מוזט מיר נור אויסהערען —

לאַוובארג: (נעהמט אַ גלאָז פּונש, ברייננגט עס צו די ליפען און זאָגט אין אַ נידעריגער, הייזעריגער שטימע) לחיים, טייאַ! (טרינקט אויס די גלאָז, שטעלט זי אָוועק און נעהמט די צווייטע.)

פרוי עלווסטעד: (שטיל) אה, העדדאַ, העדדאַ — ווי אזוי האָסטו דאָס געקענט טהאָן?

העדדאַ: איך האָב עס געטהאָן? איך? ביזטו משוגע?

לאַוובארג: אַט טרינק איך איינס צו אייער געזונד

אויך, מאדאם טעסמאן. א דאנק פאר דער ווארהייט, הורראַ פאר דער ווארהייט! (טרינקט אוים די גלאָז און וויל אָנגיסען נאָך איינע.)

העדדא: (לעגט איהר האנד ארויף אויף זיין אָרעם) נא, נא, — גענוג פאר איצטער. געדענקט אז איהר געהט אויף דער וועטשערינקע.

פרוי עלווסטעד: ניין, ניין, ניין!

העדדא: שא! זיי זיצען און קוקען אויף דיר.

לאווובארג: (שטעלט אוועק די גלאָז) איצט, טייא — דערצעהל מיר דעם אמת —

פרוי עלווסטעד: יא.

לאווובארג: האָט דיין מאַן געוואוסט אז דו ביזט נאכגעפאהרען נאָך מיר?

פרוי עלווסטעד: (ברעכט די הענד) אה, העדדא — דו הערסט וואָס ער פרעגט?

לאווובארג: איז עס געווען אבגעמאכט צווישען דיר און איהם, אז דו זאָלסט קומען צופאָהרען אין שטאָדט און אכטונג געבען אויף מיר? אפשר האָט דאָס דער לאנדריכטער אליין דיך איינגערעדט אהער צו קומען? אהא, מיין טייערע — ער דארף מיך אודאי האָבען אין זיין ביורא! אדער פעהל איך איהם צו א האנד אין קאָרטען?

פרוי עלווסטעד: (שטיל, ליידענד) אה, לאווובארג, לאווובארג — !

לאווובארג: (כאַפּט א גלאָז און וויל זי אָנגיסען) מיר וועלען מאכען לחיים פאר דעם אלטען לאנדריכטער אויך!

העדדא: (לאזט איהם ניט) איצט ניט מעהר. געדענקט אז איהר דארפט לעזען אייער מאנוסקריפט פאר טעסמאַן'ען.

לאווובארג: (רוהיג, שטעלט אוועק די גלאָז) עס איז געווען דום פון מיין זייט, די גאנצע זאך, טייא — אזוי דאָס אויפצופאסען, מיין איך, זיי ניט אין כעס אויף מיר, מיין ליעבע, ליעבע קאמעראדין. דו וועסט זעהען — אי דו, אי די איבעריגע —

אז אויב איך בין אמאָל געפאַלען — בין איך איצט ווידער אויפ־געשטאַנען! דיר צו פערדאַנקען טייאַ!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (שיינט פאר פרייד) אך, גאָט זיי דאַנק — !

(אין צווישענצייט האָט בראַק געקוקט אויף די אוהר. ער און טעסמאַן שטעהען אויף און קומען אריין אין זאַאַל.)

ב ר א ק: (נעהמט זיין הוט און ראָק) אלזאָ, מאַדאַם טעס־מאַן, ס'איז געקומען אונזער צייט.

ה ע ד ד א: יאַ, איך רעכען אַז ס'איז געקומען.

ל א ו ו ב א ר ג: (שטעהט אויף) מיין צייט אויך, הערר ריכ־טער.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (זאַכט און בעטענדיג) אָה, לאַוו־באַרג, טהו דאַס ניט!

ה ע ד ד א: (קנייפּט איהר אין ארעם) זיי קענען דיך הערען!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (מיט א אונטערדריקטען געשריי) אוי!

ל א ו ו ב א ר ג: (צו בראַק) איהר זייט געווען אַזוי פריינד־ליך מיך איינצולאַדען.

ב ר א ק: נו, קומט איהר דאָך?

ל א ו ו ב א ר ג: יאַ, איך דאַנק בעסטענס.

ב ר א ק: עס פרעהט מיך זעהר —

ל א ו ו ב א ר ג: (צו טעסמאַן, לעגט אריין דעם מאַנוסקריפּט צו זיך אין טאַש) איך וואָלט דיר וועלען ציינען אַ פּאָר שטעלען איי־דער איך גיב עס אריין אין דרוק.

ט ע ס מ א ן: דענק נור — דאַס וועט זיין גרויסאַרטיג. אבער, מיין ליעבע העדדאַ, ווער וועט בעגלייטען פרוי עלווסטעד אהיים? האַ?

ה ע ד ד א: אָה, מיר קענען שוין געפינען אַ וועג.

ל א ו ו ב אָ ר ג: (קוקט אויף די דאַמען) פרוי עלווסטעד? נאַטירליך, איך וועל אריינקומען און זי מיטנעהמען. (געהט צו נעהנ־

טער) אזוי אונגעפעהר ארום צעהן, מאדאם טעססמאן? איז עס רעכט?

ט ע ס מ א ן: נו, אלזא, איז אלעס גוט. דו דארפסט אבער מיך ניט ערווארטען אזוי פריה, העדדא.

ה ע ד ד א: אה, דו קענסט פערבלייבען אזוי לאנג — אזוי לאנג ווי דו ווילסט נור.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (זוכט צו פערבארגען איהר אנגסט) נו דאן, הערר לאובארג — וועל איך דא בלייבען ביז וואנען איהר קומט.

ל א ו ו ב א ר ג: (מיט'ן הוט אין האנד) יא, ביטע, פרוי עלווסטעד.

ב ר א ק: און איצט, מיינע העררען, געהט אב דער צוג! איך האף מיר וועלען לעבען א טאג, ווי א געוויסע שעהנע דאמע האט עס אויסגעדריקט.

ה ע ד ד א: אך, ווען די שעהנע דאמע וואלט געקענט דער־ביי זיין אונגעזעהען — !

ב ר א ק: פאר וואס אונגעזעהען?

ה ע ד ד א: כדי צו הערען א ביסעל פון אייערע לוסטיגע ווערטלעך, פון ערשטער האנד, הערר בראק.

ב ר א ק: (לאכט) איך וואלט ניט געראטהען די שעהנע דאמע דאס צו פרובירען.

ט ע ס מ א ן: (לאכט מיט) נא, דו ביזט א וואוילינקע, העד־דא! דענק נור!

ב ר א ק: נו, אדיע, אדיע, מיינע דאמען.

ל א ו ו ב א ר ג: (פערנייגט זיך) אלזא, ארום צעהן אוהר.

(בראק, לאובארג און טעססמאן געהען ארויס דורך די טיר פון קארידאר. אין דערזעלבער צייט קומט בערטא אריין פון מיטעלסטען צימער מיט אן אנגעצונדענעם לאמפ, וועלכען זי שטעלט אוועק אויפ'ן זאאל־טיש. געהט ארויס דורך דעמזעלבען וועג וואס זי איז געקומען).

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (איז אויפגעשטאנען און געהט

אונרוהיג ארום אין צימער) העדדא — העדדא — וואס קען דערפון ווערען?

העדדא: אום צעהן אוהר וועט ער דאָ זיין. איך קען איהם שוין זעהען — מיט ווייןטרויב בלעטער אין די האָאר — צו־היצט און פורכטלאָז —

פרוי עלווסטעד: אה, ווען ער קומט נאָר אזוי!

העדדא: און דאן, זעהסטו — דאן וועט ער ווידער האָ־בען געוואונען די מאכט איבער זיך. דאן וועט ער זיין א פרייער מענש זיין גאנצען לעבען.

פרוי עלווסטעד: אה, גאָט! — ווען ער וואָלט נאָר קומען, אזוי ווי דו זעהסט איהם איצטער!

העדדא: ער וועט קומען, ווי איך זעה איהם — אזוי און ניט אנדערש! (שטעהט אויף און געהט צו טייאַ) דו קענסט אין איהם צווייפלען אזוי לאנג ווי דו ווילסט; איך גלויב אין איהם. און איצטער וועלען מיר פרובירען —

פרוי עלווסטעד: דו האָסט עפּעס א פערבאָרגענעם מאָטיוו דעריין, העדדא!

העדדא: יא, איך האָב. איך וויל כאָטש איינמאָל אין מיין לעבען האָבען די מאכט איבער דעם שיקזאל פון א מענשען.

פרוי עלווסטעד: האָסטו דען ניט די מאָכט?

העדדא: איך האָב ניט, און האָב קיינמאָל ניט געהאט.

פרוי עלווסטעד: איבער דיין מאַן אויך ניט?

העדדא: דענקסטו אז דאָס איז ווערטה די מיה? אָה, ווען דו וואָלסט געקענט פערשטעהן ווי אָרים איך בין. איך האָט דער שיקזאל גראד געמאכט אזוי רייך! (נעהמט איהר לייד־ענשאַפּטליך ארום) איך דענק, איך מוז דיר אבברענען די האָאר נאָך אלעם דעם.

פרוי עלווסטעד: לאָז מיך לויז! לאָז מיך לויז! איך האָב מורא פאר דיר, העדדא!

ב ע ר ט א (שטעהט אין טיר) טהעע איז פערטיג אין שפייז־צימער, מאדאם.

ה ע ד ד א: זעהר גוט. מיר קומען גלייך.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, ניין, ניין! איך וועל בע־סער געהן אהיים אליין! שוין גלייך!

ה ע ד ד א: אונזין! ערשטענס וועסטו טרינקען א גלעזיל טהעע, דו קליינע נארעלע. און דאן — אום צעהן אוהר — וועט דא זיין עילערט לאוובארג — מיט וויינטרויב בלעטער אין די האאר.

(זי שלעפט פרוי עלווסטעד כמעט מיט געוואלט צום מיטעלסטען דורכגאנג.)

דריטער אקט.

דערזעלבער צימער ביי טעסמאן. די פאָרהאַנגען זיינען פערצויגען איבער דעם מיטעלסטען דורכגאנג און אויך איבער דער גלעזערנער טיר. דער לאָמפּ, האַלב אויסגעדרעהט, אונטער אַן אַבאַזשור, ברענט אויפ'ן טיש. אין אויווען מיט אַן אָפען טירעל איז געווען א פייער, וועל־כער איז איצט כמעט אויסגעלאָשען.

פרוי עלווסטעד, איינגעהילט אין א גרויסער שאַל, מיט די פיס אויף א פוס־ביינקעל, זיצט נעבען אויווען אָנגעשפּאַרט אויף הינטען אין לעהנשטוהל. העדדא, אין גאנצען אָן אָנגעטאָנענע, ליעגט און שלאָפט אויפ'ן זאָפע, צוגעדעקט מיט א דעקע.

פרוי עלווסטעד: (זעצט זיך אויף פּלוצלונג און הערט זיך צו געשפּאַנט. דאַן פאַלט זי צוריק אויף הינטען א מיעדע און קרעכצט צו זיך אליין) נאָך ניטאָ! אה, גאָט — אָה גאָט — נאָך ניטאָ!

(בערטאַ קומט אריין פאָרזיכטיג דורך די קאָרידאָר־טיר. זי האַלט א בריעף אין האַנד.)

פרוי עלווסטעד: (קעהרט זיך אום און זאָגט געשפּאַנט) נו, איז ווער געקומען?

בערטא: (זאַכט) יא, א מיידעל האָט אַקאָרשט געבראַכט אָט דעם בריעף.

פרוי עלווסטעד: (שנעל, שטרעקט אוים די האַנד) א בריעף! גיט עס מיר!

בערטא: ניין, מאַדאַם, עס איז פאַר דר. טעסמאַן.

פרוי עלווסטעד: אַך, אזוי.

ב ע ר ט א: פריילין טעסמאן'ס דיענסט האָט עס געבראכט. איך וועל עס אוועקלעגען דאָ אויפ'ן טיש.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, לעגט עס אוועק.

ב ע ר ט א: (לעגט אוועק דעם בריעף) איך רעכען איך וועל בעסער פערלעשען דעם לאָמפּ. ער רויכערט.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, לעשט איהם אוים. עס מוז שוין באַלד טאָגען.

ב ע ר ט א: (לעשט אוים דעם לאָמפּ) עס טאָגט שוין, מאדאם.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, גרויסער טאָג! און קיינער איז נאָך ניט געקומען — !

ב ע ר ט א: זאָל גאָט שומר ומציל זיין, מאדאם — איך האָב מיר געקלערט אז ס'וועט אזוי זיין.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: איהר האָט געקלערט אזוי?

ב ע ר ט א: יא, ווען איך האָב געזעהן, אז א געוויסע פערזאָן איז געקומען צוריק אין שטאָדט — און אז ער איז אוועקגעגאנגען מיט זיי. ווארים מיר האָבען זיך שוין פריהער גענוג אָנגעהערט וועגען יענעם העררן.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: רעדט ניט אזוי הויך. איהר וועט אויפוועקען די מאדאם טעסמאן.

ב ע ר ט א: (קוקט צו דער זאָפע און זיפצט) ניין, ניין — לאָז זי שלאָפען, נעבעך. זאָל איך ניט ארויפלעגען א ביסעל האָלץ אויפ'ן פייער?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: א דאַנק, ניט פון מיינטוועגען.

ב ע ר ט א: נו, זאָל זיין. (זי געהט זאָכט ארוים דורך די קאָרידאָר־טיר).

ה ע ד ד א: (כאַפּט זיך אויף פון דעם קלאַפּ פון דער טיר און קוקט זיך ארום) וואס איז — ?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: דאס איז נור געווען די דיענסט—

ה ע ד ד א: (קוקט זיך ארום) אָה, מיר זיינען דאָ — ! יא,

איצט געדענק איך. (זעצט זיך אויף גלייך אויפ'ן זאפע, ציהט זיך און רייבט די אויגען) ווי שפעט איז עס, טויא?

פרוי עלווסטעד: (קוקט אויף איהר אוהר) ס'איז נאך זיעבען.

העדדא: ווען איז טעסמאן געקומען אהיים?

פרוי עלווסטעד: ער איז ניט געקומען.

העדדא. נאך ניט געקומען אהיים?

פרוי עלווסטעד: (שטעהט אויף) קיינער איז ניט גע־קומען.

העדדא: בערעכען נור, ווי מיר זיינען דא געזעסען און געווארט ביז פיער פארטאג —

פרוי עלווסטעד: (ברעכט די הענד) און ווי אזוי האב איך געווארט און אויסגעקוקט אויף איהם!

העדדא: (גענעצט און זאגט פערשטעלענדיג דאס מויל מיט דער האנד) נו, נו — מיר האבען זיך געקענט פארשפארען די טרחה.

פרוי עלווסטעד: האסטו כאטש געשלאפען א ביסעל?

העדדא: אה, יא; איך גלויב אז איך האב געשלאפען גאנץ גוט. און דו ניט?

פרוי עלווסטעד: ניט איין רגע. איך האב ניט גע־קענט, העדדא! אפילו ווען עס וואלט מיר געגאנגען אום לעבען.

העדדא: (שטעהט אויף און געהט צו איהר צו) שא, שא, שא! ס'איז גאר ניטא פאר וואס זיך צו שרעקען. איך פערשטעה גאנץ גוט וואס עס האט פאסירט.

פרוי עלווסטעד: איז וואס דענקסטו? קענסטו מיר ניט זאגען?

העדדא: פארוואס ניט — עס פערשטעהט זיך, אז די שמחה ביי ריכטער בראק האט זיך פערצויגען גאנץ שפעט —

פרוי עלווסטעד: יא, יא — דאס איז שוין קלאר. דאך אבער —

העדדא: און דאן, פערשטעהסטו, האָט טעסמאן ניט גע־וואָלט קומען אהיים און אויפוועקען אונז אין מיטען נאַכט. (לאַכט) אפשר האָט ער דערצו אויך טאקע ניט געוואָלט זיך ציינען — גלייך נאָך דער הוליאנקע.

פרוי עלווסטעד: אויב אזוי אבער — איז וואו האָט ער געקענט געהן?

העדדא: עס פערשטעהט זיך אז ער איז מסתמא אוועק־געגאנגען צו זיין טאַנטע און האָט דארט געשלאָפען. זיי האָבען דאָרט זיין אַלטען צימער אימער גרייט פאַר איהם.

פרוי עלווסטעד: ניין, ער קען ניט זיין ביי זיי, וואָרים אָט ערשט איז געקומען פאַר איהם אַ בריעף פון פריילין טעסמאן. דארט'ן ליעגט עס.

העדדא: ווירקליך? (קוקט אויפ'ן אדרעס) יא, טאקע, עס איז געשריבען מיט טאַנטע יוליא'ס אייגענער האַנד. נו, אויב אזוי איז ער געבליבען אין בראַק'ס הויז. און וואָס אנבעטרעפט עילערט לאָוובאָרג — זיצט ער מיט ווייַנ־טרויב בלעטער אין די האָאָר און לעזט פאַר זיין מאַנוסקריפּט.

פרוי עלווסטעד: אָה, העדדא, דו זאָגסט זיך אָב זאַכען, אין וועלכע דו הויבסט אליין ניט אָן צו גלויבען.

העדדא: דו ביזט אויף אַן אמת אַ קליינער דומקאָפּ, טייא.

פרוי עלווסטעד: אָך, יא, איך האָב מורא אז איך בין.

העדדא: ווי שרעקליך־מיעד דו זעהסט אויס.

פרוי עלווסטעד: יא, איך בין שטערבליך מיעד.

העדדא: נו, אַלזאָ, דו מוזט טהאָן וואָס איך הייס דיר. דו מוזט געהן אין מיין צימער און זיך אניעדערלעגען פאַר אַ ווײַלע.

פרוי עלווסטעד: אָה, ניין, ניין — איך וועל ניט קענען איינשלאָפען.

ה ע ד ד א: איך בין זיכער אז דו וועסט קענען.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: גוט, אָבער דיין מאן וועט דאָך אודאי גלייך קומען, און איך וויל גלייך וויסען —

ה ע ד ד א: איך וועל זעהן אז דו זאָלסט וויסען גלייך ווי ער קומט.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: זאָגסטו מיר דאס צו, העדדא?

ה ע ד ד א: פערלאָז זיך אויף מיר. דו געה נור אריין און שלאָף זיך דורך דערוויילע.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: א דאַנק; איך וועל פּרובירען.

(זי געהט אָב דורך דעם מיטעלסטען צימער. העדדא געהט צו צו דער גלעזערנער טיר און רוקט אב די פאַרהאַנגען. אין צימער שטראַמט אריין א העלע ליכטיגקייט פון גרויסען טאָג. זי נעהמט דאן א קליי־נעם האנד־שפּיעגעל פון שרייבטיש, קוקט זיך איין און מאַכט צורעכט איהרע האָאר. דערנאָך געהט זי צו דער קאָרידאָר־טיר און טהוט א דריק א גלאָק־קנעפּיל. אין א ווייל ע ארום בעווייזט זיך בערטא אין טיר.)

ב ע ר ט א: האָט איהר עפּעס געוואָלט, מאַדאַם?

ה ע ד ד א: יא, איהר מוזט אריינלעגען אביסעל מעהר האָלץ אין אויוועז. מיך טרייסעלט פון קעלט.

ב ע ר ט א: וועה מיר — אָט שוין מאַך איך וואַרעם. (זי שאַרט צוזאַמען די קויהלען און לעגט ארויף א שייט האָלץ. שטעלט זיך אָב און האָרכט.) דאס האָט מען געקלונגען די פאָדערסטע טיר, מאַ־דאם.

ה ע ד ד א: דאן געהט צו דער טיר. איך וועל אכטונג גע־בען אויפ'ן פייער.

ב ע ר ט א: עס וועט שנעל אויסברענען.

(זי געהט ארויס דורך די קאָרידאָר־טיר. העדדא שטעלט זיך אויף די קניע און לעגט אריין נאָך עטליכע שייטלעך האָלץ אין אויוועז. נאָך א קורצער פּאַוזע קומט זשאָרזש טעסמאן אריין פון קאָרידאָר. ער זעהט אויס מיעד און האָט אַן ערנסט געזיכט. ער גנב'ט זיך אריין אויף

די שפּיץ־פינגער אין מיטעלסטען דורכגאנג און וויל זיך דורכרוקען דורך די גאַרדינען).

הערדאַ: (ביים אויווען, ניט קוקענדיג אויף איהם) גוט מאָרגען.

טעסמאַן: (קעהרט זיך אום) הערדאַ! (געהט צו צו איהר) מיין גאָט — אזוי פריה ביזטו שוין אויף? הא?

הערדאַ: יא, איך בין היינט אויפגעשטאנען זעהר פריה.

טעסמאַן: און ביי מיר איז קיין ספק ניט געווען אז דו שלאָפסט נאָך גאנץ געשמאַק. דענק נור, הערדא!

הערדאַ: רייד ניט אזוי הויך. פרוי עלוועסטעד האָט זיך צוגעלעגט אין מיין צימער.

טעסמאַן: איז פרוי עלוועסטעד דאָ געווען די גאנצע נאכט?

הערדאַ: יא, אזוי ווי קיינער איז ניט געקומען זי אב־נעהמען.

טעסמאַן: יא, דאָס איז ריכטיג.

הערדאַ: (מאכט צו דאָס טירעל פון אויווען און הויבט זיך אויף) נו, האָסטו עפּעס גוט פערבראַכט ביי ריכטער בראַק?

טעסמאַן: ביסטו געווען אונרוהיג וועגען מיר? הא?

הערדאַ: ניין, מיר פאלט קיינמאָל ניט איין צו זיין אונ־רוהיג. אָבער איך האָב דיר געפרעגט, צי דו האָסט גוט פער־בראכט?

טעסמאַן: אָה, יא — איין מאָל פאר אלע מאָל. איבער־הויפּט אין אנפאנג פון אבענד, בעת עילערט לאָוובאָרג האָט מיר פארגעלעזען א טייל פון זיין בוך. מיר זיינען אנגעקומען אויף מעהר ווי א שטענדע צו פריה — דענק נור! און בראַק האָט געהאט נאָך פערשיעדענעס איינצוריכטען — האָט עילערט דערווייל געלעזען פאר מיר.

הערדאַ: (זעצט זיך ביים טיש, רעכטס) נו, דערצעהל מיר —

ט ע ס מ א ן: (זעצט זיך אויף א פוס־בײנקעל נעבען אויוועז) אָה, העדדא! דו קענסט גאָר ניט בעגרייפען וואס פאר א בוך דאס וועט זיין! איך גלויב אז דאס איז איינע פון די מערקוויר־דיגסטע זאכען, וואס זיינען ווען עס איז געשריבען געוואָרען. דענק נור!

ה ע ד ד א: יא, יא; דאס געהט מיך ניט אָן —

ט ע ס מ א ן: איך מוז זיך פאר דיר מודה זיין, העדדא. ווען ער האָט געענדיגט לעזען — איז אויף מיר אנגעקומען א שרעקליכער געפיהל.

ה ע ד ד א: א שרעקליכער געפיהל?

ט ע ס מ א ן: איך האָב מקנא געווען עילערט'ן פאר וואָס ער האָט געקאנט אנשרייבען אזא בוך. דענק נור, העדדא!

ה ע ד ד א: יא, יא, איך דענק.

ט ע ס מ א ן: און דאַן אבער ווי טרויעריג עס איז צו דענ־קען, אז טראָץ אלע זיינע פעהיגקייטען איז ער נאָך אלעם דעם דאָך א פערפאלענער.

ה ע ד ד א: דו מיינסט מסתמא צו זאגען, אז ער האָט מעהר לעבענס־מוטה איידער אלע איבעריגע?

ט ע ס מ א ן: ניין, גאָר ניט דאָס — איך מיין אז ער קען ניט נעהמען זיינע פערגעניגענס מיט א מאָס.

ה ע ד ד א: און וואס איז פון דער גאנצער זאך געוואָרען — צום סוף?

ט ע ס מ א ן: נו, דעם אמת געזאגט, העדדא, דענק איך אז אם בעסטען וואָלט מען עס קענען אָנרופען א הוליאנקע פון שכורים

ה ע ד ד א: האָט ער געהאט וויין־טרויב בלעטער אין די האָאר?

ט ע ס מ א ן: וויין־טרויב בלעטער? ניין, איך האָב אזוינס אויף איהם ניט געזעהן. נור ער האָט געהאלטען א לאנגע, פער־דרעהטע רעדע אין עהרע פון דער פרוי וועלכע האָט איהם בעגייס־

טערט אין דער ארבייט — יאָ, אַט דעם אויסדרוק האָט ער גע־ברויכט.

הערדא: האָט ער זי אנגערופען ביים נאָמען?

טעסמאַן: ניין, דאָס האָט ער ניט געטהאָן. איך קען מיר אבער אנדערש ניט דענקען סיידען נור אז ער האָט געמיינט פרוי עלווסטעד. נו מעגסט זיין זיכער אז ער האָט זי געמיינט.

הערדא: נו, און וואו האָסטו זיך מיט איהם געשיידט?

טעסמאַן: אויפ'ן וועג אין שטאָדט אריין. מיר האָבען פערלאָזט דאס הויז — וועניגסטענס די וואָס זיינען פערבליבען ביז צו לעצט — אלע צוזאמען; און בראַק איז מיט אונז מיטגעגאַנ־גען כאפּען אביסעל פרישע לופט. דאן, פערשטעהסטו, האָבען מיר אָבגערעדט אָבצופיהרען עילערט'ן אהיים, וואָרים ער האָט געהאט גענומען א קאפּעטשקע צו־פיעל.

הערדא: איך רעכען אזוי.

טעסמאַן: איצט אבער קומט דער זאנדערבארער טייל פון דער מעשה, אדער איך האָב ריכטיגער געדאַרפט זאגען, דער טרויעריגער טייל דערפון. איך זאָג דיר אז איך שעהם מיך, פון עי־לערט'ס וועגען, דיר צו דערצעהלען —

הערדא: אָך, דערצעהל שוין —!

טעסמאַן: נו, איז ווען מיר זיינען שוין באלד געווען נע־בען שטאָדט, בין איך צופעליג געבליבען אביסעל פון הינטען. עט־ליכע מינוטען נור — שטעל זיך פאָר!

הערדא: יאָ, מיין גאָט, אבער —?

טעסמאַן: און ווען איך בין דאן זיי נעכגעלאָפען — וואס דענקסטו האָב איך געפונען ליעגענדיג אויפ'ן וועג? הא?

הערדא: אָך, ווי אזוי זאָל איך עס וויסען?

טעסמאַן: דו זאָלסט עס נור קיינעם ניט זאגען, הערד־דא! דו הערסט! פערשפּרעך עס מיר פון עילערט'ס וועגען. (שלעפּט ארויס אַ פּאקעט, איינגעוויקעלט אין פּאפּיער, פון זיין טאש) דענק נור — אַט דאָס האָב איך געפונען!

ה ע ד ד א: איז דאס ניט דער פאקעט, וואס ער האט דא געהאט מיט זיך געסטערן?

ט ע ס מ א ן: יא, דאס איז אין גאנצען דער טייערער מאַ־נוסקריפט זיינער, וועלכער וואלט געווען פערפאלען אויף אייביג! און ער איז געגאנגען און האט עס פערלאָרען און האט גאר ניט געוואוסט וועגען דעם. דענק נור, העדדא! אזא טרויעריגע —

ה ע ד ד א: אבער פאר וואס האסטו איהם גלייך ניט צוריק־געגעבען דעם פאקעט?

ט ע ס מ א ן: דאס האב איך ניט געוואגט צו טהון — אין דעם צושטאנד אין וועלכען ער איז געווען —

ה ע ד ד א: האסטו ניט דערצעהלט קיינעם פון די איבעריי־גע אז דו האסט עס געפונען?

ט ע ס מ א ן: אך, גאט בעהיט! דאס קענסט דאך פער־שטעהן, אז איך וואלט עס ניט געטהאן, טאקע פון עילערט'ס וועגען אליין.

ה ע ד ד א: הייסט עס, אז קיינער וויים ניט, אז עילערט לאוובערג'ס מאנוסקריפט געפינט זיך ביי דיר?

ט ע ס מ א ן: ניין, און קיינער ט א ר עס אויך ניט וויסען.

ה ע ד ד א: און וואס האסטו איהם געזאגט נאכהער?

ט ע ס מ א ן: מעהר איז מיר שוין גאר ניט אויסגעקומען מיט איהם צו רעדען; ווארים ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין די גאסען, האט ער, מיט נאך א צוויי, דריי פון די אנדערע, זיך ארויסגעדרעהט פון אונטער אונזערע הענד און איז פערשוואונדען. דענק נור!

ה ע ד ד א: ווירקליך? זיי האבען איהם אודאי געמוזט אבפיהרען אהיים.

ט ע ס מ א ן: יא, עס זעהט אזוי אויס. און בראק איז אויך געווען אוועקגעגאנגען.

ה ע ד ד א: און וואו האסטו זיך ארומגעטריבען זייט דאן?

ט ע ס מ א ן: איך און נאָך אַ פּאָר אַנדערע זיינען אוועק אהיים צו איינעם פון די לוסטיגע חברה־לייט און האָבען ביי איהם געטרונקען אונזער פריה־מארגען קאפע; אדער אפשר דארף מען עס בעסער רופען אונזער נאכט־קאפע, האַ? נו, איצטער אז איך האָב זיך אביסעל אבגערוהט און דער ארימער עילערט האָט שוין געהאט צייט דורכצושלאָפען זיך אַ ביסעל, מוז איך געהן איהם דאס אוועקצוטראָגען.

ה ע ד ד א: (שטרעקט אויס די האנד נאָכ'ן פּאַקעט) ניין — גיב עס איהם נאָך ניט! איך מיין, ניט אין אזא איילע. לאָז מיך דאָס דורכלעזען אפריהער.

ט ע ס מ א ן: ניין, מיין ליעבסטע העדדא, איך טאָר עס ניט, ווירקליך איך טאָר ניט.

ה ע ד ד א: דו טאָרסט ניט?

ט ע ס מ א ן: ניין — ווארים דו קענסט זיך פאָרשטעלען ווי פערצווייפעלט ער וועט זיין ווען ער שטעהט אויף און כאפּט זיך אז ער האָט ניט דעם מאנוסקריפּט. דו מוזט וויסען, אז ער האָט ניט קיין קאָפּיע דערפון. ער האָט עס מיר אליין געזאגט.

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהם פאָרשענד) לאָזט זיך דען אזא זאך ניט רעפּראָדוצירען? ווידער אָנשרייבען?

ט ע ס מ א ן: ניין, איך דענק ניט אז מען וואָלט עס געקענט. דען די בעגייסטערונג, פערשטעהסט —

ה ע ד ד א: יאָ, יאָ — איך רעכען אז עס הענגט אָב פון דעם — (לייכט) אבער, גוט וואָס איך האָב זיך דערמאָנט — דאָ איז פאראן אַ בריעף פאר דיר.

ט ע ס מ א ן: דענק נור! —

ה ע ד ד א: (דערלאנגט עס איהם) עס איז געקומען היינט גאנץ פריה.

ט ע ס מ א ן: עס איז פון טאַנטע יוילאַ! וואס קען עס זיין? (ער לעגט אוועק דעם פּאַקעט אויף דעם אַנדער פוסבייבקעל, עפענט אויף דעם בריעף, קוקט איהם שנעל דורך און שפּרינגט אויף)

אָה, העדדא, — זי שרייבט אז די אָרימע טאנטע האלט ביים שטאַרבען!

ה ע ד ד א: נו, דאָס איז דאָך ניט אונערוואַרטעט.

ט ע ס מ א ן: און אויב איך וויל זי נאָך זעהען, מוז איך זיך צואיילען. איך'ל גלייך אריבערלויפען.

ה ע ד ד א: (האלט זיך איין צו שמייכלען) דו וועסט לויפען?

ט ע ס מ א ן: אָה, מיין ליעבסטע העדדא — ווען דו וואָלסט געקענט ביי זיך פועל'ן מיט צוגעהן מיט מיר! דענק נור!

ה ע ד ד א: (שטעהט אויף און זאָגט איבערדריסיג, אוועקמאַכענדיג מיט'ן האַנד) ניין, ניין, בעט מיך ניט. איך וויל ניט קוקען אויף קראנהייט און טוידט. מיך עקעלט פון אַלערליי העסליכקייטען.

ט ע ס מ א ן: נו, נו, אַלזאָ —! (ער פאדעט ארום) מיין הוט? — מיין אויבערראָק? — אָה, אין קאָרידאָר — הלוואי זאָל איך נור ניט קומען צו־שפּעט העדדא! הא?

ה ע ד ד א: אָה אז דו וועסט לויפען — (בערטא בעווייזט זיך אין אריינגאַנגס־טיר.)

ב ע ר ט א: ריכטער בראַק איז דרויסען און פרעגט אויב ער מעג אריינקומען.

ט ע ס מ א ן: איצטער, אזוי פריה? ניין, איך קען איהם אויף קיין פאַל ניט זעהען.

ה ע ד ד א: אבער א י ך קען. (צו בערטא:) בעט ריכטער בראַק ער זאָל אריינקומען. (בערטא געהט אָב.)

ה ע ד ד א: (האַסטיג, שטיל) דעם פּאַקעט, טעסמאַן! (זי כאַפּט עס צו פון שטוהל.)

ט ע ס מ א ן: יא, גיב עס מיר!

ה ע ד ד א: ניין, ניין, איך וועל עס האַלטען ביז דו וועסט צוריק קומען.

(זי געהט צו צום שרייבטיש און לעגט עס אוועק אין ביכער־שאַנ־

טעל. טעסמאן שטעהט אַן אויפגערעגטער פון איילעניש און קען ניט ארויפציהען זיינע האנדשוה.

ריכטער בראק (קומט אריין פון קאָרידאָר.)

העדדא: (שאָקעלט צו איהם מיט'ן קאָפּ) נא, איהר זייט אבער א פריהער פויגעל.

בראק: יא, מיינט איהר ניט? (צו טעסמאן:) און איהר זייט שוין אויך אויף די פיס?

טעסמאן: יא, איך מוז שנעל געהן צו מיינע טאַנטעס. דענקט נור — די קראנקע ליעגט א מינוט פאר'ן טוידט — די ארימע בעשעפענים, נעבעך.

בראק: מיין גאָט, ווירקליך? דאן וויל איך אייך אויף קיין פאל ניט פערהאלטען. אין אזא קריטישען מאָמענט —

טעסמאן: יא, איך מוז ווירקליך זיך איילען. אדיע! אדיע! (לויפט ארויס דורך די קאָרידאָר־טיר.)

העדדא: (צוגעהענדיג) ווי עס שיינט איז ביי אייך אין הויז געווען גאנץ לעבעדיג לעצטע נאכט, הערר בראק.

בראק: גלויבט מיר, מאדאם העדדא, אז איך האָב זיך נאָך ניט אויסגעטאָן זייט געסטערן.

העדדא: אזוי, איהר אויך ניט?

בראק: ניין, ווי איהר זעהט מיך אַז. אבער וואס האָט אייך טעסמאן דערצעהלט וועגען לעצטער נאכטס־פּאסירונגען?

העדדא: אָה, עפּעס א לאנגווייליגע געשיכטע. אז זיי זיי־נען געגאנגען און האָבען ערגיץ וואו געטרונקען קאפע.

בראק: איך האָב שוין געהערט וועגען דער קאפע־חברה. עילערט לאוובארג שטעל איך מיר פאָר איז מיט זיי צוזאמען ניט געווען?

העדדא: ניין, זיי האָבען איהם נאָך פריהער אבגעפיהרט אהיים.

בראק: טעסמאן איז אויך געווען מיט זיי?

הערדא: ניין, ווער עס איז פון די אנדערע, האָט ער געזאָגט.

בראק: (שמייכעלט) זשאָרזש טעסמאן איז ווירקליך א כשר'ה נשמה, מאַדאַם העדדא.

הערדא: יא, דאס וויים גאָט. שטעקט אבער נאָך וואס הינטער דעם?

בראק: יא, אפשר שטעקט עפּעס.

הערדא: גוט, אלזא, זעצט זיך אנידער, מיין ליעבער ריכטער, און דערצעהלט אייער געשיכטע בהרחבה.

(זי זעצט זיך ביי דער לינקער זייט פון טיש. בראַק נעבען איהר ביי דער לינקער זייט.)

הערדא: נו, אלזאָ.

בראק: איך האָב געהאט ספּעציעלע אורזאכען לעצטע נאכט אכטונג צו געבען וואו מיינע געסט — אדער ריכטיגער געזאָגט אייניגע פון זיי — געהען.

הערדא: צווישען די אנדערע, אפשר אויך וואו עילערט לאווברג געהט?

בראק: אָפען געזאָגט — יא.

הערדא: איצט מאַכט איהר מיר ווירקליך נייגיריג —

בראק: ווייסט איהר וואו ער און נאָך א פּאָר אנדערע האָבען געענדיגט די נאכט, מאַדאַם העדדאַ?

הערדא: אויב עס איז ניט צו־מיאוס צו רעדען וועגען דעם, דאן דערצעהלט.

בראק: אָה, ניין, עס איז גאָר ניט צו־מיאוס. קורץ, זיי זיינען זיך אוועקגעגאנגען אויף א בעזונדערס־פרעהליכען אבענד.

הערדא: פון דעם לעבעדיגען סאָרט?

בראק: פון דעם סאמע לעבעדיגסטען —

הערדא: דערצעהלט, דערצעהלט, הערר בראַק —

בראק: לאווברג אזוי גוט ווי די אנדערע זיינען נאָך פריהער איינגעלאדען געווארען. איך האָב געוואוסט וועגען דער

גאנצער זאך. ער האט אבער ענטזאגט די איינלאדונג; דען ווי איהר ווייסט איז ער דאך איצט געווארען אנ׳אנדער מענש.

ה ע ד ד א: דארט ביי די עלווסטעד׳ס, יא. ער איז אבער געגאנגען, נאך אלעם דעם?

ב ר א ק: נו, איהר זעהט, מאדאם העדדא — אונגליקלי־כערווייז איז אויך איהם אנגעקומען דער גייסט לעצטע נאכט ביי מיר אין הויז —

ה ע ד ד א: יא, איך הער אז ער האט זיך בעגייסטערט.

ב ר א ק: גאר גוואלטיג בעגייסטערט. נו, קלער איך, אז דאס האט מסתמא געאנדערשט זיין געדאנק; דען מיר מאנסבי־ל זיינען ליידער ניט אלעמאל אזוי פעסט אין אונזערע פרינציפען ווי מיר זאלען זיין.

ה ע ד ד א: אה, איך בין זיכער אז א י ה ר, הערר בראק, זייט אן אויסנאהמע פון דעם כלל. אבער מכח לאובארג׳ן — ?

ב ר א ק: קורץ און גוט — די ענדע איז געווען אז ער איז אריינגעפאלען אין מאמזעל דיאנא׳ס סאלאן.

ה ע ד ד א: אין מאמזעל דיאנא׳ס?

ב ר א ן: מאמזעל דיאנא האט עס געגעבען דעם „אבענד" פאר א געקליבענעם קרייז פון איהרע פערעהרער און פריינדינען.

ה ע ד ד א: איז זי א פרוי וואס האט רויטע האאר?

ב ר א ק: עס שטימט.

ה ע ד ד א: א געוויסע — זינגערקע?

ב ר א ק: אה, יא — ווען זי איז ניט פערנומען מיט עפעס אנדערש. דערהויפט אבער איז זי א מעכטיגע יעגערין — פון מע־נער, מאדאם העדדא. איהר האט אודאי געמוזט הערען פון איהר. עילערט לאובארג איז געווען איינער פון איהרע העכסט ענטוזיאס־טישע בעשיצער — אין די צייטען פון זיין אמאליגען גלאנץ.

ה ע ד ד א: און וואס איז פון דעם אלעם געווארען?

ב ר א ק: ווי עס שיינט, ווייט ניט ליעבליך. נאך א העכסט צערטליכען עמפפאנג, זעהט עס אויס, איז מען געקומען צו קלעפ—

ה ע ד ד א: לאוובארג און זי?

ב ר א ק: יא. ער האָט זי אדער איהרע פריינדינען בע־שולדיגט, אז זיי האָבען איהם בערויבט. ער האָט ערקלערט, אז זיין געלד־טאַש איז איהם פערשוואונדען — און נאָך אנדערע זאכען אויך. קורץ, עס שיינט אז ער האָט דארט געמאכט א שרעקליכען אויפרוהר.

ה ע ד ד א: און וואָס איז פון דעם אלעם געוואָרען?

ב ר א ק: עס איז געווארען אַן אלגעמיינע רייסעריי, אין וועלכער עס האָבען זיך בעטייליגט די דאַמען אזוי גוט ווי די העררן. צום גליק איז די פּאָליציי ענדליך אנגעקומען אויף דער סצענע.

ה ע ד ד א: די פּאָליציי אויך?

ב ר א ק: יא. איך שטעל מיר פאָר אז דער שפּאַס וועט עי־לערט לאוובארג׳ן קאָסטען טייער, פעררוקטער קערל וואס ער איז.

ה ע ד ד א: פאר וואס עפּעס?

ב ר א ק: מען זאגט אז ער האָט זיך געשטעלט דאגעגען מיט געוואלט — אז ער האָט א פּאליציאנט צושלאָגען דעם קאָפּ און צעררויסען דעם ראָק. נו, האָבען זיי איהם מיט די איבעריגע אוועקגעפיהרט אין פּאליציי־הויז.

ה ע ד ד א: פון וואנען האָט איהר זיך דאָס אלעס דער־וואוסט?

ב ר א ק: פון דער פּאליציי אליין.

ה ע ד ד א: (קוקט גלייך פאָר זיך) אָט אזוי איז עס גאָר צו־געגאנגען. ער האָט אלזאָ ניט געהאט קיין וויין־טרויב בלעטער אין זיינע האָאָר.

ב ר א ק: וויין־טרויב בלעטער, מאַדאַם העדדא?

ה ע ד ד א: (בייטענדיג דעם טאָן) איצט זאגט מיר נור, הערר ריכטער — וואס איז געווען אייער ווירקליכער גרונד פאר וואָס איהר האָט אזוי גענוי נאָכגעשפּיהרט עילערט לאָוובאָרג׳ס יע־דען טריט?

ב ר א ק: ערשטענס איז עס פאר מיר גאָר ניט קיין גלייכ־

גילטיגע זאך אין פאל ווען עס שטעלט זיך ארוים אין פאליציי־געריכט, אז ער איז געקומען אהין גלייך פון מיין הויז.

ה ע ד ד א: דענקט איהר אז די זאך וועט קומען אין גע־ריכט?

ב ר א ק: גאנץ געוויס. דאך וואלט איך זיך וועגען דעם אליין נאך ניט אזוי שטארק געקימערט. איך האב אבער גערע־כענט, אז אלס פריינד פון דער פאמיליע, איז עס מיין פליכט צו צושטעלען אייך און טעסמאנען א פולען בעריכט וועגען זיינע ביי־נאכטיגע העלדישקייטען.

ה ע ד ד א: ווארום דען, הערר בראק?

ב ר א ק: ווארום? ווייל איך האב א שארפען חשד אז ער וויל אייך געברויכען פאר א מין שירם־וואנד...

ה ע ד ד א: ווי אזוי קענט איהר גאר אזוי־וואס דענקען!

ב ר א ק: מיין גאט, מיר זיינען דאך ניט בלינד, מאדאם העדדא. גערענקט מיינע ווערטער! אט די פרוי עלווסטעד וועט זיך ניט אנהויבען איילען אוועקצופאהרען פון שטאדט.

ה ע ד ד א: נא, און אפילו אויב דיביידע האבען עפעס א שיכות צווישען זיך, מיין איך אז עס זיינען פאראן גענוג אנדערע פלעצער וואו זיי קענען זי דצונויפקומען.

ב ר א ק: אין קיין איינציגער פאמיליע ניט. פון איצט אן, אזוי ווי פריהער, וועט יעדעס אנשטענדיג הויז זיין פערשלאסען פאר עילערט לאוובארגען.

ה ע ד ד א: און אזוי דארף אויך מיין הויז זיין, מיינט איהר?

ב ר א ק: יא, איך בין זיך מודה, אז עס וואלט מיר זעהר שמערצליך געווען אויב די דאזיגע פערזאן וואלט געהאט די פריי־הייט פון דיזען הויז. ווי איבערפליסיג, ווי צודרינגליך ער וואלט זיין, ווען ער זאל זיך דא אריינשטופען —

ה ע ד ד א: — אין דעם דריי־עק?

ב ר א ק: ריכטיג. דאס וואלט פאר מיר געמיינט, בלייבען איינפאך היימלאז.

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהם מיט א שמייכעל) דאס הייסט אז איהר ווילט זיין דער „איינציגער האָהן אין קאָרב“ — אָט דאָס איז אייער צוועק.

ב ר א ק: (שאָקעלט לאנגזאם מיט׳ן קאָפּ און זאָגט אין א נידע־ריגע שטימע) יא, דאָס איז מיין צוועק. און פאר דעם וויל איך קעמפּפען — מיט אלע מיטלען וועלכע שטעהען מיר צום האנד.

ה ע ד ד א: (איהר שמייכעל פערשווינדעט) איך זעה אז איהר זייט א געפעהרליכע פּערזאָן — ווען עס קומט צום פּונקט.

ב ר א ק: דענקט איהר אזוי?

ה ע ד ד א: איך הויב אָן אזוי צו דענקען. און איך בין העכסט צופריעדען צו דענקען — אז איהר האָט אויף מיר ניט קיין סאָרט בייטש.

ב ר א ק: (לאכט צווייזדייטיג) יא, יא, מאדאם הערדא — דעריין זייט איהר אפשר גערעכט. ווען איך וואָלט עס געהאט, ווער ווייסט וואס איך וואָלט געקענט טהאָן דערמיט?

ה ע ד ד א: נא, נא, הערר ריכטער! דאָס קלינגט שוין כמעט ווי א דראָהונג.

ב ר א ק: (שטעהט אויף) אה, ווייט דערפון! דער דריי־עק, פערשטעהט איהר, מוז, ווען מעגליך, פרייוויליג צונויפגעשטעלט ווערען.

ה ע ד ד א: אין דעם שטים איך מיט אייך איין.

ב ר א ק: נו, איצט האָב איך שוין אבגעזאגט אלעס וואס איך האָב געהאט צו זאָגען, און מען דארף שוין אָנהויבען געהן צוריק אין שטאָדט אריין. אדיע, מאדאם הערדא. (ער געהט צו דער גלעזערנער טיר).

ה ע ד ד א: (שטעהט אויף) געהט איהר דורכ׳ן גארטען?

ב ר א ק: יא, דער וועג איז פאר מיר דער קירצערער.

ה ע ד ד א: און דערצו איז עס אויך א הינטערוועג.

ב ר א ק: גאנץ ריכטיג. איך האָב גארנישט דאגעגען הינ־טערוועגען. אָפטמאָל זיינען זיי גאנץ פּיקאַנט.

ה ע ד ד א: איהר מיינט ווען אימיצער איבט זיך אין שיסען און עס לויפען די קוילען?

ב ר א ק: (אין טיר, לאַכענדיג צו איהר) אָה, קיינער, דענק איך, דערשיסט ניט זיינע עופות אין קאָרב.

ה ע ד ד א: (לאכט אויך) אָה, ניט ווען עס איז דאָ נור איין „האָהן אין קאָרב".

(פערנייגען זיך לאכענדיג איינער צום אַנדערן צום אבשיעד. ער געהט אב. זי פערמאכט די טיר הינטער איהם. ה ע ד ד א, וועלכע איז געוואָרען גאַנץ ערנסט, שטעהט א ווייל און קוקט ארויס. אַ ווייל שפּעטער געהט זי און קוקט דורכ'ן פארהאַנג אין מיטעלסטען צימער אריין. דאַן געהט זי צום שרייבטיש, נעהמט ארויס לאוובארג'ס פּאַ-קעט פון ביכער-שאַכטעל און וויל עס נעהמען לייענען. מען הערט ווי בערטאַ רעדט הויך אין קאָרידאָר. העדדא קעהרט זיך אום און האָרכט צו. דאן פערשליסט זי האסטיג דעם פאקעט אין שופלאַד און לעגט אוועק דעם שליסעל אויפ'ן שרייבגעצייג.)

(עילערט לאוובארג, אין א שווערען מאַנטעל מיט'ן הוט אין האנד רייסט אויף די טיר. ער זעהט אויס אביסעל צוטומעלט און אויפגע-רעגט.)

ל א ו ו ב א ר ג: (קוקט צום קאָרידאָר צו) און איך זאָג אייך אז איך מוז און וועל אריין. אָט!

(ער מאַכט צו די טיר, קעהרט זיך אום, דערזעהט העדדא'ן, קאָנ-טראָלירט זיך באלד און פערנייגט זיך.)

ה ע ד ד א: (ביים שרייבטיש) נו, הערר לאוובארג, איהר קומט אביסעל שפּעטלעך אבצונעהמען טייא'ן.

ל א ו ו ב א ר ג: איהר מיינט גיכער, אז ס'איז אביסעל צו-פריה צו קומען צו אייך. איך בעט אום ענטשולדיגונג!

ה ע ד ד א: ווי אזוי ווייסט איהר אז זי איז נאָך דאָ?

ל א ו ו ב א ר ג: זיי האָבען מיר געזאגט אויף איהר קוואר-טיר, אז זי איז אוועקגעבליבען די גאנצע נאכט.

ה ע ד ד א: (געהט צו צום רונדען טישעל) האָט איהר עפּעס

געמערקט אויף די לייטע פון הויז ווען זיי האָבען אייך דאס געזאגט?

לאַובאַרג: (קוקט זי אָן פערוואונדערט) עפּעס געמערקט אויף זיי?

העדדאַ: איך מיין, האָט עס אויסגעזעהען ווי זיי וואָלטען עס בעטראכט פאר זאנדערבאר?

לאַובאַרג: (כאַפּט זיך גלייך) אָה, יא, געוויס! איך שלעפּ זי אריין אין בלאָטע מיט מיר צוזאמען! איבעריגנס האָב איך קיין זאך ניט בעמערקט. — טעסמאַן איז נאָך ניט אויפגעשטאנען?

העדדאַ: ניין, איך גלויב ניט.

לאַובאַרג: ווען איז ער געקומען אהיים?

העדדאַ: זעהר שפּעט.

לאַובאַרג: האָט ער אייך עפּעס דערצעהלט?

העדדאַ: יא, איך האָב פערשטאנען אז איהר האָט געהאט א העכסט פרעהליכען אבענד ביי ריכטער בראַק.

לאָובאָרג: מעהר גאָרנישט?

העדדאַ: ניין, איך גלויב ניט. איבעריגנס בין איך געווען אזוי שרעקליך שלעפעריג —

פרוי עלווסטעד: (קומט אריין, געהט צו איהם צו) אה, לאַובארג! ענדליך דאָך — !

לאָובאָרג: יא, ענדליך און צו־שפּעט!

פרוי עלווסטעד: (קוקט אויף איהם בעזאָרגט) וואָס איז צו־שפּעט?

לאָובאָרג: אלץ איז צו־שפּעט איצטער. מיט מיר איז שוין אויס.

פרוי עלווסטעד: אָה ניין, ניין — זאָג דאָס ניט!

לאָובאָרג: דו וועסט זאָגען דאָס אייגענע, ווען דו וועסט הערען —

פרוי עלווסטעד: איך וויל גאָרנישט ניט הערען!

ה ע ד ד א: אפשר וואָלט איהר וועלען רעדען מיט איהר אליין? דאן געה איך אוועק.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: ניין, בלייבט דאָ — איהר אויך. איך בעט אייך.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, איך וויל אָבער גאָרנישט הערען, זאָג איך דיר.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: ניט וועגען לעצטער נאכט'ס פאסירונגען וויל איך רעדען.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: וועגען וואָס דען? —

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: איך וויל זאָגען, אז אונזערע וועגען מוזען זיך פון איצט אָן שיידען.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: שיידען זיך!

ה ע ד ד א: (רעדט זיך ארויס ניט ווילענדיג) איך האָב עס געוואוסט!

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: דו קענסט פאר מיר מעהר גאָר ניט טהאָן, טייא.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: און דו קענסט דאָס זאָגען! איך קען דיר מעהר ניט נוצען! דארף איך דיר ניט העלפען איצטער אזוי גוט ווי פריהער? וועלען מיר דען ניט פאָרטזעצען ארבייטען צוזאמען?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: פון איצט אָן און ווייטער וועל איך מעהר קיין ארבייט ניט טהאָן.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (פערצווייפעלט) איז וואָס זאָל איך איצט טהאָן מיט מיין לעבען?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: דו מוזט זעהען צו לעבען דיין לעבען אקור־ראט ווי דו וואָלסט מיך גאָר קיינמאָל ניט געקענט.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: דו ווייסט דאָך, אז דאָס קען איך ניט טהאָן!

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: זעה נור צי דו קענסט ניט, טייא. דו מוזט צוריק געהן א היים —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (אין העכסטער אויפרעגונג) קיינ־מאל אויף דער וועלט ניט! וואו דו ביזט דארט וועל איך אויך זיין. איך וועל זיך ניט לאזען אזוי אוועק טרייבען! איך בלייב דא! איך וויל זיין מיט דיר ווען דאס בוך וועט ערשיינען.

ה ע ד ד א: (האלב הויך, געשפאנט) אך יא, — דאס בוך!

ל א ו ו ב א ר ג: (קוקט אויף איהר) מיינער און טייא'ס בוך. דען אזוי איז די זאך.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, איך פיהל אז אזוי איז עס. און דערפאר האב איך א רעכט צו זיין מיט דיר ווען עס וועט ער־שיינען! איך וויל זעהן מיט מיינע אויגען ווי אלע וועלען דיר וויע־דער אבגעבען עהרע און אכטונג. און די פרייד — די פרייד וויל איך זיך מיט דיר טיילען!

ל א ו ו ב א ר ג: טייא — אונזער בוך וועט קיינמאל ניט ערשיינען.

ה ע ד ד א: אה!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: קיינמאל ניט ערשיינען?!

ל א ו ו ב א ר ג: עס ק ע ן קיינמאל ניט ערשיינען.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (מיט גרויס שמערץ, ווי דאס הארץ זאגט איהר) לאווובארג, וואס האסטו געטהאן מיט'ן מאנו־סקריפט?

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהם געשפאנט) יא, דער מאנו־סקריפט — ?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: וואו איז עס?

ל א ו ו ב א ר ג: אה, טייא — פרעג מיך ניט וועגען דעם!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, יא, איך וויל וויסען. איך פאדער דו זאלסט מיר גלייך זאגען.

ל א ו ו ב א ר ג: דער מאנוסקריפט — נו יא — איך האב צעררייסען דעם מאנוסקריפט אויף טויזענד שטיקלעך.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (שרייט) אה ניין, ניין! —

ה ע ד ד א: (ניט ווילענדיג) אבער דאס איז דאך ניט —

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: (קוקט אויף איהר) ניט אמת, דענקט איהר?

ה ע ד ד א: (בעהערשט זיך) אָה יא, נאטירליך — וויבאלד איהר זאָגט אזוי. עס האָט אָבער געקלונגען אזוי אונוואהרשיינליך.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: עס איז אָבער דאָך אמת.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (ברעכט די הענד) אה גאָט — אה גאָט, העדדא — ער האָט צעררייסען זיין ווערק אויף שטיקלעך!

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: איך האָב מיין אייגען לעבען צעררייסען אויף שטיקלעך. פאר וואָס זאָל איך אויך ניט צעררייסען מיין לעבענס-ארבייט —?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: און דו האָסט עס געטהאָן לעצ־טע נאכט?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: יא, זאָג איך דיר! כ'האָב עס צעררייסען אויף טויזענד שטיקליך — האָב עס ארייגעוואָרפען אין פיאָרד — וויט ארויס. דאָרט איז דאָ וועניגסטענס פרישעס ים־וואסער — זאָלען זיי דאָרטען שווימען — שווימען מיט'ן פלוס און מיט'ן ווינד. און דאן שפעטער וועלען זיי זינקען — טיעפער און טיעפער ווי איך אליין וועל זינקען, טייא!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ווייסטו, לאָווואָרג, אז דאָס וואָס דו האָסט געטהאָן מיט'ן בוך — אז איך וועל דענקען פון דעם ביז דעם טאָג פון מיין טוידט אקוראט ווי דו וואָלסט געטוידטעט א קליין קינד.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: יא, דו ביזט גערעכט. ע ס איז א מין קינ־דער־מאָרד.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ווי האָסטו עס געקענט טהאָן—! האָט ניט דאָס קינד געהערט מיר אויך?

ה ע ד ד א: (כמעט אונהערבאר) אה, דאָס קינד —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (אטהעמט שווער) שוין אלעס פאָראיבער. יא, יא, איצט וועל איך געהן, העדדא.

ה ע ד ד א: דו פאַהרסט דאָך ניט אוועק פון שטאָדט?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אָה, איך ווייס ניט וואָס איך וועל טהאָן. איך זעה מעהר גאָרנישט ווי חושך פאר מיר (זי געהט אוועק דורך די קאָרידאָר טיר.)

ה ע ד ד א: (שטעהט א מינוט ווארטענדיג) וועט איהר זי ניט בעגלייטען אהיים, הערר לאָווּבאָרג?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: איך? דורך די גאסען? וואָלט איהר וועלען אז מענשען זאָלען זי זעהען ווי זי געהט מיט מיר?

ה ע ד ד א: נאטירליך איך ווייס ניט וואָס נאָך עס האָט פאסירט לעצטע נאכט. אָבער צי דען קען עס שוין גאָר ניט וויע־דער גוט ווערען?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: עס וועט זיך ניט ענדיגען מיט לעצטער נאכט — איך ווייס עס גאנץ גוט. און די זאך איז, וואָס איך האָב איצטער מעהר גאָר קיין געשמאק ניט פאר דעם סאָרט לעבען. איך וויל ניט אָנפאנגען פון דאָס נייע. זי האָט געבראָכען מיין מוטה און מיין קראפט זיך אויסצוקעמפפען מיין לעבען.

ה ע ד ד א: (קוקט גלייך פאָר זיך) יעדענפאלס אָבער, ווי האָט איהר געקענט אזוי אכזריות'דיג זי בעהאנדלען?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: אה, זאָגט ניט אז עס איז געווען אכזריות'־דיג!

ה ע ד ד א: נעהמען און פערניכטען וואָס עס האָט אָנגע־פילט איהר גאנצער נשמה פאר מאָנאטען און יאָהרען! איהר רופט עס ניט אונדערבארמליך?!

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: אייך קען איך דערצעהלען די ווארהייט, הערדא.

ה ע ד ד א: די ווארהייט?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: אפריהער פערשפרעכט מיר — גיט מיר אייער עהרען־וואָרט — אז דאָס וואָס איך פערטרוי אייך איצטער זאָל טייא קיינמאָל ניט וויסען.

ה ע ד ד א: איך גיב אייך מיין וואָרט.

לאָוובאַרג: גוט. איצט לאָזט מיר איך דערצעהלען, אז דאָס וואָס איך האָב אקאָרשט געזאָגט איז ניט געווען אמת.

העדדא: מכח דעם מאַנוסקריפּט?

לאָוובאַרג: יאָ. איך האָב עס ניט צעררעסען אויף שטיקלעך — און ניט אריינגעוואָרפען אין פיארד.

העדדא: ניין, ניין — אָבער — וואו איז עס דען?

לאָוובאַרג: איך האָב עס אָבער אלץ איינס פערניכ־טעט — לחלוטין פערניכטעט, העדדא!

העדדא: איך פערשטעה ניט.

לאָוובאַרג: טייא האָט געזאָגט, אז איהר זעהט אויס וואָס איך האָב געטהאָן ווי אַ קינדער־מאָרד.

העדדא: יאָ, אזוי האָט זי געזאָגט.

לאָוובאַרג: אָבער הרג'נען זיין קינד — דאָס איז נאָך ניט דאָס ערגסטע וואָס אַ פאָטער קען טהאָן.

העדדא: ניט דאָס ערגסטע?

לאָוובאַרג: ניין. איך האָב געשאָנעוועט טייא'ן און האָב ניט געוואָלט זי זאָל הערען דאָס ערגסטע.

העדדא: וואָס איז דען דאָס ערגסטע?

לאָוובאַרג: שטעלט זיך פאָר, העדדא, אז אַ מאַן קומט אהיים — אַ שעה פאר טאָג — צו זיין קינד'ס מוטער, נאָכדעם ווי ער האָט פערבראַכט אַ נאַכט אין ווילדער אויסגעלאַסענהייט, און זאָגט: „האָרך — איך בין געווען דאָרטן און דאָרטן, אין דעם פּלאַץ און אין יענעם. און איך האָב מיטגענומען מיט זיך אונזער קינד — אין דעם פּלאַץ און אין יענעם. און איך האָב פערלאָרען דאָס קינד — לחלוטין פערלאָרען עס. דער טייוועל וויים אין וועלכע הענד ער האָט געקענט אריינפאַלען — ווער עס האָט געקענט ארויפלעגען זיינע לאַפּעס אויף איהם".

העדדא: גוט — אָבער אז מען בערעכענט זיך צום סוף — איז עס דאָך געווען נישט מעהר ווי אַ בוך —

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: טייאַ'ם ריינע נשמה איז געווען אין דעם בוך.

ה ע ד ד א: יאַ, אַזוי פֿערשטעה איך עס.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: און איהר קענט אויך פערשטעהן, אַז פאַר איהר און מיר צוזאַמען איז שוין קיין צוקונפֿט ניט מעגליך.

ה ע ד ד א: אויף וואָס פאַר אַ וועג, אַלזאָ, מיינט איהר זיך איצטער צו נעהמען?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: קיין וועג ניט. איך וועל נור זעהן מאַ־כען אַ סוף פון אַלעם — און וואָס גיכער, אַלץ בעסער.

ה ע ד ד א: (געהט צו צו איהם אַ טריט נעהנטער) עילערט לאָווובאָרג — הערט זיך צו צו מיר — ווילט איהר ניט זעהן — ניט זעהן דאָס צו טהאָן שעהן?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: שעהן? (שמייכעלט) מיט וויינטרויב־בלעטער אין די האָאָר, ווי איהר פלעגט טרוימען אַמאָל, אין די אַלטע צייטען? —

ה ע ד ד א: ניין, ניין. אין די וויינטרויב־בלעטער גלויב איך ניט מעהר. אָבער דאָך, שעהן זאָל עס זיין! באַטשע איין מאָל!—אַדיע! איהר מוזט איצט אַוועקגעהן — און קומט אַהער מעהר קיינמאָל ניט.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: אַדיע, מאַדאַם טעסמאַן. און גריסט זשאָרש טעסמאַן. (ער האַלט שוין ביים געהן.)

ה ע ד ד א: ניין, וואַרט נאָך! איך מוז אייך געבען אַן אַנדענקען אויף מיטצונעהמען.

(זי געהט צו צום שרייבטיש, עפענט דעם שופלאָד און דאָס פּיסטאָ־לעטען־שאַכטעל; דאַן קעהרט זי זיך אום צו לאָווובאָרג מיט איינעם פון די פּיסטאָלעטען.)

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: (קוקט אויף איהר) אָה ד אָ ס? איז דאָס דער אַנדענקען?

ה ע ד ד א: (שאָקעלט לאַנגזאַם מיט'ן קאָפּ) דערקענט איהר עס? אַמאָל איז עס שוין געווען אָנגעשטעלט אויף אייך.

ל א ו ב א ר ג: איהר האָט עס דאַן בעדאַרפט געברויכען.

ה ע ד ד א: נעהמט עס און געברויכט א י ה ר דאָס איצ־טער.

ל א ו ב א ר ג: (לעגט אריין דעם פּיסטאָלעט אין זיין בוזים־קעשענע) איך דאנקע!

ה ע ד ד א: און ש ע ה ן זאָלט איהר עס מאכען, עילערט לאָובאָרג. פערשפּרעכט מיר דאָס!

ל א ו ב א ר ג: אדיע, העדדא גאבלער. (ער געהט ארויס דורך די קאָרידאָר־טיר.)

(העדדאַ הערט זיך צו א ווייליע ביי דער טיר. דאַן געהט זי צו צום שרייבטיש. נעהמט ארויס דעם מאנוסקריפּט, קוקט אריין אונטערן טאָוועל, ציהט האַלב ארויס עטליכע בלעטער און קוקט אויף זיי. דער־נאָך געהט זי אריבער און זעצט זיך אין לעהן־שטוהל נעבען אויווען מיט'ן פּאקעט אויף איהר שויס. א ווייליע ארום עפענט זי אויף דאָס טירעל פון אויוועז, און דאַן דעם פּאקעט.)

ה ע ד ד א: (ווארפט אריין איינעם פון די בויגענס אין פייער און מורמעלט צו זיך:) איצט פערברען איך דיין קינד, טייא! איך פערברען עס, דו געגרייזעלטע האָאר! (ווארפט אריין נאָך עטליכע בויגענס אין אויוועז) דיין קינד און עילערט לאָובאָרג'ס. (ווארפט די איבריגע אריין) איך פערברען — איך פערברען דיין קינד.

פיערטער אקט.

דיזעלבע צימערן אין טעסמאן'ס הויז. אבענד. אין זאאל איז טונקעל. דער הינטערצימער איז בעלויכטען פון'ם הענגלאמפ איבערן טיש. די פארהאנגען אויף דער גלעזערנער טיר זיינען פעסט פערצויגען.

העדדא, אנגעטאן אין שווארצען, שפאצירט ארום הין און צוריק אין טונקעלען צימער. דאן געהט זי אריין אין הינטערסטען צימער און פערשווינדט א ווײלע לינקס. עס הערט זיך ווי זי נעהמט א פאר טענער אויפ'ן פיאנא. באלד קומט זי ווידער ארויס און קעהרט זיך אום צוריק אין זאאל.

בערטא קומט אריין פון רעכטס, דורכ'ן מיטעלסטען צימער, מיט אן אנגעצונדענעם לאמפ, וועלכען זי שטעלט אוועק אויפ'ן טיש נעבען ווינקעל זאפע אין זאאל. איהרע אויגען זיינען רויט פון וויינען און זי טראגט שווארצע בענדער אויף איהר הייבעל. זי געהט ארויס שטיל און פארזיכטיג רעכטס. העדדא געהט צו צו דער גלעזערנער טיר, רוקט דעם פארהאנג א ביסעל אן א זייט און קוקט ארויס אין די פינסטערניש.

א ווײלע שפעטער קומט אריין פרייליין טעסמאן, אין טרויערקליידער מיט א הוט און א שלייער, פון קארידאר. העדדא געהט איהר אנטקעגען און שטרעקט איהר אויס די האנד.

פרייל. טעסמאן: יא, העדדא, איך קום איצט אין טרויער און א פערלאזענע; דען מיין ארימע שוועסטער האט ענדליך געפונען רוה.

העדדא: ווי איהר זעהט, האב איך שוין געהערט די נייעס. טעסמאן האט מיר געשיקט א קארטע.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: יא, ער האָט מיר פערשפּראָכען דאָס צו טהאָן. דאָך האָב איך גערעכענט, אז דאָ צו העדדא'ן — אין דעם הויז פון לעבען — מוז איך אליין ברייננגען די נאכריכט פון טוידט.

ה ע ד ד א: דאָס איז זעהר שעהן פון אייך.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: אה, רינא האָט אונז ניט גע־דארפט פערלאָזען גראָד איצטער. איצט איז ניט די צייט העדדא'ס הויז זאָל זיין א הויז פון טרויער.

ה ע ד ד א: (בייט אום דעם געשפּרעך) זי איז געשטאָרבען גאנץ רוהיג, ניט וואהר, פריילין טעסמאן?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: אָה, איהר ענדע איז געווען אזוי רוהיג, אזוי שעהן. און זי איז געווען אזוי גליקליך וואָס זי האָט געקענט זעהען זשאָרזש'ן נאָך אמאָל — און זיך זעגענען מיט איהם. — איז ער נאָך ניט געקומען?

ה ע ד ד א: ניין. ער האָט געשריבען, אז עס קען זיין ער וועט זיך פערזאמען. אָבער ווארום זיצט איהר ניט?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: ניין, איך דאנק, מיין ליעבע, ליעבע העדדא. איך וואָלט גערן געזעסען א ווייל, איך האָב אָבער אזויפיעל צו טהאָן. איך מוז פּאָרבערייטען פאר מיין טייערער שוועסטער'ס רוה, אזוי גוט ווי איך קען. שעהן אויסגעבעטעט און זויבער זאָל זי ליעגען אין איהר קבר.

ה ע ד ד א: קען איך אייך אפשר העלפען מיט עטוואָס?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: אה, דו מוזט גאָר ניט טראכטען וועגען דעם! העדדא טעסמאן דארף זיך ניט מישען אין אזעלכע טרויעריגע ארבייט. אפילו איהרע געדאנקען דארפען זיך ניט אָב־שטעלען אויף דעם — ניט ביי איצטיגער צייט.

ה ע ד ד א: מען קען ניט אלעמאָל זיין דער בעל־הבית איבער די אייגענע געדאנקען —

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: (זעצט פאָרט) אה, יא — אזוי געהט עס אויף דערוועלט. צו הויז וועלען מיר נעהען תכריכים,

און דאָ וועט מען מסתמא אויך באַלד עפּעס נעהען — אָבער אַנ־אַנדער סאָרט גענעה, אַ דאַנק גאָט!

(זשאָרזש טעסמאַן קומט אַריין דורכ'ן קאָרידאָר־טיר.)

העדדא: אה, ביזט געקומען — ענדליך!

טעסמאַן: דו ביזט דאָ, טאַנטע יוליא? מיט העדדא'ן? דענק נור!

פריילין טעסמאַן: איך האָב זיך שוין געקליבען אַוועקגעהן, מיין ליעבער יונג. נו, האָסטו געטהאָן אַלץ וואָס דו האָסט פערשפּראָכען?

טעסמאַן: ניין; איך האָב מורא אַז אַ העלפט דערפון האָב איך אפשר פערגעסען. מאָרגען וועל איך אַריינגעהן צו דיר ווידער. דער קאָפּ איז מיר היינט אַזוי פערדרעהט, אַז איך קען מיינע געדאַנקען ניט צוזאַמענהאַלטען.

פריילין טעסמאַן: אָבער, מיין ליעבער זשאָרזש, דו מוזט זיך ניט נעהמען אַזויפיעל צום האַרצען.

טעסמאַן: איך מוז ניט? — ווי מיינסטו דאָס?

פריילין טעסמאַן: אפילו אין דיין שמערץ מוזטו זיך פרעהען, ווי איך — זיך פרעהען וואָס זי איז געקומען צו איהר רוה.

טעסמאַן: אה יא, יא — דו דענקסט וועגען טאַנטע רינא.

העדדא: איהר וועט איצט פיהלען איינזאַם, פריילין טעסמאַן.

פריילין טעסמאַן: אין אָנהויב, יא. איך האָף אָבער אַז עס וועט ניט דויערן זעהר לאַנג. איך מיין אַז איך וועל באַלד האָבען אַ שכן פאַר דער אָרימער רינא'ס קליינעם צימער.

טעסמאַן: ווירקליך? ווער, דענקסטו, וועט עס נעה־מען, הא?

פריילין טעסמאַן: אה, עס געפינט זיך שוין אַן

אָרימער אינוואליד, אָדער עפּעס אנאנדערער וואָס דארף מען זאָל ארום איהם ארומגעהן, ליידער גאטעס.

העדדא: און איהר וואָלט ווירקליך נעהמען אויף זיך ווייעדער אזא לאסט?

פּרייל. טעסמאן: א לאסט! זאָל דיר גאָט פערציהען פאר דיינע רייד, קינד — עס איז פאר מיר ניט געווען קיין לאסט.

העדדא: אָבער ווען איהר וואָלט געדארפט ארומגעהן ארום א גאנץ פרעמדען? —

פּרייל. טעסמאן: אה, מיט קראנקע מענשען ווערט מען שנעל בעפריינדעט; און איך מוז נויטווענדיג האָבען אימעצען פון וועמענס וועגען צו לעבען. נו, געלויבט דער אויבערשטער דאָ אין הויז קען אויך באלד עפּעס זיין, ביי וואָס אַן אלטע טאנטע קען צוניץ קומען.

העדדא: אָה, זאָרגט זיך ניט וועגען קיין זאך דאָ ביי אונז.

טעסמאן: יא, שטעל זיך נור פאָר ווי גוט עס וואָלט געווען אונז דרייען, ווען —

העדדא: ווען —?

טעסמאן: (אונרוהיג) אה, גאָרנישט. עס וועט שוין גוט זיין. מיר וועלען האָפען, הא?

פּרייל. טעסמאן: יא, יא, איהרביידע ווילט אודאי רעדען צווישען זיך. (שמייכעלט) און אפשר האָט אויך העדדא דיר וואָס צו דערצעהלען, זשאָרזש. אדיע! איך מוז געהן אהיים צו רינא. (קעהרט זיך אום ביי דער טיר) ווי זאָנדערבאר דאָס איז זיך פאָרצושטעלען, אז איצט איז רינא צוגלייך אי ביי מיר, אי ביי מיין זעליגען ברודער!

טעסמאן: יא, שטעל זיך דאָס פאָר, טאנטע יוליא! הא?

(פּריילין טעסמאן געהט ארויס דורך די קאָרידאָר־טיר.)

ה ע ד ד א: (קוקט נאָך טעסמאַן'ען קאַלט און פאַרשענד מיט די אויגען) איך גלויב כמעט אַז דו נעהמסט זיך מעהר צום הארצען דיין טאַנטע רינא'ס טוידט, איידער טאַנטע יוליא אליין.

ט ע ס מ א ן: אה, עס איז ניט דאָס אליין. וועגען עילערט'ן בין איך דאָס אַזוי שרעקליך אונרוהיג.

ה ע ד ד א: (האסטיג) ווייסטו עפּעס נייעס וועגען איהם?

ט ע ס מ א ן: איך בין אריינגעגאַנגען היינט נאָכמיטאָג אויף זיין קווארטיר כדי איהם צו זאָגען אַז זיין מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין גוטע הענד.

ה ע ד ד א: נו, האָסט איהם ניט געטראָפען?

ט ע ס מ א ן: ניין. ער איז ניט געווען אין דער היים. שפּעטער אָבער האָב איך בעגעגענט פרוי עלווסטעד, האָט זי מיר געזאָגט, אַז ער איז דאָ געווען היינט אין דער פריה.

ה ע ד ד א: יאַ, גלייך נאָכדעם ווי דו ביזט געווען אוועקגעגאַנגען.

ט ע ס מ א ן: און ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט צעררים׳ען דעם מאַנוסקריפּט אויף שטיקלעך, הא?

ה ע ד ד א: יאַ, אַזוי האָט ער געזאָגט.

ט ע ס מ א ן: נו, מיין גאָט, ער האָט אודאי געמוזט זיין אויסער זיך! און דו האָסט געוויס גערעכענט, אַז ס'איז בעסער איהם דאָס ניט אָבצוגעבען, העדדא?

ה ע ד ד א: ניין, ער האָט עס ניט בעקומען.

ט ע ס מ א ן: אָבער דו האָסט איהם, פערשטעהט זיך, געזאָגט אַז מיר האָבען עס?

ה ע ד ד א: ניין. (שנעל) האָסטו געזאָגט פרוי עלווסטעד?

ט ע ס מ א ן: ניין; איך האָב איהר דאָס ניט געוואָלט זאָגען. אָבער א י ה ם האָסטו יאַ געדאַרפט זאָגען. דענק נור, אין פערצווייפלונג קען ער זיך נאָך עפּעס אַ מעשה אָנטהאָן! גיב מיר נור דעם מאַנוסקריפּט, העדדא, און איך וועל עס איהם די מינוט אוועקטראָגען. וואו איז עס?

ה ע ד ד א: (קאלט און אונבעוועגליך, שטעהט אנגעשפארט אויפ'ן לעהן־שטוהל) איך האב עס ניט.

ט ע ס מ א ן: ד ו ה א ס ט ע ס נ י ט? וואס מיינסטו דערמיט?

ה ע ד ד א: איך האב עס פערברענט — ביז'ן לעצטען בלעטיל.

ט ע ס מ א ן: (כאפט זיך אויף א דערשראקענער) פ ע ר ־ ב ר ע נ ט! האסט פערברענט עילערט'ס מאנוסקריפט!

ה ע ד ד א: שריי ניט אזוי! די דיענסט וועט דיך דערהערען.

ט ע ס מ א ן: פערברענט! אך, ליעבער גאט —! ניין, ניין, ניין! עס קען ניט זיין!

ה ע ד ד א: עס איז אבער דאך א פאקט.

ט ע ס מ א ן: ווייסטו וואס דו האסט געטאהן, העדדא? דאס הייסט דאך אונגעזעצליך פערכאפען פרעמדען אייגענטום. דענק נור! דו פרעג נור ריכטער בראק, וועט ער דיר זאגען וואס דאס הייסט.

ה ע ד ד א: איך ראטה דיר דו זאלסט וועגען דעם ניט רעדען — ניט צו ריכטער בראק און אויך ניט צו קיין אנדערן.

ט ע ס מ א ן: אבער ווי אזוי האסטו געקענט טהאן אזא אונערהערטע זאך? ווי איז דאס דיר איינגעפאלען? וואס פאר א שגעון איז אויף דיר אנגעקומען? ענטפער מיר נור דאס — הא?

ה ע ד ד א: (אונטערדריקט א קוים־בעמערקליכען שמייכעל) איך האב עס געטהאן פון דיינעטוועגען, זשארזש.

ט ע ס מ א ן: פון מיינעטוועגען?!

ה ע ד ד א: היינט אין דער פריה, ווען דו האסט מיר דערצעהלט וועגען וואס ער האט דיר פארגעלעזען —

ט ע ס מ א ן: יא, יא — איז וואס?

ה ע ד ד א: האסטו מודה געווען, אז דו האסט איהם מקנא געוועזן זיין ווערק.

ט ע ס מ א ן: נו, עס פערשטעהט זיך, אז איך האָב עס ניט געמיינט בוכשטעבליך.

ה ע ד ד א: קיין אונטערשיעד ניט — איך האָב ניט געקענט אריבערטראָגען דעם געדאנק, אז אימיצער זאָל דיך אריבערשטיי־גען.

ט ע ס מ א ן: (שרייט אויס מיט א געפיהל געמישט פון צוויי־פעל און פרייד) העדדא! אה, איז דאָס אמת וואָס דו זאָגסט? יא — אָבער — איך האָב פריהער ניט בעמערקט דו זאָלסט אָט אזוי האָבען ארויסגעצייגט דיין ליעבע. דענק נור!

ה ע ד ד א: יא, איך קען עס דיר גראדע אזוי גוט זאָגען — גלייך איצטער — (האלט זיך אָב אונגעדולדיג) ניין, ניין. דו קענסט פרעגען טאנטע יוליא. ז י וועט דיר זאָגען שנעל גענוג.

ט ע ס מ א ן: אה, מיר דאכט זיך כמעט אז איך פערשטעה דיך, העדדא! (קלאפט צונויף די הענד) ליעבער גאָט! מיינסט דאָס טאקע אויף אן אמת! הא?

ה ע ד ד א: שריי דאָך ניט אזוי. די דיענסט קען דיך דער־הערען.

ט ע ס מ א ן: (לאכט און קען זיך ניט איינהאלטען פון שמחה) די דיענסט! ווי מאָדנע דו ביזט, העדדא. עס איז דאָך נור מיין אלטע בערטא! וואָס הייסט? איך וועל בערטא'ן אליין דער־צעהלען.

ה ע ד ד א: (דריקט צונויף איהרע הענד אין פערצווייפלונג) אה, איך וועל עס ניט אויסהאלטען — איך וועל דאָס אלעס ניט אויסהאלטען!

ט ע ס מ א ן: וואָס איז, העדדא? הא?

ה ע ד ד א: (קאלט, קאָנטראָלירט זיך) אָט דעם גאנצען — אונזין, זשאָרזש.

ט ע ס מ א ן: אונזין! וואָס פאר אן אונזין זעהסטו אין דעם וואָס איך פרעה זיך מיט די נייעס? און פערקעהרט — אפשר וועל איך עס בעסער ניט דערצעהלען בערטא'ן.

העדדא: אה, — פארוואָס טאַקע ניט דאָס אויך?

טעסמאן: ניין, ניין, דערוויייל ניט! אָבער טאַנטע יוליא מוז איך עס גאַנץ געווים דערצעהלען. און דאָס אויך, וואָס דו האָסט מיך אָנגעהויבען רופען זשאָרזש! דענק נור! אָך, ווי טאַנטע יוליא וועט זיין גליקליך — אַזוי גליקליך!

העדדא: ווען זי וועט הערען אַז איך האָב פערברענט עילערט לאָוובאָרג'ס מאַנוסקריפּט פון דיין טובה וועגען?

טעסמאן: ניין, אגב — וועגען דער מעשה מיט'ן מאַנוסקריפּט — נאַטירליך דאַרף קיינער ניט וויסען וועגען דעם. אָבער אַז דו ברענסט (פון ליעבע) פאַר מיר, העדדא — דעריין מוז איך טיילען מיין פרייד מיט טאַנטע יוליא! איך וואָלט נור וועלען וויסען, צי דאָס איז אַ געוועהנליכע זאַך ביי יונגע פרויען? הא?

העדדא: איך דענק, אַז די פראַגע האָסטו אויך געדאַרפט פרעגען ביי טאַנטע יוליא.

טעסמאן: דאָס וועל איך טאַקע פרעגען ווען עס איז. (ווערט אונרוהיג און וויעדער אומעטיג) און דאָך דער מאַנוסקריפּט — דער מאַנוסקריפּט! ליעבער גאָט! עס איז שרעקליך צו דענקען וואָס וועט איצטער ווערען פון דעם אָרימען עילערט'ן.

(פרוי עלווסטעד, אַנגעטאָן ווי אין ערשטען אקט, אין אַ הוט און מאַנטעל קומט אריין פון קאָרידאָר-טיר.)

פרוי עלווסטעד: (גריסט זיי האסטיג און זאָגט אין אויפרעגונג) אָה, ליעבע העדדא, ענטשולדיג וואָס איך קום וויעדער.

העדדא: וואָס האָט דיר פּאַסירט, טייא?

טעסמאן: וויעדער עפּעס וועגען עילערט לאָוובאָרג — הא?

פרוי עלווסטעד: יא! איך האָב שרעקליך מורא, אַז איהם האָט אודאי געטראָפען עפּעס אַן אומגליק.

העדדא: (כאַפּט איהר אָן ביים האנד) אה — דו דענקסט אַזוי?

ט ע ס מ א ן: אָבער, מיין גאָט — פאר וואָס דענקט איהר אזוי, פרוי עלוואסטעד?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אויף מיין קווארטיר האָב איך געהערט מענשען רעדען וועגען איהם — באלד ווי איך בין אריינגעקומען. אה, עס געהען ארום וועגען איהם היינט די אונגלויבליכסטע געשיכטען.

ט ע ס מ א ן: יא, מאַלט אייך, איך האָב עס אויך געהערט! און איך קען דאָך עדות זאָגען אז ער איז לעצטע נאכט געגאנגען דירעקט אהיים שלאָפען. בערעכענט נור!

ה ע ד ד א: נו, וואָס האָבען זיי געזאָגט אויף דיין קווארטיר?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אה, איך האָב פון זיי גאָרנישט געקענט אויסגעפינען אויף קלאָר. ענטוועדער זיי האָבען אליין קיין זאך בעשטימט ניט געוואוסט, אָדער אפשר — ווי זיי האָבען מיך דערזעהן, האָבען זיי אויפגעהערט רעדען; און איך האָב קיין מוטה ניט געהאט צו פרעגען.

ט ע ס מ א ן: (געהט ארום אונרוהיג) מיר מוזען האָפען — מיר מוזען האָפען אז איהר האָט זיי שלעכט פערשטאנען, פרוי עלוואסטעד.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, ניין; איך בין זיכער, אז דאָס האָבען זיי גערעדט וועגען איהם. און איך האָב עפּעס געהערט וועגען א האָספּיטאל, אָדער —

ט ע ס מ א ן: א האָספּיטאל?

ה ע ד ד א: ניין — עס קען ניט זיין!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אָה, איך האָב געפיהלט אזא טוידט־שרעקעניש! איך בין אוועק אויף זיין קווארטיר און האָב זיך דאָרט נאָכגעפרעגט אויף איהם.

ה ע ד ד א: און דו האָסט זיך געקענט בעשליסען דאָס צו טהאָן, טייא!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: וואָס דען האָב איך געקענט

טהאָן? איך האָב די אונזיכערהייט שוין מעהר ניט געקענט אריבערטראָגען.

טעסמאַן: אָבער דאָרטן האָט איהר איהם אויך ניט געפונען, הא?

פרוי עלווסטעד: ניין, זיי האָבען דאָרטן קיין זאַך ניט געוואוסט וועגען איהם. ער איז ניט געווען צו־הויז, האָבען זיי געזאָגט, זינט געסטערן נאָכמיטאָג.

טעסמאַן: זינט געסטערן! בערעכענט נור, ווי אזוי קענען זיי דאָס זאָגען?

פרוי עלווסטעד: אה, איך בין זיכער אז עפּעס א שרעקליכע זאַך האָט איהם געמוזט פּאסירען.

טעסמאַן: מיין ליעבע העדדא — וואָס דענקסטו, ווען איך זאָל אריבערגעהן זיך נאָכפרעגען —?

העדדא: ניין, ניין — דו מיש זיך נור ניט אריין אין דעם.

(ריכטער בראק, מיט'ן הוט אין האנד, קומט אריין פון קאָרידאָרטיר, וועלכע בערטא האָט געעפענט פאר איהם. ער האָט אן ערנסטען אויסזעהן און פערנייגט זיך שווייגענדיג.)

טעסמאַן: אָה, דאָס זייט איהר, מיין ליעבער ריכטער, הא?

בראק: יא, איך האָב אונבעדינגט געמוזט קומען אייך זעהן נאָך היינט אין אָבענד.

טעסמאַן: איך קען אויף אייך זעהן, אז איהר האָט שוין געהערט די נייעס וועגען טאנטע רינא.

בראק: יא, דאָס אויך צווישען אנדערע זאכען.

טעסמאַן: איז עס ניט טרויעריג, הא?

בראק: יא, מיין ליעבער טעסמאַן, דאָס ווענדט זיך ווי איהר קוקט אויף דעם.

טעסמאַן: (קוקט איהם אָן אונזיכער) האָט עפּעס נאָך וואָס פּאסירט?

ב ר א ק: יא.

ה ע ד ד א: (געשפּאַנט) עטוואָס טרועריגעס, הערר ריכ־טער?

ב ר א ק: דאָס הענגט אויך אָב ווי מען קוקט אויף דעם, מאדאם טעסמאַן.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (קען שוין מעהר זיך ניט איינ־האַלטען) אָה! עס איז געווים עטוואָס וועגען עילערט לאָווּבאָרג!

ב ר א ק: (טהוט אויף איהר א קוק) פון וואנען נעהמט איהר עס, מאדאם? האָט איהר אפשר שוין עפּעס געהערט —?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (צוטומעלט) ניין, גאָרנישט, אָבער —

ט ע ס מ א ן: אה, אום גאָטעס ווילען, דערצעהלט שוין!

ב ר א ק: (צוקט מיט די אקסלען) נו — ליידער — עילערט לאָווּבאָרג'ן האָט מען היינט אָבגעפיהרט אין האָספּיטאל. ער איז אין א געפעהרליכען צושטאנד.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (מיט א געשריי) אך גאָט! אך גאָט! —

ט ע ס מ א ן: אין האָספּיטאל! און ער איז געפעהרליך!

ה ע ד ד א: (כאַפּט זיך ארויס ניט ווילענדיג) אזוי שנעל, אלזאָ —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (קלאָגט) און מיר זיינען זיך פונאנדערגעגאנגען אין כעס, העדדא!

ה ע ד ד א: (זאָגט איהר אין דער שטיל) טייא — טייא — זיי פאָרזיכטיג!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (שענקט איהר ניט קיין אכטונג) איך מוז געהן צו איהם! איך מוז איהם נאָך זעהן ביים לעבען!

ב ר א ק: עס איז אומזיסט, מאדאם. מען לאָזט צו איהם קיינעם ניט צו.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אה, דאן זאָגט מיר ווייניגסטענס וואָס האָט פּאסירט מיט איהם? וואָס איז געווען?

ט ע ס מ א ן: איהר מיינט דאָך ניט, אז ער האָט זיך אליין — הא?

ה ע ד ד א: יא, איך בין זיכער אז ער האָט עס אליין געטהאָן.

ט ע ס מ א ן: הערדא — ווי אזוי קענסטו — ?

ב ר א ק: (ניט ארונטערנעהמענדיג פון איהר די אויגען) איהר האָט לײדער ריכטיג געטראָפען, מאדאם טעסמאן.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אָך, ווי שרעקליך!

ט ע ס מ א ן: אליין, הייסט עס, בערעכענט נור!

ה ע ד ד א: ער האָט זיך דערשאָסען!

ב ר א ק: ווידער ריכטיג געטראָפען, מאדאם טעסמאן.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (זוכט זיך צו בעהערשען) ווען האָט עס פּאסירט, הערר בראק?

ב ר א ק: היינט נאָכמיטאג — צווישען דריי און פיער.

ט ע ס מ א ן: אָבער, מיין גאָט, וואו האָט ער עס געטהאָן, הא?

ב ר א ק: (עטוואָס צוריקהאלטענדיג זיך) וואו? נו — מסתמא אויף זיין קווארטיר.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, דאָס קען ניט זיין; דען איך בין דאָרט געווען צווישען זעקס און זיעבען.

ב ר א ק: נו, דאן האָט ער געמוזט זיין ערגיץ אנדערסוואו. איך ווייס ניט גענוי. איך ווייס נור, אז מען האָט איהם געפונען — ער האָט זיך געשאָסען — אין ברוסט.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אָה, ווי שרעקליך! ער זאָל שטארבען מיט אזא טוידט!

ה ע ד ד א: (צו בראַק) אין ברוסט האָט ער זיך געשאָסען?

ב ר א ק: יא — ווי איך האָב אייך געזאָגט.

ה ע ד ד א: ניט אין די שלייפען?

ב ר א ק: אין דער ברוסט, מאדאם טעסמאן.

העדרא: יא, יא — אין ברוסט איז אויך א גוטער פלאץ.

בראק: ווי מיינט איהר, מאדאם טעסמאן?

העדרא: (אבווייזענדיג) אה גארנישט — גארנישט.

טעסמאן: און די וואונד, זאגט איהר, איז א געפעהר־ליכע, הא?

בראק: יא, אבסאלוט טוידטליך. ביי דער צייט מוז ער שוין זיין געשטארבען.

פרוי עלווסטעד: יא, יא, איך פיהל עס. עס איז א סוף! א סוף! אה, העדרא — !

טעסמאן: זאגט מיר נור, ווי אזוי האט איהר עס אלעס זיך דערוואוסט?

בראק: (קורץ) דורך איינעם פון דער פאליציי. א מענ־שען מיט וועמען איך האב געוויסע געשעפטען.

העדרא: (מיט א קלארע שטימע) ענדליך אמאל א ווירדי־גע טהאט!

טעסמאן: (א דערשראקענער) מיין גאט, העדרא! וואס רעדסטו?

העדרא: איך זאג אז אין דער טהאט איז דא עטוואס שעהנעס.

בראק: ה'ם, מאדאם טעסמאן —

טעסמאן: שעהנעס! דענק נור!

פרוי עלווסטעד: אה, העדרא, ווי קענסטו רעדען וועגען שעהנקייט אין אזא טהאט?

העדרא: עילערט לאווובארג האט אליין אבגעמאכט זיי־נע חשבונות מיט'ן לעבען. ער האט געהאט דעם מוטה צו טהאן — די איינציג ריכטיגע זאך.

פרוי עלווסטעד: ניין, גלויב ניט אז אזוי איז דאס צוגעגאנגען! ער איז מסתמא ניט געוועזען ביים זין ווען ער האט דאס געטהאן.

ט ע ס מ א ן: אין פערצווייפלונג!

ה ע ד ד א: דאָס איז ניט אזוי. איך בין איבערצייגט דע־ריין.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, יא! אין וואהנזין! פונקט ווי בעת ער האָט צעריסען אונזער מאנוסקריפּט.

ב ר א ק: (טהוט זיך א כאַפּ) דעם מאנוסקריפּט? האָט ער עס צעריסען?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, לעצטע נאכט.

ט ע ס מ א ן: (רעדט אין דער שטיל) אָה, העדדא, מיר וועלען דאָס ניט אריבערטראָגען.

ב ר א ק: ה'ם, זעהר זאָנדערבאר.

ט ע ס מ א ן: (געהט ארום איבער'ן צימער) ווען מען דענקט נור אז עילערט זאָל אזוי אוועקגעהן פון דער וועלט! און ניט לאָזען נאָך זיך דאָס בוך, וואָס וואָלט אונשטערבליך געמאכט זיין נאָמען —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אָך, ווען מען וואָלט עס געקענט ווידער צוזאמענשטעלען!

ט ע ס מ א ן: יא, ווען מען וואָלט עס נור געקאָנט! וואָס וואָלט איך ניט געגעבען דערפאר —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אפשר קען מען, העדר טעסמאן.

ט ע ס מ א ן: וואָס מיינט איהר?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (זוכט אין איהר קלייד־טאש) קוקט זיך נור איין. איך האָב געהאלטען אלע לויזע פּאפּיערלעך, פון וועלכע ער פלעגט דיקטירען צו מיר.

ה ע ד ד א: (געהט צו א טריט נעהנטער) אָך —!

ט ע ס מ א ן: איהר האָט זיי געהאלטען, פרוי עלווסטעד, הא?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, איך האָב זיי דאָ. איך האָב זיי אריינגעלעגט אין קעשענע ווען איך בין אוועקגעפאָהרען פון דער היים. און אָט זיינען זיי דאָ נאָך —

ט ע ס מ א ן: אה, לאזט מיר זיי נור א קוק טהאן!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (דערלאנגט איהם א פעקיל פאפיע־רען) זיי זיינען אבער אין אזא אונארדנונג — אלעס צומישט.

ט ע ס מ א ן: דענקט נור, ווען מיר וואלטען דאך עפעס געקענט ארויסברייננגען פון דעם! אפשר ווען מיר זאלען ביידע צונויפלעגען אונזערע קעפ —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אה, יא — לאמיר עס וועניג־סטענס פרובירען —

ט ע ס מ א ן: מיר וועלען עס דורכפיהרען! מיר מ ו ז ע ן! איך גיב אב מיין לעבען פאר דער אויפגאבע.

ה ע ד ד א: דו, זשארזש? דיין לעבען?

ט ע ס מ א ן: יא, אדער ריכטיגער געזאגט — וויפיעל צייט איך קען נור אבשפארען. מיינע אייגענע זאמלונגען מוזען דערוויי־לעווארטען. העדדא — דו פערשטעהסט, הא? איך בין דאס שולדיג עילדערט'ס אנדענקען.

ה ע ד ד א: פיליכט.

ט ע ס מ א ן: אלזא, מיין טייערע פרוי עלווסטעד, לאמיר זיך איינגאנצען אבגעבען דערצו. וואס איז די פעולה צו גריבלען זיך איבער דאס וואס איז שוין פערפאלען, הא? מיר מוזען זעהען צו בעהערשען אונזער טרויער וויפיעל מעגליך, און —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, יא, הערר טעסמאן, איך וועל טהאן דאס בעסטע וואס איך קען.

ט ע ס מ א ן: גוט, אלזא, קומט אהער. איך קען ניט רו־הען ביז וואנען מיר וועלען האבען דורכגעקוקט די אלע נאטיצען. וואו זאלען מיר זיך זעצען? דא? ניין, דארטן, אין הינטערשטען צימער. ענטשולדיגט מיר, מיין ליעבער ריכטער. קומט נור מיט מיר, פרוי עלווסטעד.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אה, ווען דאס וואלט נור מעג־ליך געוועזן!

(טעסמאן און פרוי עלווסטעד געהען אין הינטערשטען צימער.

זי טהוט אוים איהר הוט און מאנטעל. זיי זעצען זיך ביידע אַוועק ביים טיש אונטער'ן הענגלאַמפּ און פערטיעפען זיך באלד אונטערזוכענ־דיג פלייסיג די פּאַפּיערען. העדדא געהט אַריבער צום אויווען און זעצט זיך אין לעהן־שטוהל. באַלד געהט בראַק צו צו איהר.)

העדדא: (אין אַ נידעריגע שטימע) אַה, וואָס פאר א גע־פיהל פון פרייהייט אַט די טהאַט עילערט לאָוובאָרג'ס גיט איינעם איבער.

בראַק: פרייהייט, מאדאם העדדא? נו, נאַטירליך, פאר איהם איז עס א בעפרייאונג —

העדדא: איך מיין פאר מיר. עס גיט מיר א געפיהל פון פרייהייט, ווען איך ווייס, אז אין דער וועלט איז נאָך מעגליך צו בעגעהן אזא פרייוויליג מוטהיגע טהאַט — א טהאַט פון פרייער נאַטירליכער שעהנקייט.

בראַק: (שמייכעלט) הם — מיין ליעבע מאדאם העד־דא —

העדדא: אָה איך ווייס וואָס איהר ווילט זאָגען. דען איהר זייט אויך א סאָרט ספּעציאַליסט, ווי — נו, איהר ווייסט דאָך!

בראַק: (קוקט אויף איהר פעסט) עילערט לאָווּבאָרג איז איך געוועזן טייערער איידער איהר וואָלט עס וועלען זיך אליין מודה זיין. האָב איך א טעות?

העדדא: איך ענטפער ניט אויף אזוינע פראגען. איך ווייס נור אז עילערט לאָווּבאָרג האָט געהאַט דעם מוטה צו לעבען זיין אייגענעם לעבען אויף זיין אייגענעם אופן. און דאן — די לעצטע גרויסע טהאַט, מיט איהר שעהנקייט! אַה! א מענש זאָל האָבען דעם ווילען און די קראַפט אוועקצוואַרפען דעם באַנקעט פון לעבען — אזוי פריה.

בראַק: עס טהוט מיר לייד, מאדאם העדדא — איך האָב אָבער מורא אז איך וועל מוזען רויבען פון איך א שעהנע איינ־בילדונג.

ה ע ד ד א: אן איינבילדונג?

ב ר א ק: וועלכע וואָלט יעדענפאלס ניט לאנג אָנגעהאלטען.

ה ע ד ד א: וואָס מיינט איהר דערמיט?

ב ר א ק: עילערט לאָווּבאָרג האָט זיך ניט געשאָסען — פרייוויליג.

ה ע ד ד א: ניט פרייוויליג?

ב ר א ק: ניין. די זאך האָט ניט פאסירט גענוי ווי איך האָב עס דערצעהלט.

ה ע ד ד א: (געשפאַנט) האָט איהר עטוואָס פערשוויגען? זאָגט וואָס איז עס?

ב ר א ק: פון דער אָרימער פרוי עלווסטעד'ס וועגען האָב איך די פאקטען אביסעלע אידעאליזירט.

ה ע ד ד א: וואָס זיינען די פאקטען?

ב ר א ק: ערשטענס, אז ער איז שוין געשטאָרבען.

ה ע ר ר א: אין האָספיטאל?

ב ר א ק: יא — ניט קומענדיג צו בעזינונג.

ה ע ד ד א: וואָס נאָך האָט איהר פערשוויגען?

ב ר א ק: דאָס — אז דער פאל איז ניט פאָרגעקומען אין זיין קוואַרטיר.

ה ע ד ד א: אה, דאָס איז קיין אונטערשיעד ניט.

ב ר א ק: און אפשר יא. דען איך מוז אייך דערצעהלען — עילערט לאָווּבאָרג'ן האָט מען געפונען א דערשאָסענעם אין — אין מאמזעל דיאַנאַ'ס פריוואַט־צימער.

ה ע ד ד א: (וויל אויפשפרינגען, זינקט אָבער ווידער צוריק) דאָס איז אונמעגליך, הערר בראק! ער האָט ד אָ ר ט ן ניט געקענט היינט ווידער זיין.

ב ר א ק: ער איז דאָרט געוועזען היינט נאָכמיטאָג. ער איז דאָרט געגאַנגען, האָט ער געזאָגט, אויפצו־מאָהנען עפּעס וואָס זיי זאָלען האָבען געהאט אוועקגענומען ביי איהם. ער האָט עפּעס ווילד גערעדט וועגען א פערלאָרען קינד —

הערדא: אה — דאָס אַלזאָ איז געווען די אורזאך —

בראַק: איך האָב געקלערט אז ער האָט מסתמא געמיינט זיין מאנוסקריפט; דאָ הער איך אָבער אז ער האָט עס אליין פערניכטעט. שטעל איך מיר פאָר, אז דאָס האָט געמוזט זיין געלד־טאש.

הערדא: יא, דאָס האָט עס געמוזט זיין. הייסט עס דאָרטן — דאָרטן האָט מען איהם געפונען?

בראַק: יא, דאָרטן. מיט אַן אָבגעפייערטען פּיסטאָלעט אין זיין בוזים־קעשענע. דער קויל איז געפאַלען אין אַ לעבענס־גע־פעהרליכען אָרט.

הערדא: אין דער ברוסט — יא.

בראַק: ניין — אין בויך.

הערדא: (קוקט אויף איהם מיט אַן אויסדרוק פון עקעל) דאָס נאָך אויך! אָה, וואָס פאַר אַ פלוך איז עס, אז יעדע זאך, צו וואָס איך ריהר זיך צו, ווערט לעכערליך און געמיין!

בראַק: עס איז דאָ פאַראַן נאָך אַ פונקט, מאַדאם הערדא — נאָך אַן אונאנגענעהמער שטריך אין דער זאך.

הערדא: און וואָס איז עס?

בראַק: דעם פּיסטאָלעט וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך —

הערדא: (אָהן אָטהעם) נו? וואָס וועגען דעם?

בראַק: האָט ער געמוזט האָבען גע׳גנב׳ט.

הערדא: (שפּרינגט אויף) גע׳גנב׳ט! דאָס איז ניט אמת! ער האָט עס ניט גע׳גנב׳ט!

בראַק: עס איז ניטאָ קיין אנדער ערקלערונג. ער האָט עס געמוזט האָבען גע׳גנב׳ט — שאַ!

(טעסמאַן און פרוי עלווסטעד זיינען אויפגעשטאַנען פון טיש אין הינטערסטען צימער און קומען אריין אין זאַאַל.)

טעסמאַן: (מיט די פּאַפּיערען איןביידע הענד) הערדא, מען זעהט כמעט גאָרניט פאַר יענעם לאָמפּ. דענק נור!

הערדא: יא, איך דענק.

טעסמאן: ווילסטו אונז ערלויבען זיצען ביי דיין שרייב־טיש, הא?

העדדא: פון מיינעטוועגען. (שנעל) ניין, ווארט א וויי־לע! לאמיך איהם פריהער אבריינינגען!

טעסמאן: אה, דו דארפסט זיך ניט בעמיהען, העדדא. עס איז דא גענוג פלאץ.

העדדא: ניין, ניין, לאז מיך איהם אבריינינגען, זאג איך! איך וועל נעהמען אט די זאכען און זיי אוועקלעגען אויפ'ן פיאנא. שוין!

(זי האט ארויסגענומען א געגענשטאנד, צוגעדעקט מיט נאטען־בלעטער, פון אונטער דער ביכער־פאליצע, לעגט ארויף אויף דעם נאך נאטען־בלעטער און טראגט עס אלעס אוועק אין מיטעלסטען צימער לינקס. טעסמאן לעגט אוועק די שטיקלעך פאפיער אויפ'ן שרייבטיש און רוקט איבער אהין דעם לאמפ פון ווינקעל־טיש. ער און פרוי עלווסטעד זעצען זיך און געהען אן מיט זייער ארבייט. העדדא קעהרט זיך אום.)

העדדא: (שטעהט אונטער פרוי עלווסטעד'ס שטוהל, שפיעלט זיך לייכט מיט איהרע האאר) נו, מיין זיסע טייא — ווי געהט עס מיט עילערט לאווברג'ס מאנומענט?

פרוי עלווסטעד: (קוקט אויף איהר מוטהלאז) אה, עס וועט זיין שרעקליך שווער צו ברייננגען עס צוריק אין ארדנונג.

טעסמאן: מיר מוזען עס אויספיהרען. איך בין ענטשלאסען. און דאן — בריינגען אין ארדנונג אנאנדערנס פא־פיערען איז פונקט די ריכטיגע ארבייט פאר מיר.

(העדדא געהט אריבער צום אויווען און זעצט זיך אויף איינעם פון די פוס־ביינקלעך. בראק שטעהט נעבען איהר אנגעשפארט אויף א לעהן־שטוהל.)

העדדא: (שטילערהייט) וואס האט איהר געזאגט וועגען דעם פיסטאלעט?

בראק: (זאכט) אז ער האט איהם געמוזט גנב'נען.

העדרא: פאר וואס עפעס דוקא גע׳גנב׳ט?

בראק: ווייל עס טאר ניט זיין קיין אנדער ערקלערונג, מאדאם העדדא.

העדדא: ווירקליך?

בראק: (טהוט א קוק אויף איהר) עס פערשטעהט זיך עי־לערט לאָוובאָרג איז דאָ געווען היינט אין דער פריה. אפשר ניט?

העדדא: יא.

בראק: זייט איהר געווען אליין מיט איהם?

העדדא: יא, א געוויסע צייט.

בראק: זייט איהר ניט ארויסגעגאנגען פאר א ווײלע בעת ער איז דאָ געווען?

העדדא: ניין.

בראק: דערמאָנט זיך נור. זייט איהר ניט ארויסגעגאנ־גען פאר א רגע?

העדדא: יא, אפשר נור פאר א מינוט — אין קאָרידאָר אריין.

בראק: און וואו איז געלעגען אייער פיסטאָלעטען־שאכ־טעל אין יענער צייט?

העדדא: עס איז געווען פערשלאָסען אין —

בראק: נו, מאדאם העדדא?

העדדא: דאָס שאכטעל איז געשטאנען דארט אויפ׳ן שרייבטיש.

בראק: נו, ס׳איז ניט נויטיג. איך האָב געזעהן דעם פיסטאָלעט, וואָס מען האָט געפונען אין עילערט לאָוובאָרג׳ס קע־שענע, און איך האָב איהם גלייך דערקענט: עס איז דער אייגע־נער וואָס איך האָב געזעהן געסטערן — און פריהער אויך.

העדדא: האָט איהר איהם מיט זיך?

בראק: ניין, די פּאָליציי האָט איהם.

העדדא: וואָס וועט די פּאָליציי מיט איהם טהאָן?

ב ר א ק: זיי וועלן זוכן ביז זיי וועלן געפינען צו וועמען ער געהערט.

ה ע ד ד א: דענקט איהר אז זיי וועלן אויסגעפינען?

ב ר א ק: (בויגט זיך אריבער צו איהר און זאָגט שטיל) ניין, העדדא גאבלער — כל זמן איך וועל שווייגען, וועלען זיי ניט אויס־געפינען.

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהם א דערשראָקענע) און אויב איהר וועט נ י ט שווייגען — איז וואָס דאן?

ב ר א ק: (צוקט מיט די אקסלען) עס בלייבט אלעמאָל די מעגליכקייט, אז מען האָט דעם פיסטאָלעט גע'גנב'ט.

ה ע ד ד א: (פעסט) בעסער דער טוידט איידער דאָס.

ב ר א ק: (שמייכעלט) אזעלכע זאכען ז אָ ג ט מען — אָבער מען טהוט עס ניט.

ה ע ד ד א: (ניט ענטפערענדיג) און ווי איז אויב ער האָט ניט גע'גנב'ט דעם פיסטאָלעט, און מען געפינט אויס דעם אייגענ־טהימער? וואָס איז יעמאָלט?

ב ר א ק: נו, העדדא — דאן קומט דער סקאנדאל.

ה ע ד ד א: דער סקאנדאל!

ב ר א ק: יא, דער סקאנדאל — פאר וועלכען איהר שרעקט זיך אזוי געפעהרליך. מען וועט אייך נאטירליך, ברייננען פאר'ן געריכט — אי אייך, אי מאמזעל דיאנא'ן. זי וועט דארפען ער־קלערען ווי אזוי די זאך איז פאָרגעקומען — צי עס איז געווען א צופעליגער שאָס, אָדער א מאָרדטהאָט? צי דער פיסטאָלעט האָט אויסגעשאָסען בעת ער האָט איהם געוואָלט ארויסשלעפען פון קע־שענע, כדי איהר צו סטראשען? אָדער זי האָט ארויסגעריסען דעם פיסטאָלעט פון זיין האנד, האָט איהם דערשאָסען, און אריינ־געלעגט עס צוריק אין זיין קעשענע? גלויבען אויף איהר קען מען עס; דען זי איז א קערפערליך־שטארקע, יונגע פערזאָן — אָט די מאמזעל דיאנא.

ה ע ד ד א: אָבער א י ך האָב גאָרנישט צו טהאָן מיט דעם גאנצען עקעלהאפטען עסק.

ב ר א ק: ניין, איהר וועט אָבער דארפען ענטפערן אויף דער פראגע: ווארום האָט איהר געגעבען עילערט לאָווּבאָרג׳ן דעם פּיסטאָלעט? און וואָס פאר־א שלוסען וועלען מענשען ציהען פון דעם פאקט וואָס איהר האָט עס איהם געגעבען?

ה ע ד ד א: (לאָזט איהר קאָפּ ארונטערזינקען) דאָס איז אמת. דאָס האָב איך ניט איבערגעטראכט.

ב ר א ק: צום גליק איז אין דעם קיין געפאהר ניטאָ אזוי לאנג ווי איך זאָג גאָרנישט.

ה ע ד ד א: אזוי, הייסט עס, בין איך ביי אייך אין די הענד־ ערר בראק. פון איצט אָן און ווייטער וועל איך מוזען טאנצען נאָך אייער פייפעל.

ב ר א ק: (רעדט צו איהר זאנפט) ליעבסטע העדדא — גלויבט מיר — איך וועל מיין פּאָזיציע ניט מיסברויכען.

ה ע ד ד א: דאָך בין איך אלץ ביי אייך אין די הענד. אָב־ העגניג פון אייער ווילען און פערלאנג. א שקלאַף, א שקלאַף, הייסט עס! (שטעהט אויף האַסטיג) ניין, איך קען ניט אריבער־ טראָגען דעם געדאנק דערפון! קיינמאָל ניט!

ב ר א ק: (קוקט זי אָן שפּאסהאפטיג) מען ווערט געוועהנט צו דאָס וואָס מען קען ניט העלפען.

ה ע ד ד א: (ערווידערט זיין בליק) יאָ, פיליייכט. (געהט אריבער צום שרייבטיש. זי אונטערדריקט א ניטווילענדיגען שמייכעל און מאַכט נאָך טעסמאַן׳ס אַרט רעדען) נו גיט עס זיך דיר איין, זשאָרזש? הא?

ט ע ס מ א ן: גאָט ווייס, מיין טייערע. אין בעסטען פאל איז עס אָן ארבייט אויף מאָנאטען.

ה ע ד ד א: (ווי פריהער) דענק נור! (זי פיהרט דורך מיט די הענד דורך פרוי עלווסטעד׳ס האָאר) זעהט עס דיר ניט אויס

זאנדערבאר, טייא? דו זיצט זיך דא מיט טעסמאן — פונקט ווי דו פלעגסט זיצען מיט עילערט לאווובארג'ן?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אך, ווען איך וואלט גאר געקענט בעגייסטערן דיין מאן אויפ'ן זעלביגען אופן!

ה ע ד ד א: אה, דאס וועט אויך קומען — מיט דער צייט.

ט ע ס מ א ן: יא, ווייסטו, העדדא — איך דענק ווירקליך אז איך הויב אן צו פיהלען עפעס דערגלייכען. ווילסטו אבער ניט זיך געהן זעצען צוריק מיט בראק'ן?

ה ע ד ד א: קען איך אייך ביידען גארנישט העלפען?

ט ע ס מ א ן: ניין, גארנישט. (קעהרט אום דעם קאפ) איך פערלאז זיך אויף אייך, מיין ליעבער בראק, אז איהר וועט אונטער־האלטען העדדא'ן.

ב ר א ק: (טהוט א בליק אויף העדדא) אך אודאי, מיט'ן גרעסטען פערגעניגען.

ה ע ד ד א: דאנקע. איך בין אבער מיעד היינט אין אבענד. איך וועל געהן זיך צולעגען אביסעל אויפ'ן זאפע.

ט ע ס מ א ן: יא, טהו דאס, ליעבסטע. הא?

(העדדא געהט אין הינטערסטען צימער און פערציהט די גארדינען. א קורצע פאוזע. פלוצלינג הערט זיך ווי זי שפיעלט אויפ'ן פיאנא א ווילדען טאנץ.)

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (כאפט זיך אויף פון שטוהל) אה — וואס איז דאס?

ט ע ס מ א ן: (לויפט צו דער ארויסגאנג־טיר) אך, מיין ליעבסטע העדדא — שפיעל דאך ניט היינט אבענד קיין טאנץ־מוזיק! דענק נור וועגען טאנטע רינא! און וועגען עילערט'ן אויך!

ה ע ד ד א: (רוקט ארויס דעם קאפ צווישען די גארדינען) און וועגען טאנטע יוליא, און וועגען אלע איבריגע. נאך דעם וועל איך רוהיג זיין. (פערמאכט די גארדינען ווידער.)

ט ע ס מ א ן: (ביים שרייבטיש) עס איז ניט גוט פאר איהר

צוצוזעהן ווי מיר זיצען ביי אַט דער טרויעריגער ארבייט. איך וועל אייך זאָגען וואָס, פרוי עלווסטעד — איהר דארפט נעהמען דעם לעדיגען צימער ביי טאנטע יוליא, און דאן וועל איך אריבער־קומען אין אָווענד און מיר וועלער ד' אַ ר ט ן קענען זיצען און ארבייטען — הא?

ה ע ד ד א: (אין מיטעלסטען צימער) איך הער וואָס דו זאָגסט, טעסמאן. ווי אָבער וועל איך דאָ אליין פערברייננגען די אבענדען?

ט ע ס מ א ן: (בלעטערט די פּאפּיערען) אה, איך רעכען אז ריכטער בראק וועט זיין אזוי גוט און אריינקומען פון צייט צו צייט, אפילו ווען איך וועל ניט זיין צו־הויז.

ב ר א ק: (אין לעהן־שטוהל רופט אוים פרעהליך) יעדען ליע־בען אבענד, מיטן גרעסטען פערגעניגען אין דער וועלט, מאדאם טעסמאן! מיר וועלען זיך אמוזירען גרויסארטיג, מיר ביידע!

ה ע ד ד א: יא מיינט איהר ניט, אז מיר וועלען פיין פער־ברייננגען, הערר בראק? איצט אז איהר זייט „דער איינציגער האָהן אין קאָרב" —

(עס הערט זיך אַ שאָס אינעווענינג. טעסמאן, פרוי עלווסטעד און בראַק שפּרינגען אויף.)

ט ע ס מ א ן: אה, זי שפּיעלט שוין ווידער מיט די פּי־סטאָלעטען.

(ער שלעפּט אוועק די גארדינען און לויפט אריין. נאָך איהם פרוי עלווסטעד. העדדא ליעגט אויסגעצויגען אויפ'ן זאָפע אַ טוידטע. טומעל און געשרייען. בערטא קומט אריין א דערשראָקענע פון רעכטס.)

ט ע ס מ א ן: (שרייט צו בראַק) זי האָט זיך דערשאָסען! זי האָט זיך געשאָסען אין די שלייפען! שטעלט זיך פאָר!

ב ר א ק: (האַלב אונמעכטיג אין לעהן־שטוהל) אך גאָט! — אזעלכע זאכען טהוט מען דאָך ניט.

ע נ ד ע.

דער בוימייסטער

איבערזעצט פון א. גאָלדווין.

Copyright, 1910, by
Maisel & Co., New York.

איינלייטונג

פון מאָרים ווינטשעווסקי

1.

זיי זיינען זיך דאָרטען געזעסען, די צוויי,
דורך הערבסט־טעג און ווינטער־טעג, געהענדיג ראָש,
און פּלוצלונג אַ שרפה דאָס הויז האָט ביי זיי
פערברענט, און איצט גראָבען זיךביידע אין אַש.

ווייל דאָרטען אין אַש ליעגט אַ דימענט פערשאַרט,
דער דימענט, ער ווערט ניט אין פייער פערברענט,
מען דאַרף איהם נור זוכען, ער ליעגט און ער וואַרט
פאַר איהם אָדער איהר, צווישען חרוב׳ע ווענט.

און דאָך צי׳ס געפינט דער יואוועל זיך, צי ניט,
צוויי זאָכען גיט נ י ט זיי דאָס לעבען צוריק:
זי רעטעט פון בראַנד מעהר איהר גלויבען שוין ניט,
אין פייער אויף אייביג פערליערט ע ר זיין גליק.

— העינריק איבסען.

אויף דיעזען געדיכט, וועלכעס איבסען האָט געשריבען מיט יאָהרען פריהער, האָט ער, ווי מען זאָגט, געבויט זיין דראַמאַ „סאָלנעס“. אויב דער לעזער געהערט צו דעם קלוגען קלאַס (עס זיינען דאָ דריי קלאַסען לעזער: דער נאַררישער, וועלכער לעזט די איינלייטונג פאַר דעם ווערק, דער קלוגער וועלכער לעזט זי נאָכדעם, און דער קליגסטער, וועלכער לעזט זי גאָר ניט; דער

לעצטער איז פאר אונז שוין צו קלוג, אָבער אויב אונזער לעזער געהערט, ווי געזאָגט, צום קלוגען קלאַס) און ער וועט לעזען דיעזע ציילען נאָכדעם ווי ער וועט האָבען געלעזען דאָס דראַמאַ גופא, וועט ער זעהן, אַז דאָס ציטירטע געדיכטעלע איז ווירקליך דער פונדאַמענט פון „בוימייסטער סאָלנעס".

האַלוואַרד און אַלינאַ סאָלנעס — „די צוויי" — גראָבען זיך כסדר אין די אַש פון אַ שרפה, וואָס האָט פערוויסטעט זייער הויז און איז געוועזן די סבה דערפון, וואָס זייערע צוויי קינדערלעך זיינען געשטאָרבען אין דער ערסטער קינדהייט. דערביי איז גאַנץ זיכער, אַז וואָס זיי זאָלען ניט זוכען אין די אַש

„ז י רעטעט פון בראַנד מעהר איהר גלויבען שוין ניט,
„אין פייער אויף אייביג פערליערט ע ר זיין גליק."

און דאָך איז פאַר איהר אַ לעבען נור אַ לעבען מיט אַן אמונה, און זיינס — נור מיט גליק פאַר אַ באַזים.

ווי דער קלוגער לעזער ווייס שוין, איז אַלינאַ געקנאָטען און געבאַקען פון לויטער אמונה. זי קוקט אויף דעם גאַנצען לעבען ווי אויף אַ לאַנגע רייהע פון פליכטען, ווי אויף אַ פּרוזדור לטרקלין פאַר יענע וועלט, וואו דער מענש, ספּעציעל דער מענש אָהן זינד — אַן עופעלע, למשל, ווי איהרע צוויי — לעבט אין אייביגע, געטליכע פריידען, עטוואָס גליקליכער ווי אַ מלאך, ווייל ער איז געוועזן אויף דער ערד, עטוואָס קלענער ווי גאָט, ווייל ער איז אַ ילוד אשה, און ווען זי טראַכט וועגען איהרע צוויי געשטאָרבענע עופעלעך, זעהט זי אין זיי מלאכים׳לעך אין גן־עדן, וועלכע זי איז פון גאַנצען הארצען מקנא זייער פריהצייטיגען טויט. נור אַזוי לאַנג ווי זי מוז נעבעך צוברענגען די עטליכע יאָהר אויף אונזער זינדיגער ערד, איז פאַר איהר דאָ נור איין איינציגע זאַך צו טאָן און דאָס איז, צו ערפילען איהרע פיעלע פליכטען אַזוי גיך ווי זי דערזעהט זיי. די שווערסטע און די וויכטיגסטע פליכט ביי איהר איז דער אויפפּאַסען אויף איהר מאַן, וועלכען זי פערשטעהט ניט. ער קומט איהר פאַר קראַנק, האַלב־משוגע, אונפעראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים און איהר פליכט איז אויף איהם אויפצופּאַסען. דאַן

האלט זי, אַז טאקע דורך זיין קראַנקהייט, כמעט־משוגעת און אונפעראַנטוואָרטליכקייט איז ער פעהיג זיך צו פערליעבען אין די ערסטע בעסטע, אָדער ערגסטע, אויב איהר ווילט, מיידעל אָדער ווייבעל און איהר פליכט בעשטעהט אין דעם, אַז זי, הגם זי האָט אַ רעכט צו זיין אייפערזיכטיג, זאָל ניט זיין אין וועג, אַז זי זאָל זיך ערלויבען, פיעלייכט אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל, אָבער ניט קיין שום בעמערקונג, וואָס זאָל קענען אָנגערופען ווע־רען אַ דירעקטער טאַדעל. וואָס איז האַלוואַרד צו איהר? וואָס איז זי צו האַלוואַרד? כמעט גאָר נישט. אויב זי ליעבט איהם — און דאָס איז צווייפעלהאַפט — איז דאָס נור אַלס פליכט, ווייל זי איז זיין ווייב און זי האָט ביים אַלטאַר פערשפּראָכען „צו ליעבען און געהאָרכען". זיכער איז, אַז זי פיהלט זיך גליקליכער, רוהיגער, וואַרעמער, פרייער אין דער געזעלשאַפט פון זייער הויז־דאָקטאָר, וועלכער, ווי דר. ראַנק ביי נאָראַ, שיינט צו זיין אויך זייער הויז־פריינד, און מען קען ניט זאָגען, אַז זי ליעבט אפילו איהם. יעדענ־פאַלס איז איהר אמונה אַ קראַנקע, ניט קיין זעהר פעסטע, ניט אַן אמונה וואָס קען רעגולירען אַ לעבען, נור אַזעלכע וואָס קען פאַרבערייטען צום טויט. די געזונדע אמונה איז געבליבען אין די אַש.

דאָס איז אַלינאַ סאָלנעס.

האַלוואַרד איז אַ גאַנץ אַנדער סאָרט מענש, הגם ער גראָבט זיך אויך אין די זעלביגע אַש, פון די זעלביגע שרפה, הגם ער, ווי זי, איז זינט יענער שרפה ניט מעהר קיין נאָרמאַלער מענש.

ער איז איינגעבילדעט, אַז דער בראַנד אויף זיין הויז איז געקומען ווייל אין גרונד הארצען האָט ער געוואָלט, האָט ער גע־ווינשט, אַז דאָס הויז זאָל אָבברענען, מחמת דער אויפבויען פון דעם נייעם בנין אויף דעם אָרט פון דעם אַלטען וועט בעטייטען דעם אויפבויען פון זיין גרויסער רעפּוטאַציע, פון זיין גרויסען שם פאַר אַ מייסטער אין זיין פאַך, ווי דאָס איז ווירקליך געווען דער פאַל.

אויף דעם אופן איז די שרפה, וועלכע האָט געמאַכט אַ וועג

פאר דעם גרויסען בוימייסטער סאָלנעס — א מין יחיד בדורו — געווען דער מלאך המות פאר זיינע צוויי קינדערלאך, נאך וועלכע ער האָט שוין מעהר קיין קינדער ניט געהאט, דער פערניכטער פון זיין ווייב'ס קאריערע אלס א „בוימייסטערין פון קינדערשע נשמה'לעך" ווי ער רופט איהר. ער איז אָבער אין דאָס אלץ איי־גענטליך ניט אבסאָלוט זיכער און ער, ווי אלינא, האלט זיך אין איין גראָבען אין די אש פון יענער שרעקליכער שרפה. דאָרטען איז בעגראָבען דער דימענט, וואָס איז ז י י ן גליק, וואָס איז א י ה ר פעסטער, געזונדער גלויבען.

אָבער ווער איז סאָלנעס?

ער איז א „זעלבסטגעמאכטער" קינסטלער, אן אווטאָדידאקט. ניט אכטענדיג אויף דעם, וואָס ער בויט בעסער פאר אלעמען, העכער פאר אלעמען, שעהנער פאר אלעמען, האָט ער אפילו ניט דעם טיטעל ארכיטעקט. ער האָט טאָקע אויך ניט די וויסענשאפט אין איהר גאנצע טהעאָרעטישע פולקייט. ווי דער ווילנער בעל־הבית'ל איז געווען א זשעניע א חזן אָהן א דיפּלאָם פון א שול, אָהן א קאָנסערוואטאָריום און אָהן די פעהיגקייט צו לעזען נאָטען, אזוי איז סאָלנעס געווען א בוימייסטער, פאר וועלכען יעדער בוי־פּאָרטאטש האָט געהאט מעהר שול, מעהר בוך־קענטניסע, מעהר מעטהאָדע.

און דער ווערן א בוימייסטער איז אָנגעקומען ניט לייכט. איהם האָט אין אָנהויב טאָקע געפעהלט דער דיפּלאָם כדי זיך לייכט צו עראָבערן די אָנערקענונג פון אלע ארומיגע מענשען. דערפאר אָבער האָט ער געמוזט קעמפּפען; אין דעם קאמפּף האָט ער געמוזט זיין ניט איבריגס סקרופּולעז, ווייל ער איז געווען גע־צוואונגען אין זיין האסטיג־געהען צו זיין ציעל דאָ און דאָרטען אימיצען אניעדערצוואוואַרפען, איבער איהם אריבערצושפּרייזען און ווייטער צו מארשירען, ווייטער, ווייטער...

חוץ דעם איז ער ארוים אויף זיין קאריערע מיט אן אידעאל פאר די אויגען, וועלכער האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזען איבער זיינע קרעפטען. ניט הייזקעס, הייזער אָדער אפילו פּאלאצען וועט

ער בויען פאר מענשעלעך, מענשען און מענער! ניין, ניט הייזער פאר פראסטע מענשען ווי ער אליין, (און ווער רעדט פון שטאלען פאר בהמות, סאטראלעס פאר פערד אדער בודקעס פאר הינט?) דאס אלץ איז ניט זיין עסק אינ׳ם לעבען. ער וועט בויען קירכען און טעמפלען פאר געטער און מוזען, פאר די היילינקייט און די קונסט. ער וועט די קירכען בויען הויך, מיט גרויסע קופאלאס און הויכע, הויכע טורעמס אויף זיי, און הויכע, הויכע שפיצען אויף די טורעמס, מיט א גאניקעל ארום דעם שפיץ, וואו ער אליין וועט שטעהן, דער קאפ אין די וואלקענס, די פעהנדעל אין דער האנד און א וועלט אונטער איהם, פול מיט בעוואונדערונג, כמעט מיט פערגעטערונג, בשעת דער ווינד טראגט פאנאנדער זיין נאמען צום מזרח און צום מערב, צום צפון און צום דרום. הללויה!

האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס איז איבער זיינע כחות און מעהר ווי א י י נ מ א ל איז ער אזוי הויך ניט געגאנגען, האט ער אזוי הויך ניט געבויט, און יענעם איינציגען מאל האט זיין שטרעבען צום אידעאל כמעט איהם געקאסט דעם לעבען. פון דענסמאל אן איז ער א מענש מיט אלעמען צוגלייך, נור א זשעניע.

און דא קומט זיין הויפט־צרה.

פון דער נאטור א מענש און ניט מעהר, פון דער ערציעהונג א בוימייסטער אהן א דיפלאם, ד. ה. אהן א געשריבענע און געחתמ׳עטע הסכמה פון ערגיץ אן אוניווערזיטעט אויף בוי־קונסט, קריעגט סאלנעס, וואס עלטער ער ווערט, אלץ מעהר מורא, אז זיין חזקה אויף דעם גרויסען נאמען קען פון איהם אוועקגענומען ווערען פון אימיצען ארום איהם, וועלכער וועט קומען ענטוועדער מיט א כתב אין האנד, אדער מיט חוצפה אין זיך און וועט זיך פראקלאמירען פאר דעם אמת׳ען בוימייסטער, פאר דעם ווירקליכען קינסטלער, ערקלערענדיג איהם, סאלנעסען, פאר א געוועזענעם, פאר אן אויסגעשפילטען טרומף, פאר א פאר־א־יאהריגען לוח.

פון וואנען אבער וועט ער, דער נייער, ווער ווייס, קומען? פון וואנען וועט ער זיך נעהמען? זיכער ניט פון צווישען די

אלטע, זיכער ניט פון די רייהען פון די געוועזענע. ווער דען וועט דאס, אלזא, זיין? דאס וועט זיין א יונגער, איינער וואס איז דער־ווייל אפשר נאך אן עופע'לע, אן עופע'לע אין א קעסטעלע פון פימסענהאלץ, וואס שווימט נאך ארום אויף די וואסערן פון טייך נילוס, אבער אזעלכער, וואס מוז פריהער אדער שפעטער קומען און דערלאנגען א פאסיר־צעטעל און זאגען: „דו געה אין תחום אריין; איך בין דער פיהרער!"

און סאלנעס זיצט און ציטערט, טראכטענדיג אט־אט קלאפט אן אין טיר דער יונגער דור! דער יונגער דור מיט'ן פאסיר־צעטעל אין דער האנד!

ערגער ווי אלץ איז, וואס ער זעהט, ווי איהם דוכט זיך, ניט נור דעם יונגען דור כמעט פאר די אויגען, נור ער זעהט אויך אין איהם א מין נוקם ונוטר, וואס דארף זיך מיט איהם, סאלנעס'ען, אברעכענען פאר א פאסירצעטעל, וואס ער אליין האט געגעבען דעם דור פ א ר איהם, בעת ער איז ארויף אויף דעם טהראן פון זיין צייט און האט צום ערסטען מאל אריינגענומען דעם שרביט הזהב אין זיין האנד. בקיצור, ער האט ביי זיך צוויי בראוויקס, אן אלטען, גרייז־גרויען פאטער און זיין יונגען אמביציעזען זוהן.

אי דער, אי יענער איז איהם א דארן אין אויג. דער אלטער דערמאנט איהם, אז איבער זיין קערפער, דורך זיין פאל, האט סאלנעס אריבערגעשפרייזט, זיך ניט נעהמענדיג די מיה דעם ארונטערגעווארפענעם אויפצוהויבען פון דער ערד, בשעת ער איז ארויסגעפאהרען צו זיין נייעם קעניגרייך. דער יונגער, ראגנאר בראוויק, שיינט איהם צו קריכען אויף זיין פלאץ, מעהר נישט סאלנעס גלויבט ניט שטארק אין זיין כח, אין זיין פעהיגקייט, אז ער זאל ווירקליך קענען פערנעהמען דעם דאזיגען פלאץ, — ער, ראגנאר, א פראסטער צייכנער, ווי דער אלטער בראוויק אליין.

מורא האבענדיג — מעהר אדער וועניגער, ווי אמאל — פאר ראגנאר בראוויק, געפינט ער איין טאג, אז דער יונגער מאן האט א כלה, א געוויסע קאייא פאסלי. עטוואס דערשראקען, מאלט ער זיך אויס אזא בילד: אט האט ראגנאר חתונה מיט קאייא, ער

הויבט אָן צו ווערן אַ גרעסערער בעל־הוצאה, ער נעהמט בויען אויף זיין אייגענעם חשבון, און מיט דער צייט ווערט ער דאָס דער דאָזיגער נייער דור, פאַר וועלכען ער האָט די גאַנצע צייט מורא געהאַט. עס איז קלאָר, אַז ראַגנאַר טאָר אַזוי גיך ניט הייראַטען. ווי אָבער מאַכט מען אַז ער זאָל ניט קענען? סאָלנעס פּרובירט. ער טוט אַזוי: ער נעהמט קאַייאַ פאָסלי אַריין צו זיך אין אָפּיס אַלס בוכהאַלטערין. אין אָנהויב איז ראַגנאַר אַליין דערמיט צופריעדען: זיין כלה איז נעבען איהם, ער איז אימער אין איהרע ד' אמות. אַ ל ע זיינען צופריעדען. מיט דער צייט ווערט דאָס נאָך בעסער, — בעסער פאַר סאָלנעס'ען: קאַייאַ פאָסלי, ראַגנאַר בראָוויק'ס כלה פערליעבט זיך אין האַלוואַרד סאָלנעס, דעם גרויסען בוימייסטער! פערשטעהט זיך, סאָלנעס האָט ניט און קען ניט האָבען קיין שום געפיהל, וואָס זאָל האָבען ערגיץ אַ שייכות מיט ליעבע פאַר זיין בוכהאַלטערין, אָבער ער ווייזט דאָס ניט אַרויס. פערקעהרט, ער לאָזט איהר די איללוזיע, אַז איהר שטילע ליעבע האָט געפונען אַן אָבקלאַנג אין זיין האַרצען, מעהר נישט... נו, וואָס איז דאָ צו רעדען, זיין „סאָציאַלע שטעלונג", אַלינאַ, ראַגנאַר, די וועלט... שש...!

דאָס טוט סאָלנעס דורכאויס ניט בערעכענט, במזיד, אַ שטייגער וועלענדיג בעטריגען די אָרעמע מיידעל. ניין, דאָס טוט זיך ביי איהם כמעט אַליין, דאָס טוט דער שרעק פאַר'ן קומעדיגען קלאַפּ אין טיר. פשוט, וואָס מעהר קאַייאַ איז זיינע אַלץ לענגער וועט דויערן די צייט ביז איהר חתונה מיט ראַגנאַר, אַלץ שפּעטער וועט קומען ראַגנאַר בראָוויק'ס זעלבסטשטענדיגקייט און זיין קאָנקורענץ.

פון דעסטוועגען קען דאָס נור אָבגעלעגט, ניט אָבגעמעקט ווערן. אפשר ניט קאַייאַ, אָבער ראַגנאַר הויבט אָן צו וועלען ענדליך מאַכען אַ סוף פון דעם חתן־כלה פערהעלטניס און צו שטעלען חופּה. דאַן דער אַלטער: ער האָט מורא פאַר אַ קלאַפּ אין זיין טיר ניט פון ערגיץ אַ דור, נור טאַקע פון'ם מלאך־המות, און דערפאַר וויל ער זעהען זיין זוהן וואָס גיכער ניט נור חתונה געהאַט, נור

אויף עטאבלירט. איי ער האָט ניט קיין דיפּלאָם? האָט דען סאָל־נעם געהאט? האָט ער אליין געהאט? אָט איז געקומען א יונגע פּאָאר פאָלק נאָך א פלאַן פאר א הייזקע, ראגנאר האָט עס שוין געצייכענט און לאָז נור סאָלנעס געבען דארויף זיין הסכמה (גע־שריעבען) און ראגנאר איז א „געמאכטער מאן".

דער אלטער פרעסט, ער האָט ניט קיין צייט. ער בעט רחמים: הערר סאָלנעס, אָנאָ, הושיעה נאָ! אָבער סאָלנעס וויל פון קיין זאך ניט הערען. קאייא? יא, זי בעט אויך, אָבער איהר גיט מען א גלעט אין בעקעלע און זי פערגעסט אָן ראגנאר, דעם אלטען, די צוקונפט, אָן אלץ...

2.

אויף דיעזען פונקט הויבט זיך אָן דאָס דראמא. און טאקע מיט א קלאפּ אין טיר, און ווירקליך פון דעם נייעם דור, מעהר ניט פון אנאנדער מין, ווי דער, וועלכער פלעגט דעם בוימייסטער ביז איצט קומען צו־חלום.

אין טיר קלאפּט אָן הילדא וואנגעל.

ווער און וואָס איז זי?

הילדא איז א מיידעל, צוויי־דריי און צוואנציג יאָהר אלט, מיט א שטארקען כאראקטער, מיט א ווילען, וואָס איגנאָרירט גע־וועהנליך יעדען שטער אין וועג, מיט א סך ענטהוזיאזמוס אין זיך און — ועל כולם! — א גרויסע אידעאליסטקע.

דיעזע הילדא האָט געזעהען דעם בוימייסטער נור איינמאָל פריהער, איינמאָל אין איהר לעבען. דאָס איז אָבער געווען דעם איין איינציגען מאָל ווען סאָלנעס האָט ערגרייכט די העכסטע מדרגה אין זיין קאריערע, ווען ער האָט דערגרייכט ביז'ן סאמע שפּיץ פון א הויכען טורעם, אויף א הויכען קופּאָלא, אויף א גרויסען טעמפּעל.

זי האָט איהם אויף דעם אופן געזעהען אין זיין גלאנץ, און זי, יעמאָלט צוועלף יאָהר אלט, מיט איהר בלוטיונגען, כמעט קינדערשען ענטהוזיאזמוס, אָבער שוין רייפען אידעאליזמוס, —

צייטיג געגוג צו בויען פאר זיך די פיינסטע לופט־שלעסער, האט זיך אין געדאנקען מיט איהם פער׳קנס׳ט און האלווארד סאלנעס, דער גרויסער, „וועלטבעריהמטער“ בוי־מייסטער, דער וואלקען־קלעטערער, דער אויבערמענש איז געווארען איהרער, הילדא׳ס, הילדא וואנגעל׳ס, און וואס געהט אייך אן ווי אלט זי איז? א חוצפה אביסעל!

טאמער האט נאך וואס געפעהלט, איז סאלנעס יענעם טאג פון זיין טריומף געקומען צו־גאסט צו איהר פאטער, דר. וואנגעל, און האט איהר, הילדא׳ן געקוסט, און טאקע מעהר ווי איינמאל... ער האט איהר, פערשטעהט איהר מיך, אריינגענומען דעם קאפ צווישען זיינע הענד און האט איהר געקוסט, אבער און וויעדער, און נאך אמאל, — ער, דער גאט, איהר, הילדען...

אבער ער פאהרט אוועג. זי גיט איהם צעהן יאהר צייט צוריק צו קומען נאך איהר, נאך די כלה פון זיין גייסט, פון זיין רוהם, פון זיין גלאנץ־פעריאדע. זיווארט אויף איהם, ווי א פרומער איד אויף משיח׳ן, א שטייגער, אט־אט קומט ער.

א טאג נאך א טאג געהט אוועג, איין וואך נאך די אנדערע, עס בייטען זיך אב חדשים, יאהרען, עס פערגעהען די גאנצע צעהן יאהר און גאר ניט... אין קול ואין קשב... ער קומט ניט.

אנאנדער מיידעל וואלט אין אזא פאל זיך בענוגענט מיט דענקען און גאהרען און חלש׳ן און אויסגעהן מיט די כחות... זי וואלט געווארען מאגערער און בלייכער, מיט אויגען וואס זינקען אלץ טיפער אין שארבען אריין, און וואס קריגען אונטער זיך אלץ בלויערע און דונקעלערע פאסען. זי וואלט געזיפצט און גע־שלוכצעט אין קיסען אריין, און וואלט אזוי לאנג געקוקט אויף די לבנה ביז זי וואלט געווארען אזוי בלייך ווי די לבנה אליין.

ניט אזא מיידעל איז הילדא וואנגעל. קומט ניט דער בארג צום נביא, געהט דער נביא צום בארג... בקיצור, הילדא נעהמט איהר עטליכע זיעבען זאכען, און מיט׳ן העקעל־פעקעל איבער׳ן פלייצע אויף א לאנגען שטעקען, קומט זי נ ע ה מ ע ן דעם מאן, אויף וועלכען זי האט איצט א צעהניעהריגע חזקה.

און דאָס איז דער קלאַפּ אין טיר בעת דאָס שווישפּיעל הויבט זיך דאָ אָן.

אַ שווישפּיעל? ניין, דאָ הויבט זיך אָן אַ טראַגעדיע, און אַ טראַגעדיע ניט אין דעם אויסלאָז, ווי אין געוועהנליכע טרויער־שפּיעלען, נור אין דעם אָנהויב, הגם דער אויסלאָז איז געווען טראַגיש גענוג. זי בעשטעהט אָט אין וואָס.

ווען הילדאַ און סאָלנעס טרעפען זיך איצט צום צווייטען מאָל אין זייער לעבען, געפינען זיי ביידע, אַז אין די צעהן יאָהר צייט זיינען זיי, איך וואָלט זאָגען, אוועג־געוואַקסען איינער פון דעם אַנדערן.

ביידע זיינען געוואָרען צעהן יאָהר עלטער, אָבער וועהרענד הילדאַ די יונגינקע אידעאַליסטק ע ל ע איז היינט אַ יונגע אידעאַליסטקע, איז סאָלנעס לאַנג שוין ניט מעהר קיין וואָלקען־קלעטערער, האָט ער זיך שוין לאַנג געזעגענט מיט זיינע יוגענד־אידעאַלען, איז ער שוין לאַנג ניט מעהר קיין טעמפּעל־בויער און איהם אינטערעסירט שוין לאַנג ניט מעהר ניט די הויכקייט פון אַ טורעם, ניט די הייליגקייט פון אַ טעמפּעל, ניט די געטליכקייט אין ביידע, צ ו וועלכע מען דאַרף אַרויפבליקען און א י ן וועלכע מען דאַרף אַריינבליקען. ער איז דערביי עלטער, פיעל עלטער געוואָרען און פערטיעפטער אין זיך, אין זיין פערגאַנגענהייט, אין די שרפה, אין די פאָלגען פון דער שרפה און אנשטאַט זיך הויבען אין דער הויך און צו שוועבען אין די הימלען ,ווי הילדאַ האָט ערוואַרטעט, גראָבט ער זיך אין אַש... אין טונקעלע אַש, ניעדריג, אונטער די פיס... אַ וואָרעם וואָלט דאָס געקענט...

און די קוסען! יענע ליידענשאַפטליכע קוסען, מיט וועלכע ער האָט זי — ווי זי גלויבט — פער'קנס'ט ; יענע הייליגע, הימלישע קוסען, וועלכע זי האָט צעהן לאַנגע יאָהר נאָך אַנאַנד טעגליך איבערגעקוסט זיי אימער פון דאָס ניי, איבערקעהרענדיג פון איין ליפּ אויף די אַנדערע, — יענע קוסען, אָך, ער האָט זיי שוין — דאָס זעהט זי, די אָרעמע, אַלץ מעהר און מעהר איין — לאַנג, לאַנג פערגעסען און זיינע פּראָזאַאיש־געוואָרענע ליפּען זיינען

איצט מעהר און נאָהענטערע קרובים מיט'ן ציבוק פון דער פּיפּקע ווי מיט איהר, הילדען, מיט איהר און איהר אונפּערגעסליכען תּנאים פון פאַר צעהן יאָהרען...

און — אָרעמער, בלינדער אידעאַליזמוס! — דאָ איז פאַראַן נאָך אַנאַנדער צרה.

פאַר צעהן יאָהרען, אין דער צייט פון איהר עלית נשמה, האָט זי איהר העלד, איהר גאָט געזעהען ניט נור אין זיעבעטען הימעל, נור אליין — בגפו — אָהן אימיצען ביי זיין טיש. און טאַקע ווי קומט אַ גאָט צו האָבען אַ ווייב? העכסטענס איז לעבען איהם דענקבאַר אַן אונבעפלעקטע יונגפרוי, אַ הילדאַ־מאַריאַ, אַ נשמה, וואָס קען און וועט קיינמאָל ניט האָבען קיין שום שייכות מיט אַנאַנדערן ווי אַ רוח הקדש; העכסטענס, קען מען זיך אַרום אַ גאָט פאָרשטעלען אַ פמליא של מעלה, דאָס הייסט אַ פאַמיליע פון לויטער געפליגעלטע מלאכים; אָבער אַ גאָט מיט אַ פרוי, און אַ פרוי אַ פּשוט'ען בשר ודם, וואָס קאָכט און באַקט; אַ גאָט מיט קינדער, אפילו געשטאָרבענע, — דאָס וואָלט קיין הילדאַ אין דער וועלט זיך ניט קענען פאָרשטעלען.

און דאָ גלייך ביים ערסטען צוזאַמענשטויס פון דעם מיידעלשען אידעאַליזמוס מיט די רויהע, גראָבע, וואָכעדיגע ווירקליכקייט, וויזט זיך אַרויס, אַז... פערקנייטשט איין פינגער... אַז

ע ר ס ט ע נ ס, איז דאָ אַ ווייב, אַ געוויסע מרה־שחורה'דיגע אלינאַ, מיט פליכטען און קריסטליכע מדות א. אז. וו.

צ ו וי י ט ע נ ס — פערקנייטשט נאָך אַ פינגער — אַז דיעזע אלינאַ האַלט זיך פאַר איהר גאָט'ס בעל־הבית'טע און האָט איהם כסדר אין די גערדאַנקען, פונקט ווי ער איהר האָט אויפ'ן געוויסען... דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלעס: קנייטשט און צעהלט ווייטער:

ד ר י ט ע נ ס, איז פון דער דאָזיגער אלינאַ שוין דערפאַר אליין שווער צו עמאַנציפּירען דעם גאָט, ווייל זי איז פריינדליך און העפליך און וואָס מען רופט אויף טייטש צופאָרקאָמענד. וואָלט זי געזידעלט, וואָלט דער עסק אַ סך לייכטער געוועזען, ווי

עס איז לייכטער צו קעמפפען גענען דעם בייזען ווינד ווי גענען די פריינדליכע אָבער וואַרעמע שטראַהלען פון דער זון.

פ י ע ר ט ע נ ס , איז דער גאָט אַזוי שוואַך לגבי די וואָס בוקען זיך פאַר איהם און אַזוי שטייף לגבי די וואָס זיינען מורד אין איהם, אַז ער גלעט איבער'ן בעקעלע אַ קאַיאַ פּאַסלי, וועלכע ער ליעבט ניט און ער טרעט אונטער די פיס אַ ראַגנאַר בראַוויק, וועלכען ער האַסט גאָר ניט.

פינפטענס, זעקסטענס, זיעבעטענס און אַזוי ווייטער ביז עס בלייבט שוין ניט מעהר קיין פינגער צו קנייטשען, איז דער גאָט נאָך מענשליכער ווי ביי די גריעכען יופּיטער בן קראָנאָס מימות עולם ושנים קדמוניות. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז סאָלנעס האָט זיך צוריקגעקעהרט צו דער ערד פון וואַנען ער שטאַמט און אַז דאָ שטעהט פאַר הילדען פאַר אַזאַ אַרבייט, פאַר וועלכער הערקולעס אַליין וואָלט זיך פערטראַכט.

אָבער זי פערצווייפעלט ניט. ניט הילדאַ! אָה, ניין!

אמת, זי וועט סאָלנעס'ען ניט אָבנעהמען פון אַלינען. „וואָס איך וואָלט געקענט טאָן גענען אַ פרעמדע פרוי, זאָגט זי, קען איך ניט טאָן גענען איינע, וואָס איך קען, וואָס האָט מיך פריינדליך אַריינגענומען אונטער איהר דאַך.“ אפילו ווען אויך נור אַלס פליכט, נור ווייל זי האָט „געמוזט“.

יאַ, זי וועט איהם פיזיש געוויס ניט אוועקנעהמען פון זיין ווייב, אָבער זי וועט איהם עמאַנציפּירען פון זיך אַליין, זי וועט אויסלעזען סאָלנעס דעם העלד, דעם גאָט, פון דעם גלות, אין וועל־כען ער געפינט זיך ביי סאָלנעס דעם מענשען, דעם קליינליכען מענשען מיט דער פּיפּקע אין מויל, מיט די קאָפּ אַראָבגעלאָזען. מיט די פיס אין אַלטע אש פון אַ פערגעסענע שרפה.

און זי נעהמט זיך צו דער אַרבייט.

צום גליק, אָדער צום אונגליק ווערט אָקאָרשט געענדיגט דער בנין פון אַ נייע הויז, וואו עס איז דאָ אַ הויכער טורעם, מיט אַ הויכען שפּיץ. מאָרגען דאַרף אויף דעם טורעם אויפגעהאַנגען ווערן אַ בלומענקראַנץ. הילדאַ בעשליסט, אַז דאָס מוז ע ר טאָן, ער,

איהר סאָלנעס, דער אמאָליגער. הויך, הויך, הימעל־הויך מוז ער ארויפשטייגען, ער, מיט'ן קראַנץ אין דער האנד, מיט די געדאַנקען — זיינע און איהרע — אין דער הויך, זעהר הויך, דאָרטען וואו די אטמאָספערע איז ריין און פריש און קלאָר און אייביג־קינדיש, אייביג עהרליך, אייביג זויבער... ארויף מוז ער, אהין מוז ער! און ווידער אמאָל ועט זי איהם זעהן אויפ'ן גאַניקעל ארום דעם שפּיץ, דערהויבען און ערהאבען, און ווידער אמאָל וועט זי הערען יענעם וואונדערבאַרען פאר־צעהן־יאָהריגען געזאַנג אין דער לופט...

שווער און לאנגזאם געהט די ארבייט, אָבער זי געהט.

ביסלעכווייז, צאָלווייז הויבט איהם זיין גוטע פעע אלץ מעהר ארויף, אלץ מעהר ארויס פון דעם זומפּ אין וועלכען ער האָט געהאַלטען ביין פערזונקען ווערען פאר איהר קומען. זיין גייסט שטעהט לאנגזאם, פּאמעלאך אויף תחית המתים. אין סאָלנעס'עס הארצען פאנגט אָן זיך צו רעגען א געפיהל פון ליידענשאפטליכער ליעבע צו דער גוטער פעע, וועלכע ער האָט אין אָנהויב גאָר ניט פערשטאנען. אין זיין ברוסט וואקסט ביסלעכווייז אוים א וואונש זיך צו בעפרייען פון דעם טויט, צו וועלכען ער איז צוגעבונדען.

מיט איין פינגערל פון איהר האנד, מיט איין שמייכעלע אויף איהרע ליפּען, מיט איין רעגונג פון איהר גרויסע, טיעפע אמונה אין זיין געטליכקייט, אין זיין העלדישקייט הויבט זי איהם אויף אזוי הויך, אז ער וואגט זיך שוין אויף די סטאָלבאָוואניע פונ'ם טורעם, קלעטערענדיג אלץ העכער און העכער מיט'ן קראַנץ איבער'ן אָרעם, מיט איהר ליעבע פאר די אויגען... חוץ וואָס זי הויבט איהם ארויף פון אנאנדער זומפּ: זי צווינגט איהם ענדליך צו געבען זיין געשריבענע הסכמה אויף ראגנאר'ס פּלאַן פאר די יונגע פאָר פאָלק.

הורראה! דער אלטער, דער אמאָליגער, גרויסער בוימייסטער סאָלנעס! אָט איז ער שוין אויפ'ן טורעם, אונגעשטערט פון די אנגסט־געשרייען פון זיין גוטע, קליינליכע פרוי, אונגעהינדערט פון דעם שפּאָט פון דער אונגלויביגער מאסע, צווישען וועלכע עס הערט

זיך דער שפּאָט פון ראַגנאַר בראָוויק אַם מייסטען, אונגעהינדערט פון די אייגענע אַנגסט אין דער שוואַכער ברוסט, וועלכע וואָלט פּלאַצען אויפ׳ן אָרט, ווען ניט, אין געדאַנקען, הילדאַ׳ס פּעס־טע אומאַרמונג, ווען ניט הילדאַ׳ס פּאַנצער און איהר שילד איבער דער דאָזיגער ברוסט.

ער שטייגט און שטייגט. ער איז שוין אויבען. אָבער... עס זיינען דאָ זאַכען, גוטע הילדאַ, וואָס מען קען מעהר ווי א י י נ ־ מ אָ ל ניט טאָן אויב זיי זיינען א י ב ע ר ד י כ ח ו ת. אפילו א „פּאַוסט“ ביי געטהע וויעדערהאָלט זיך ניט, קריעת ים סוף ביי משה׳ן וויעדערהאָלט זיך ניט, און ווען שלמה פּרובירט טאָן דאָס וואָס ער האָט זיך געקענט ערלויבען גלייך ווי ער האָט פון גאָט געקראָגען זיין דיפּלאָם אויף חכמה, ווערט ער א ניזק.

סאָלנעס קען איצט ניט מעהר טאָן וואָס איהם האָט זיך איינ־געגעבען מיט צעהן יאָהר צוריק און ווען ער דערגרייכט דעם סאַמע שפּיץ, פאַלט ער אַרונטער און ווערט געהרג׳עט...

פון דעסטוועגען, הילדאַ פאַלט ביי זיך ניט אַראָב. דער גע־הרג׳עטער גאָט איז איהר נאָך אימער ליעבער ווי דער לעבעדיגער מענש און בשעת ער פאַלט און זיין פרוי יאָמערט, און אַנגסט־געשרייען הערען זיך פון אַלע זייטען, זעהט הילדאַ נור דעם ש ט י י ג ע ן פון איהר העלד, הערט זי דעם געזאַנג און די האַרפען אין דער לופט, און מיט ענטציקונג רופט זי אויס:

„מיין, מיין בוימייסטער!“

זי האָט געזיעגט, די ליעבע האָט געזיעגט!

דער בוימייסטער

פערזאנען:

האלווארד סאלנעס, בוי־מייסטער.

אלינא סאלנעס, זיין פרוי.

דר. הערדאל.

קנוט בראוויק, א געוועזענער ארכיטעקט, איצט בעשעפטיגט ביי סאלנעסען.

ראגנאר בראוויק, זיין זוהן, א צייכנער.

קאיא פאסלי, זיין פלימעניצע, א בוכהאלטערין.

פרייליין הילדע וואנגעל.

אייניגע דאמען.

אן עולם אין גאס.

די האנדלונג קומט פאר אין און ארום סאלנעס'עס הויז.

ערשטער אקט

אַן איינפאַך־מעבלירטעס אַרבייט־צימער ביי ה אַ ל ו ו אַ ר ד ס אָ ל נ ע ס אין הויז. פון לינקער זייט, פליגעל־טירען צום פאָרצימער. פון רעכטער זייט, אַ טיר, וואָס פיהרט אין די אינווייניגסטע צימערען פון הויז. פון דער הינטערשטער וואַנד, אַן אָפענע טיר אין אַ צימער וואו עס אַרבייטען די צייכנער. פון פאָרענט, לינקס אַ שרייבטיש מיט ביכער, פאַפּירען און שרייב־מאַטעריאַל. ווייטער הינטער די טירען אַן אויוועון. אין ווינקעל פון רעכטער זייט, אַ זאָפע, אַ טיש און אַ שטוהל אָדער צוויי. אויפ'ן טיש, אַ פלאַש מיט וואַסער און אַ גלאָז. פון פאָרענט, רעכטס אַ קליין טישעל, אַ שאָקעל־שטוהל און אַ לעהנשטוהל. אָנגעצונדענע לאָמפּען מיט אַבאַזשורען אויפ'ן טיש ביי די צייכנער, אויפ'ן טיש אין ווינקעל און אויפ'ן שרייבטיש.

אין צימער פון די צייכנער זיצען ק נ ו ט ב ר אָ ו ו י ק און זיין זוהן ר אַ ג נ אַ ר, פערנומען מיט פלענער און רעכענונגען. ביים שרייב־טיש שטעהט ק אַ י אַ פ אָ ס ל י, שרייבענדדיג אין קאָנטאָ־בוך. קנוט בראָוויק איז אַן אַלטער, מאָגערער מאַן מיט ווייסע האָר און באָרד. ער טראָגט אַן אַלטען, אָבער ריינעם, שוואַרצען סורדוט, ברילען און אַ פערגעלטען ווייסען האַלזטוך. ראַגנאַר בראָוויק איז אַ בלאָנדער, גוט־געקליידעטער יונגערמאַן, אין די דרייסיגער, אַ ביסעל איינגעבויגען. קאַיאַ פאָסלי — אַ יונג מיידעל פון איבער 20 יאָהר, צאַרט, מיט אַ קראַנקליכען אויסזעהען, געקליידעט איינפאַך און ציכטיג. זי טראָגט אַ גרינעם דאַשעק איבער די אויגען. אַלע דריי אַרבייטען אַ ווײלע שטילערהייד.

ק נ ו ט ב ר אָ ו ו י ק: (גיט זיך מיט אַמאָל אַ הויב פון טיש ווי פערצווייפעלט; ער אָטעמט שווער, קומענדיג נעהענטער צו דער טיר) ניין, איך קען דאָס שוין מעהר ניט אַריבערטראָגען.

ק א י א: (צוגעהענדיג צו איהם) דו פיהלסט זיך היינט אבענד זעהר שלעכט, ניט אמת, אנקעל?

בראוויק: אה, עס זעהט אויס, אז מיר ווערט ערגער פון טאג צו טאג.

ראגנאר: (הויבט זיך אויף און געהט צו צו איהם) דו וואלסט בעסער אהיים געגאנגען, פאטער. פרוביר זיך דורכשלא־פען —

בראוויק: (אונגעדולדיג) אפשר זיך לעגען אין בעט? דו ווילסט, איך זאל דערשטיקט ווערען, א?

ק א י א: געה־זשע אביסעל שפאצירען.

ראגנאר: טאקע אזוי. איך וועל אויך געהן מיט דיר.

בראוויק: (האסטיג) איך געה ניט ביז ער וועט קומען! איך האב בעשלאסען היינט אבענד זיך אויסצוטענה'ן מיט — (מיט א טאן פון פערשטיקטער ביטערקייט) — מיט איהם — מיט דעם פרינציפאל.

ק א י א: (מיט אנגסט) אה, ניין, אנקעל — ווארט דאך א ביסעל איידער דו טוסט דאס!

ראגנאר: טאקע, פאטער, ווארט בעסער צו.

בראוויק: (אטעמט שווער) הא — הא —! איך האב ניט פיעל צייט צו ווארטען.

ק א י א: (זיך צוהערענדיג) שש! איך הער איהם געהן אויף די טרעפ. (אלע דריי געהען צוריק צו דער ארבייט. א קורצע פאוזע.)

האלווארד סאלנעס: (קומט אריין פון פארדער־צימער. ער איז א מאן אין די מיטעלע יאהרען, געזונד און שטארק געבויט, מיט קורץ־געשארענע, געגרייזעלטע האר, א טונקעלען שנור־בארד און געדיכטע ברעמען. ער טראגט א גרויליך־גרינעם ראק, פער־קנעפעלט, מיט א שטעהענדיגען קאלנער און ברייטע לאצען. אויפ'ן קאפ א ווייכער גרויער הוט און א פאר פארטפאליעס אונטער זיין ארעם.)

סאלנעס: (שטעהענדיג נעבען טיר און ווייזענדיג מיט'ן

פינגער אויף דעם צימער פון די ציובנער, שטילערהייד) זיינען זיי שוין אוועק?

ק א י א : (ווייך, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ) ניין.

(זי נעהמט אַראָב דעם דאַשעק פון איבער די אויגען. ס אָ ל נ ע ס געהט דורך דעם צימער, גיט אַ וואָרף זיין הוט אויף אַ שטוהל, לעגט די פּאָרטאָפּאָליעס אויפ׳ן טיש ביי דער זאָפע, און געהט צו צום שרייב־טיש.)

ק א י א : (זעצט פאָרט איהר שרייבען, נור זי זעהט אויס נערוועז און צוטראָגען).

ס אָ ל נ ע ס : (אין דער הויך) וואָס פערשרייבט איהר דאָס, פריילין פּאָסלי?

ק א י א : (גיט זיך אַ וואָרף) אָה, עס איז נור עפּעס, וואָס...

ס אָ ל נ ע ס : לאָזט מיר אַ קוק טאָן, פריילין פּאָסלי. (בויגט זיך צו צו איהר, מאַכט זיך אַז ער קוקט אין בוך און זאָגט שטי־דערהייד) קאַיאַ!

ק א י א : (ווייך, פאַרטזעצענדיג דאָס שרייבען) וואָס איז?

ס אָ ל נ ע ס : וואָרום נעהמט איהר אימער אַרונטער דעם דאַשעק, ווען איך קום אַריין?

ק א י א : (אין זעלבען טאָן ווי פריהער) ווייל מיט איהם זעה איך אויס העסליך.

ס אָ ל נ ע ס : (שמייכלענדיג) אזוי, ווילט איהר, הייסט עס, ניט אויסזעהן העסליך, קאַיאַ?

ק א י א : אין קיין פאַל ניט. ניט אין א י י ע ר ע אויגען.

ס אָ ל נ ע ס : (גלעט ליובט איהרע האָר) אָרעמע, אָרעמע קאַיאַלע.

ק א י א : (אַנבויגענדיג דעם קאָפּ) שש! זיי קענען נאָך דערהערען.

ס אָ ל נ ע ס : (שפּאַצירט אַרום אויף דער רעכטער זייט פון צימער, דרעהט זיך אום און שטעהט אַ ווײַלע ביים צימער פון די ציובנער) האָט איך דאָ אימיצער נאָכגעפרעגט אויף מיר?

ר א ג נ א ר : (הויבט זיך אויף) יאָ, דאָס יונגע פּאָר פאָלק, וואָס ווילען זיך לאָזען בויען א ווילא נעבען לאָווסטראַנד.

ס אָ ל נ ע ס : (ברומענדיג) אה, יענע צוויי! זיי מוזען ווארטען. איך בין נאָך אליין ניט זיכער וועגען דעם פלאַן.

ר א ג נ א ר : (קומענדיג נעהענטער, איינגעהאַלטען) זיי האָבען געוואָלט באַלד זעהן די צייכנונגען.

ס אָ ל נ ע ס : (ווי פריהער) נו יאָ, פערשטעהט זיך, זיי אַלע ווילען אַלץ אויף גיך.

ב ר אָ ו ו י ק : (אַרויפקוקענדיג) זיי זאָגען, זיי וואָלטען שוין זעהר וועלען אריינציהען אין אן אייגענער היים.

ס אָ ל נ ע ס : יאָ, יאָ — דאָס ווייסען מיר! דעריבער זיינען זיי צופריעדען צו נעהמען וואָס עס מאַכט זיך. זיי בעקומען א דאך איבער זייערע קעפּ — אן אדרעס, אָבער ניט וואָס מען קען רופען א היים. ניין, איך דאַנקע! אויב אזוי, לאָזען זיי געהן ערגעץ אנדערסוואו. זאָגט זיי דאָס, ווען זיי וועלען נאָך אמאָל קומען.

ב ר אָ ו ו י ק : (רוקט אַרויף די ברילען אויפ'ן שטערען און קוקט אויף איהם פארוואונדערט) ערגעץ אנדערס. זייט איהר בערייט אויפצוגעבען די ארבייט?

ס אָ ל נ ע ס : (אונגעדולדיג) יאָ, יאָ, דער טייפעל זאָל דאָס נעהמען! אויב עס מוז אזוי זיין — בעסער דאָס, איידער בויען אָהן א שום טאַלק. (אַרויספּלאַצענדיג) און דאן קען איך נאָך די לייטע זעהר ווינציג.

ב ר אָ ו ו י ק : די לייטע זיינען זיכער גענוג. ראַגנאַר קען זיי. ער איז דאָרט אן איינגעהער אין הויז. גאַנץ זיכערע מענשען.

ס אָ ל נ ע ס : אָה, זיכער — זיכער! ניט דאָס בין איך אויסען. מיין גאָט — פערשטעהט איהר מיך אויך ניט? (מיט כעס) איך וועל גאָר ניט האָבען צו טאָן מיט די פ ר ע מ ד ע מענשען. פון מיינטוועגען מעגען זיי זיך ווענדען צו וועמען זיי ווילען.

ב ר אָ ו ו י ק : (זיך אויפהויבענדיג) מיינט איהר דאָס ווירקליך?

ס אָ ל נ ע ם : (בלאָזט זיך) יא, געווים — זאָל דאָס מאָל זיין אזוי. (שפּאַציערט איבער'ן צימער.)

ב ר אָ ו ו י ק : (וואַרפט זיך איבער מיט אַ בליק מיט ראַגנאַ־רען, וועלכער מאַכט אַ ווארנונגס־צייכען. דאַן קומט ער אַרוים אין פאָדערשטען צימער) קען איך מיט אייך רעדען עטליכע ווערטער?

ס אָ ל נ ע ם : געווים.

ב ר אָ ו ו י ק : (צו קאַיאַ'ן) געה אריין אהין אויף אַ ווײַלע, קאַיאַ.

ק אַ י אַ : (אונרוהיג) אה, אָבער אָנקעל —

ב ר אָ ו ו י ק :טו, ווי איך היים דיר, מיין קינד, און פערמאַך די טיר הינטער זיך.

(קאַיאַ געהט אַהן חשק אין צימער פון די צייכנער, זעהט אָן סאָלנעסען בעטענדיג און מאַכט צו די טיר.)

ב ר אָ ו ו י ק : (שטילער) איך וויל ניט אז די אָרעמע קינדער זאָלען וויסען, ווי קראַנק איך בין.

ס אָ ל נ ע ם : יא, איהר זעהט זעהר שלעכט אויס די לעצטע צייט.

ב ר אָ ו ו י ק : באלד וועל איך איינגאַנצען ניט זיין אויף דער וועלט. מיינע כחות געהען אוים פון טאָג צו טאָג.

ס אָ ל נ ע ם : זעצט זיך.

ב ר אָ ו ו י ק : איך דאַנק אייך — אויב איהר ערלויבט.

ס אָ ל נ ע ם : (אַוועקשטעלענדיג דעם לעהנשטוהל בעקוועמער) אָט דאָ, ביטע. נו?

ב ר אָ ו ו י ק : (זעצט זיך שווערליך) דאָס וויל איך מיט אייך רעדען וועגען ראַגנאַרען. עס ליעגט מיר אַ לאַסט אויפ'ן קאָפּ. וואָס וועט פון איהם ווערען?

ס אָ ל נ ע ם : נו, נאַטירליך, בלייבט ער ביי מיר אזוי לאַנג ווי ער וויל נור אַליין.

ב ר אָ ו ו י ק : דאָס איז טאַקע וואָס איהם געפעלט ניט. ער פיהלט, אז ער קען מעהר ביי אייך ניט פערבלייבען.

ס אָ ל נ ע ס : פאַר וואָס? מיר דאכט, עס געהט איהם דאָ גאַנץ גוט, אויב ער וויל מעהר געהאַלט וועל איך גערן...

ב ר אָ ו ו י ק :ניין, ניין, ניט דאָס איז דער עיקר. (אונגעדולדיג) פריהער אָדער שפּעטער מוז ער דאָך אויך האָבען די מעגליכקייט צו טאָן עפּעס זעלבסטשטענדיג.

ס אָ ל נ ע ס : (ניט קוקענדיג אויף איהם) דענקט איהר, אַז ראַגנאַר האָט גענוג טאַלאַנט צו ארבייטען זעלבסטשטענדיג?

ב ר אָ ו ו י ק : ניין, אָט דאָס איז טאַקע דער אומגליק — איך האָב אָנגעהויבען צווייפלען אין דעם יונג, ווייל איהר האָט נאָך קיין מאָל קיין איין גוט וואָרט ועגען איהם ניט געזאָגט. און דאָך, שיינט מיר, אז אין איהם זאָל עפּעס זיין — עס איז אונמעגליך, אז ער זאָל גאָר קיין טאַלאַנט ניט האָבען.

ס אָ ל נ ע ס : אָבער ער האָט נאָך גאָרנישט געלערנט — אויסער, נאַטירליך, צו צייכנען.

ב ר אָ ו ו י ק : (קוקט אויף איהם מיט פערבאָרגענעם האַס און זאָגט הייזערדיג) א י ה ר האָט זעהר ווייניג געלערנט, ווען איך האָב אייך בעשעפטיגט. דאָך האָט דאָס אייך ניט צוריקגעהאַלטען פון נעהמען זיך צו דער ארבייט — (אָטעמט שווער) שטייגען הויך, און אַרויסנעהמען דעם ווינד פון מיינע זעגלען — פון מיינע — און פיעלע אַנדערע.

ס אָ ל נ ע ס :יא, זעהט איהר — מ י י נ ע אומשטענדען זיינען געוועזען גינסטיגע.

ב ר אָ ו ו י ק : דאָ זייט איהר גערעכט. דער שיקזאַל איז געווען גוט צו אייך. אָבער ווי האָט איהר דאָס הארץ צו לאָזען מיך אוועקגעהן פון דער וועלט — ניט האָבענדיג געזעהען וואָס ראַגנאַר קען אויפטאָן? און דאן וואָלט איך טאַקע זעהר וועלען זיי זעהען פערהייראַטעט — איידער איך שטאַרב.

ס אָ ל נ ע ס : (שאַרף). הייסט עס, זי וויל דאָס אזוי?

ב ר אָ ו ו י ק : ניט אזוי קאַיא ווי ראַגנאַר. ער רעדט ווע־

גען דעם יעדען טאָג. (בעטענדיג) אָה, איהר מוזט — איהר מ ו ז ט איהם העלפען קריגען עפּעס זעלבסטשטענדיגע ארבייט! איך מ ו ז זעהן וואָס דער יונג קען אויפטאָן. איהר הערט?

ס אָ ל נ ע ס : (צורייצט) איהר קענט דאָך ניט ערוואַרטען אַז איך זאָל איהם קריגען בעשטעלונגען פון דער לבנה!

ב ר אָ ו ו י ק : איצט האָט ער גראָד אַ געלעגענהייט צו קריגען אַ גוטע בעשטעלונג, אַן אויסגעצייכענטע שטיקעל אַר־בייט.

ס אָ ל נ ע ס : (אונרוהיג און צומישט) האָט ער ווירקליך?

ב ר אָ ו ו י ק : ווען א י ה ר זאָלט געבען אייער צושטימונג.

ס אָ ל נ ע ס : וואָס פאַר אַן ארבייט מיינט איהר?

ב ר אָ ו ו י ק : (אַ ביסעל צוריקגעהאַלטען) ער קען קריגען צו בויען יענע ווילאַ ביי לאַווסטראַנד.

ס אָ ל נ ע ס : יענע! אָבער יענע וויל איך דאָך אַליין בויען!

ב ר אָ ו ו י ק : אָה, אָבער איהר ווילט דאָך דאָס ניט זעהר שטאַרק.

ס אָ ל נ ע ס : (ווערענדיג אויפגערעגט) איך וויל דאָס ניט! איך! ווער וואָגט דאָס צו זאָגען?

ב ר אָ ו ו י ק : איהר האָט דאָס ערשט אַליין געזאָגט.

ס אָ ל נ ע ס : אָה, קימערט זיך ניט וועגען דעם וואָס איך ז אָ ג. — וואָלטען זיי דען געגעבען ראַגנאַרען די אַרבייט?

ב ר אָ ו ו י ק : יאָ. פערשטעהט איהר מיך, ער קען די פאַמיליע. און דאַן האָט ער — נור אַזוי צום שפּאַס — געמאַכט צייכנונגען, אויסרעכענונגען און אַזוי ווייטער —

ס אָ ל נ ע ס : זיינען זיי צופריעדען מיט די צייכנונגען? איך מיין די מענשען, וואָס דאַרפען דאָרט וואָהנען?

ב ר אָ ו ו י ק : יאָ, ווען איהר זאָלט זיי נור דורכקוקען און זאָגען אַז זיי זיינען גוט.

ס אָ ל נ ע ס : דאַן וואָלטען זיי געלאָזט ראַגנאַרען בויען זייער היים?

ב ר אָ ו ו י ק : זיי זיינען זעהר צופרידען מיט זיין פּלאַן. זיי האַלטען עס פאר גאַנץ אָריגינעל.

ס אָ ל נ ע ס : אהא ! אָריגינעל ! ניט די אַלטמאָדישע זאַכען, וואָס א י ך ברייננ געוועהנליך ארוים.

ב ר אָ ו ו י ק : עס האָט זיי געשיינט צו זיין א נ ד ע ר ס.

ס אָ ל נ ע ס : (מיט איינגעהאַלטענע אויפגערעגטקייט) הייסט עס, זיי זיינען געקומען אהער צו ראַגנארען — ווען איך בין דאָ ניט געוועז !

ב ר אָ ו ו י ק : זיי זיינען געקומען צו א י י ך — און צו דערזעלבער צייט, נאַכצופרעגען אויב איהר ווילט זיך ניט צוריק־ציהען —

ס אָ ל נ ע ס : (מיט כעס) צוריקציהען זיך ! איך !

ב ר אָ ו ו י ק : אין פאַל איהר וואָלט דענקען, אז ראַגנאר׳ס צייכנונגען . . .

ס אָ ל ע נ ס : איך ! צוריקציהען זיך פון אייער זוהנ׳ס וועגען !

ב ר אָ ו ו י ק : זיי האָבען געמיינט זיך צוריקציהען פון דעם אָבמאַך.

ס אָ ל נ ע ס : אָה, עס איז אַלץ איינס. (לאַכט מיט כעס) הייסט עס, אזוי איז דאָס, הא ? האלוואַרד סאָלענס דארף שוין זעהן זיך צוריקציהען ! מאַכען פּלאַץ פאר די יונגע ! פּיליכט פאר די גאָר יונגענקע ! ער דארף מאַכען פּלאַץ ! פּלאַץ ! פּלאַץ !

ב ר אָ ו ו י ק : ווארום דען, מיין גאָט ! עס איז דאָך זיכער דאָ פּלאַץ פאר מעהר ווי איין מענשען.

ס אָ ל נ ע ס : אָה, עס איז גאָר ניטאָ אזוי פיעל איבעריג פּלאַץ, ווי איהר מיינט. נור ווי די זאַך זאָל ניט זיין — איך וועל זיך קיין מאָל ניט צוריקציהען ! איך וועל קיין מאָל קיינעם קיין פּלאַץ ניט אָבטרעטען ! קיין מאָל ניט פרייוויליג ! קיין מאָל אין מיין לעבען וועל איך ד א ס ניט טאָן !

ב ר אָ ו ו י ק : (הויבט זיך אויף מיט מיה) דאן זאָל איך, הייסט עס, אוועקגעהן פון דער וועלט אָהן א שום געוויסהייט ? אָהן

א שיין פון גליק? אָהן א שום גלויבען און פערטרויען אין ראגנא־רען? ניט האָבענדיג געזעהן כאָטש איין שטיקעל ארבייט זיינע? מוז עס אזוי זיין?

סאָלנעם: (קעהרט זיך אום האַלב אָן אַ זייט און מורמעלט) ה'ם — פרעגט מיך אצונד נישט מעהר.

בראָוויק: אָבער איין זאַך ענטפערט מיר: מוז איך אוועק פון'ם לעבען אין אזא פאַלשטענדיגען דלות?

סאָלנעם: (שויגט צו קעמפּפען מיט זיך אליין; ענדליך זאָגט ער אין אַ שטילען אָבער בעשלאָסענעם טאָן) איהר מוזט אוועק פון לעבען אזוי גוט ווי איהר קענט.

בראָוויק: נו, זאָל זיין אזוי. (געהט דורכ'ן צימער).

סאָלנעם: (געהט איהם נאָך, האַלב פערצווייפעלט) פער־שטעהט איהר דען ניט, אז איך קען ניט אַנדערש? וואָס איך בין, בין איך, און איך קען מיין נאַטור ניט ענדערען!

בראָוויק: ניין, ניין, דאָס קענט איהר מסתמא ניט. (ער וואַקעלט און שפּאַרט זיך אָן אַ זאָפאַ־טיש) קען איך קריגען א גלאָז וואסער?

סאָלנעם: געוויס, געוויס! (גיסט אָן אַ גלאָז וואַסער און דערלאַנגט איהם).

בראָוויק: איך דאנק אייך (טרינקט און שטעלט צוריק אוועק די גלאָז).

סאָלנעם: (געהט צו און עפענט די טיר פון די צייכנער'ס צימער) קומט אריין און פיהרט אוועק אייער פאַטער אהיים.

(ראגנער הויבט זיך שנעל אויף. ער און קאיא קומען אריין אין ארבייט־צימער).

ראגנאר: וואָס איז געשעהן, פאַטער?

בראָוויק: גיב מיר דיין האַנד. איצטער קענען מיר געהן.

ראגנאר: גוט. און דו, קאיא, האָסט זיך אויך געראַפּט אָנטון און געהן.

ס אָ ל נ ע ם : פריילין פּאָסלי מוז דאָ בלייבען אַ ווײַלע. איך וויל זי זאָל אָנשרייבען אַ בריעף.

ב ר אָ ו ו י ק : (קוקט אויף סאָלנעסען) גוטע נאַכט. שלאָפט רוהיג — אויב איהר קענט.

ס אָ ל נ ע ם : גוטע נאַכט.

(ב ר אָ ו ו י ק און ר אַ ג נ א ר געהען אַרויס דורכ'ן פאָרדער־צימער. ק אַ י אַ געהט צו צום שרייב־טיש. ס אָ ל נ ע ם שטעהט מיט אַן אַרבעגעלאַזענעם קאָפּ ביי דער רעכטער זייט פון לעהנשטוהל).

ק אַ י אַ : (אונזיכער) מיינט איהר טאַקע אַ בריעף? —

ס אָ ל נ ע ם : (קורץ) ניין, געוויס ניט. (קוקט אויף איהר שטרענג) קאַיאַ!

ק אַ י אַ : (שטיל, מיט אַנגסט) נו?

ס אָ ל נ ע ם : (ווייזט אָן, בעפעהלענדיג, אויף אַ פּלאַץ) קומט אַהער! שנעל!

ק אַ י אַ : (ניט איילענדיג) יאָ.

ס אָ ל נ ע ם : (ווי פריהער) נעהענטער!

ק אַ י אַ : (פאָלגענדיג) וואָס ווילט איהר פון מיר?

ס אָ ל נ ע ם : (קוקט אויף איהר אַ ווײַלע) דאַרף איך עס א י ך דאַנקען פאַר דאָס אַלעס?

ק אַ י אַ : ניין, ניין, גלויבט עס ניט!

ס אָ ל נ ע ם : אָבער, זאָגט דעם אמת — איהר ווילט חתונה האָבען?

ק אַ י אַ : (ווייך) ראַגנאַר און איך זיינען פערלאָבט שוין פיער—פינף יאָהר, און דעריבער —

ס אָ ל נ ע ם : און דעריבער, דענקט איהר, איז שוין צייט, עס זאָל נעמען אַן ענדע. ניט וואַהר?

ק אַ י אַ : ראַגנאַר און דער אָנקעל זאָגען איך ז אָ ל. דענק איך, אַז איך וועל מוזען נאָכגעבען.

ס אָ ל נ ע ם : (עדעלער) קאַיאַ, האָט איהר ניט, אין גרונד גענומען, אַביסעל ליעב ראַגנאַרען?

ק א י א: איך האָב ראַגנאַרען אַמאָל זעהר ליעב געהאַט — איידער איך בין צו אייך געקומען.

ס אָ ל נ ע ס: אָבער איצט שוין ניט מעהר? גאָר אין גאַנ־צען ניט?

ק א י א: (לייַדענשאַפטליך, אויסשטרעקענדדיג צו איהם איהרע צוזאַמענגעלעגטע הענד) אָה, איהר ווייסט גאַנץ גוט אַז איצט איז דאָ נור איינער, וועמען איך ליעב! איין איינציגער אין דער גאַנ־צער וועלט. איך וועל שוין מעהר קיין מאָל קיין אַנדערען ניט ליעבען!

ס אָ ל נ ע ס: יאָ, איהר זאָגט אַזוי און דאָך געהט איהר אַוועק — און לאָזט מיך אַליין מיט אַזוי פיעל זאַכען אויף מיין קאָפּ.

ק א י א: אָבער, קען איך דען ניט בלייבען מיט אייך, אַפילו ווען ראַגנאַר —?

ס אָ ל נ ע ס: (צוריקוויַיזענדדיג דעם געדאַנק) ניין, ניין, דאָס איז אונמעגליך. אויב ראַגנאַר וועט מיך פערלאָזען און אָנ־פאַנגען אַרבייטען זעלבסטשטענדיג, דאַן וועט ער אייך געוויס אַליין דאַרפען.

ק א י א: (ברעכענדדיג די הענד) אָה, איך קען זיך פון אייך ניט שיידען! עס איז דורכאויס אונמעגליך!

ס אָ ל נ ע ס: אויב אַזוי, זעהט זשע, טרייבט אַרויס די נאַרישע געדאַנקען פון ראַגנאַרס קאָפּ. האָט זיך מיט איהם חתונה ווי פיעל איהר ווילט — (ענדערט דעם טאָן) איך מיין — לאָזט איהם ניט אַוועקוואַרפען די גוטע שטעלע, וואָס ער האָט ביי מיר, ווייל אַזוי קען איך א י י ך אויך האַלטען, ליעבע קאַיאַ.

ק א י א: אָה, יאָ, ווי גוט דאָס וואָלט געווען, ווען עס זאָל נור מעגליך זיין.

ס אָ ל נ ע ס: (נעהמט אַרום איהר קאָפּ מיט ביידע הענד. שטיל) ווייל איך ק ע ן אָהן אייך ניט זיין, איהר פערשטעהט. איך מוז אייך יעדען טאָג האָבען נעבען זיך.

ק א י א: (נערוועז ענטציקט) מיין גאָט! מיין גאָט!

ס אָ ל נ ע ס: (קושט איהרע האָאָר) קאַיאַ — קאַיאַ!

ק אַ י אַ: (זינקט ארונטער נעבען איהם) אָה, ווי גוט איהר זייט צו מיר! ווי אונבעשרייבליך גוט איהר זייט!

ס אָ ל נ ע ס: (היציג) שטעהט אויף! אום גאָטעס ווילען שטעהט אויף! מיר דאכט, איך הער אימעצען קומען!

(ער העלפט איהר אויפשטעהן. זי שלעפט זיך צו צום שרייב־טיש.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס קומט אריין פון טיר רעכטס. זי זעהט אויס מאָגער און אויסגעצעהרט פון צרות, אָבער עס זיינען אין איהר דאָ סימנים פון אַמאָליגער שעהנהייט. בלאָנדע לאָקען. געשמאַקפאָל געקליי־דעט אין גאַנצען אין שוואַרצען. רעדט שטיל און אין אַ וויינענדיגער שטימע.)

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: (אין טיר) האַלוואַרד!

ס אָ ל נ ע ס: (קעהרט זיך אום) דאָס ביסט דו, ליעבע —?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: (וואַרפענדיג אַ בליק אויף קאַיאַ'ן) איך האָב מורא, איך שטער איך.

ס אָ ל נ ע ס: דורכאויס ניט. פריילין פאָסלי האָט נור אַ קורצען בריעף צו שרייבען.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: יאָ, דאָס זעה איך.

ס אָ ל נ ע ס: וואָס ווילסט דו, אַלינאַ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: איך האָב דיר נור געוואָלט זאָגען, אַז דר. הערדאַל איז אין גאַסט־צימער. וועסט פילייכט אריינגעהן זיך זעהן מיט איהם, האַלוואַרד?

ס אָ ל נ ע ס: (קוקט אויף איהר מיט פערדאַכט) ה'ם — איז דער דאָקטאָר אַזוי שטאַרק גערן מיט מיר צו רעדען?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: נו, ניט גראָד זעהר שטאַרק, ער איז אייגענטליך געקומען צו מיר. אָבער, אַז ער איז שוין דאָ, וואָלט ער דיך אויך וועלען זעהן.

ס אָ ל נ ע ס: (לאַכט צו זיך אַליין) יאָ, וואַהרשיינליך. נו בעט איהם, ער זאָל וואַרטען אַ ווייל.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: ווערסט דו שפּעטער אריין קומען?

ס אָ ל נ ע ס: פיליכט, שפּעטער, שפּעטער, ליעבע אלינע, באלד.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: (וואַרפט נאָך אַ מאָל אַ בליק אויף קאַיאַ'ן.) נו, זאָלסט דו שוין ניט פערגעסען, האלווארד. (געהט אַרויס און פערמאַכט די טיר הינטער זיך.)

ק אַ י אַ: (ווייך) מיין גאָט, מיין גאָט — די גנעדיגע פרוי מוז אודאי האָבען עפּעס אַ שלעכטע מיינונג וועגען מיר!

ס אָ ל נ ע ס: אָה, ניט אַ האָאַר! ניט ערגער ווי אימער, יעדענפאַלס. אָבער בעסער געהט איצט אַוועק, קאַיאַ.

ק אַ י אַ: יאַ, יאַ, איצט מוז איך געהן.

ס אָ ל נ ע ס: (שטרענג) און געדענקט צו ברענגען אין אָרד־נונג יענע געשיכטע פאַר מיר, איהר הערט?

ק אַ י אַ: אָה, ווען עס וואָלט זיך נור ווענדען אָן מיר. —

ס אָ ל נ ע ס: איך ו ו י ל דאָס האָבען אין אָרדנונג גע־בראַכט, זאָג איך! און טאַקע מאָרגען — ניט איין טאָג שפּעטער!

ק אַ י אַ: (דערשראָקען) אויב עס קען אנדערש ניט זיין, בין איך בעריט צו מאַכען אַן ענדע מיט איהם.

ס אָ ל נ ע ס: (מיט כעס) אַן ענדע מאַכען? זענט איהר פערריקט? איהר ווילט גאָר מאַכען אַן ענדע?

ק אַ י אַ: (פערצווייפעלט) יאַ, אויב נויטהיג. ווייל איך מ ו ז — איך מ ו ז בלייבען מיט אייך! איך קען פון אייך ניט אוועקגעהן! דאָס איז גאָר — גאָר אונמעגליך!

ס אָ ל נ ע ס: (אַרויספּלאַצענדיג מיט אַ מאָל) אָבער צום טייוול — וואָס וועט דאַן זיין וועגען ראַגנאַרען! ראַגנאַר איז עס דאָך וועלכען איך...

ק אַ י אַ: (קוקט אויף איהם מיט צושראָקענע אויגען) הייסט עס, אַז די הויפּט זאַך איז צוליעב ראַגנאַר'ן וואָס איהר — וואָס איהר...

ס אָ ל נ ע ס: (ווערענדיג געלאַסענער) ניין, ניין, געוויס ניט! איהר פערשטעהט מיך אויך ניט. (עדעל און ווייך) געוויס זייט א י ה ר דאָס, וועמען איך וויל האַלטען — אייך הויפּטזעכליך,

קאיא. נור טאקע דערפאר מוזט איהר זעהן, אז ראגנאר זאָל ניט אוועקוואַרפען זיין שטעלע. נו — איצט געהט אהיים.

ק אַ י אַ : יאָ, יאָ, — אַ גוטע נאכט!

ס אָ ל נ ע ס : אַ גוטע נאכט. (ווי זי געהט אַוועק) אך! ווארט אַ ווײַלע! זיינען ראגנאר'ס צייכנונגען דאָרטען?

ק אַ י אַ : איך האָב ניט בעמערקט, ער זאָל זיי האָבען גענומען מיט זיך.

ס אָ ל נ ע ס : נו, געהט זשע אַריין און זוכט זיי מיר אויס. אפשר וועל איך זיי איבערקוקען.

ק אַ י אַ : (גליקליך) אָה, יאָ, איך בעט אייך, טוט עס!

ס אָ ל נ ע ס : פון אייערט וועגען, ליעבע קאַיאַ. נו, גיט־זשע מיר זיי גלייך!

ק אַ י אַ : (געהט געשווינד אריין אין צימער פון די צייכנער, זוכט מיט אַנגסט אין טיש־קעסטעל, נעהמט אַרויס אַ פאָרטפאָליע און ברענג עס אַריין) אָט דאָ זיינען אַלע צייכנונגען.

ס אָ ל נ ע ס : גוט. לעגט זיי דאָרט אַוועק אויפ'ן טיש.

ק אַ י אַ : (אַוועקלעגענדיג די פאָרטפאָליע) איצט, אַ גוטע נאכט. (מיט אַ טאָן פון געבעט) און דענקט וועגען מיר צו גוטען.

ס אָ ל נ ע ס : אָה, דאָס טוה איך אימער. אַ גוטע נאכט, ליעבע קאַיאַלע. (קוקט רעכטס) נו, איצט געהט, געהט שוין!

(פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס און ד ר. ה ע ר ד ע ל קומען אריין דורך די טיר רעכטס. ער איז אַן עלטערער, דיקער מאַן מיט אַ רונדען, גוטען געזיכט, ראַזירט, מיט דינע, העלע האָר און גאָלדענע ברילען).

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (נאָך אַלץ שטעהענדיג אויפ'ן שוועל) האלווארד, איך קען דעם דאָקטאָר שוין לענגער ניט פערהאַלטען.

ס אָ ל נ ע ס : נו ,קומט אריין דאָ.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (צו קאַיאַ'ן, וועלכע פערדרעהט דעם לאָמפּ אויפ'ן שרייב טיש) האָט איהר שוין אָנגעשריבען דעם בריעף, פרייליין פאָסלי?

ק אַ י אַ : (צומישט) דעם בריעף — ?

ס אָ ל נ ע ס : יאָ, עס איז געוועזן אַ גאַנץ קורצער.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : ער האָט געמוזט זיין זעהר קורץ.

ס אָ ל נ ע ס : איצט קענט איהר געהן, פריילין פּאָסלי, און קומט אין צייט מאָרגען פריה.

ק אַ י אָ : געוויס וועל איך קומען אין צייט. א גוטע נאַכט, גנעדיגע פרוי. (זי געהט אַרויס דורכ'ן פאָרדערצימער.)

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : דו מוזט זיין זעהר צופריעדען מיט איהר, האלווארד, — מיט פריילין פּאָסלי.

ס אָ ל נ ע ס : יאָ, ווירקליך. זי איז נוצליך אין פערשיע־דענע הינזיכטען.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אזוי זעהט עס אויס.

ד ר. ה ע ר ד ע ל : איז זי א גוטע בוכהאַלטערין אויך?

ס אָ ל נ ע ס : נו געוויס, עפּעס פּראַקטיקע האָט זי דאָך גע־האַט אין די צוויי יאָהר. און דאן איז זי אזוי גוטמוטיג און גע־האָרכזאם.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : יאָ, דאָס מוז זיין זעהר אנגענעהם —

ס אָ ל נ ע ס : יאָ. בפרט ווען מען איז ניט געוועהנט דערצו.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (מיט מילדען פאָרוואורף) האלווארד, קענסט דו דאָס זאָגען?

ס אָ ל נ ע ס : אָ, ניין, ניין, ליעבע אלינע; פערצייה מיר.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : עס מאַכט ניט אויס. נו, דאָקטאָר, וועט איהר קומען טהיי טרינקען מיט אונז?

ד ר. ה ע ר ד ע ל : איך דאַרף נור איין קראַנקען בעזוכען, און דאן קום איך צוריק.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : איהר זייט זעהר ליעבענסווירדיג. (זי געהט אַרויס דורך די טיר רעכטס.)

ס אָ ל נ ע ס : איהר איילט זיך, דאָקטאָר?

ד ר. ה ע ר ד ע ל : ניין, דורכאויס ניט.

ס אָ ל נ ע ס : קענען מיר זיצען און שמועסען אביסעל?

ד ר. ה ע ר ד ע ל : מיט דעם גרעסטען פערגעניגען.

ס אָ ל נ ע ס : לאָמיר זעצען זיך אנידערזעצען. (ווייזט דעם

דאָקטאָר אויף דעם שאָקעל־שטוהל און אליין זעצט ער זיך אין לעהנ־שטוהל; מיט אַ פאַרשענדעץ בליק) זאָגט, האָט איהר עפּעס בעמערקט אויף אלינען?

ד ר. ה ע ר ד ע ל: איהר מיינט נאָר־וואָס, ווען זי איז דאָ געוועזן?

ס אָ ל נ ע ס: יאָ. אין איהר בענעהמען צו מיר. האָט איהר גאָרניט געמערקט?

ד ר. ה ע ר ד ע ל: (שמייכלענדיג) נו, הערט — דאָס מוז יעדערער מערקען. אייער פרוי — ה'ם —

ס אָ ל נ ע ס: נו?

ד ר. ה ע ר ד ע ל: אז אייער פרוי איז ניט שטאַרק פערליעבט אין דיעזער פריילין פאָסלי.

ס אָ ל נ ע ס: איז דאָס אַלעס? ד אָ ס האָב איך אויך בעמערקט.

ה ע ר ד ע ל: און עס איז מיר אייגענטליך קיין וואונדער ניט.

ס אָ ל נ ע ס: וואָס איז אייך ניט קיין וואונדער?

ה ע ר ד ע ל: וואָס זיא איז ניט שטאַרק צופריעדען, אז איהר זאָלט גאַנצע טעג נעבען זיך האָבען אַן אנדער פרויענצימער.

ס אָ ל נ ע ס: נו, אין דעם, קען זיין, זייט איהר גערעכט. און אַלינע אויך. אָבער ד אָ ס — דאָס קען אנדערש ניט זיין.

ה ע ר ד ע ל: קענט איהר דען ניט קריגען קיין בוכהאַלטער?

ס אָ ל נ ע ס: דעם ערשטען־בעסטען וואָס וואָלט זיך מאַכען? ניין, א דאנק אייך — דערמיט קען איך קיינמאָל ניט זיין איינ־שטימיג.

ה ע ר ד ע ל: אָבער אויב אייער פרוי —? איך מיין, ווי איז, אַ שטייגער, אויב דאָס איז פאַר אייער פרוי, מיט איהר שוואַ־כען געזונד, אַ צו־גרויסע אויפרעגונג?

ס אָ ל נ ע ס: נו, דאָן, קומט מיר אויס צו זאָגען, אַז מען קען דערצו גאָר ניט העלפען. איך מ ו ז האַלטען קאַיאַ פאָסלי. קיינער קען ניט פערנעהמען איהר שטעלע.

ד ר. ה ע ר ד ע ל: קיינער ניט?

ס אַ ל נ ע ם : ניין, קיינער ניט.

ה ע ר ד ע ל : (צוריקענדדיג נעהענטער זיין שטוהל). הערט מיך אוים, מיין ליעבער הערר סאַלנעם. מעג איך אייך פרעגען אַן אינטימע פראַגע ?

ס א ל נ ע ם : ביטע.

ה ע ר ד ע ל : פרויען, פערשטעהט איהר מיך, האָבען אין געוויסע הינזיכטען אַ פערדאַמט שאַרפען אינסטינקט.

ס אַ ל נ ע ם : דאָס האָבען זיי ווירקליך, קיין צווייפעל ניט. אָבער — ?

ה ע ר ד ע ל : נו, גוט. הערט זשע ווייטער. ווען אייער פרוי קען אזוי ניט ליידען אַט די קאַיאַ פאָסלי — ?

ס אַ ל נ ע ם : נו, איז וואָס ?

ה ע ר ד ע ל : האָט זי דען ניט גאָר — גאָר קיין שום שאָטען פון אַן אורזאַך פאַר אַזאַ אינסטינקטיווע שנאה ?

ס אַ ל נ ע ם : (קוקט אויף איהם זיך אויפהויבענדיג) אָהאָ !

ה ע ר ד ע ל : האָט ניט קיין פעראיבעל — אָבער ה אָ ט זי ניט ?

ס אַ ל נ ע ם : (קורץ און שאַרף) ניין.

ד ר . ה ע ר ד ע ל : אזוי גאָר, קיין שום אורזאַך ?

ס אַ ל נ ע ם : קיינע, אויסער איהר אייגענע פערדעכטיגע נאַטור.

ה ע ר ד ע ל : איך ווייס, אַז איהר האָט פיעלע פרויען געקענט אין אייער לעבען.

ס אַ ל נ ע ם : דאָס לייקען איך ניט.

ה ע ר ד ע ל : און איינינע פון זיי האָט איהר גאַנץ גערן געהאַט.

ס אַ ל נ ע ם : אָה, יאָ, דאָס איז אויך אמת.

ה ע ר ד ע ל : אָבער, וואָס אנבעלאַנגט פריילין פאָסלי — ? הייסט עס, איז דאָס גאָר ניט דער פאַל ?

ס אַ ל נ ע ל : ניין, ניט פון מ י י ן זייט.

ה ע ר ד ע ל : אָבער, פון דער אנדערער זייט ?

ס אָ ל נ ע ס : אַזעלכע פראַגען, שיינט מיר, האָט איהר קיין רעכט ניט צו פרעגען, דאָקטאָר.

ה ע ר ד ע ל : אמת, אָבער, פערשטעהט איהר, מיר שמועסען דאָך וועגען אייער פרוי'ס אינסטינקטיווען געפיהל.

ס אָ ל נ ע ס : גאַנץ ריכטיג. און, דעם אמת זאָגענדיג (רעדט שטילער), איז אַלינעס אינסטינקטיווער געפיהל, ווי איהר רופט עס, אין אַ געוויסען זינן גאָרניט אַזוי ווייט פון וועג.

ה ע ר ד ע ל : אַה, זעהט איהר שוין !

ס אָ ל נ ע ס : (זעצט זיך) דר. הערדעל — איך וועל אייך דערצעהלען אַ זאָנדערבאַרע געשיכטע — אויב איהר האָט חשק אויסצוהערען.

ה ע ר ד ע ל : זאָנדערבאַרע געשיכטען הער איך אימער גערן.

ס אָ ל נ ע ס : נו, גוט. איך רעכען איהר געדענקט נאָך, אַז איך האָב אריינגענומען קנוט בראָוויק מיט זיין זוהן צו זיך — ווען דעם אַלטענ'ס געשעפטען האָבען אָנגעהויבען צו געהן זעהר שלעכט.

ה ע ר ד ע ל : יע, דאָס ווייס איך.

ס אָ ל נ ע ס : אין גרונד גענומען זיינען זיי, ווייסט איהר, ביידע זעהר פעהיגע מענשען. יעדער פון זיי האָט טאַלאַנט אין זיין פאַך. נו, האָט זיך אָבער דעם זוהן פערגלוסט אַ חתן צו ווערען ; און אַז ער איז געוואָרען אַ חתן האָט ער שוין נאַטירליך, געוואָלט חתונה האָבען און אָנפאַנגען בויען זעלבסטשטענדיג. אַזוי זיינען שוין אַלע יונגע לייט.

ה ע ר ד ע ל : (לאַכענדיג) יא, זיי האָבען אַ שלעכטע געוועהנהייט צו וועלען חתונה האָבען.

ס אָ ל נ ע ס : גאַנץ ריכטיג. עס האָט אָבער, פערשטעהט זיך, פאַר מ י ר ניט געלוינט ; ווייל איך האָב אַליין געדאַרפט האָבען ראַגנאַרען — און דעם אַלטען אויך. ער איז אויסגעצייכענט גוט אויף אויסצורעכענען דעם אויסהאַלט פון געשפאַנטקייט און

די קובישע מאַסען — מיט די אַלע איבעריגע פערדרעהעניסען דאָר־טען, פערשטעהט איהר מיך.

הערדעל: אַה, יאָ. דאָס איז אַהן צווייפעל זעהר וויכטיג.

סאַלנעס: געוויס. אַבער ראגנאר האָט זיך איינגע־שפּאַרט, אז ער וויל ניט אַנדערש ווי אַנפאַנגען ארבייטען פאר זיך. עס האָבען קיין רייד ניט געהאָלפען.

הערדעל: און ער איז פון דעסטוועגען דאָך געבליבען ביי אייך.

סאַלנעס: אַט וועל איך אייך דערצעהלען ווי אזוי דאָס איז געוואָרען. איין מאָל איז אַט די מיידעל, קאיא פאָסלי, געקומען אהער זיי זעהען וועגען עפּעס — פריהער איז זי דאָ קיין מאָל ניט געוועזען — און ווען איך האָב בעמערקט ווי שטארק פערליעבט זיי זיינען איינס אין צווייטען, איז מיר אריין אַ געדאנק אין קאָפּ: ווען עס גיט זיך מיר איין אריינצוקריגען זי אהער אין ביורא, וואָלט דאן ראגנאר אפשר אויך געבליבען ביי מיר.

הערדעל: דאָס איז טאקע גאָר ניט געוועזען קיין שלעכטער איינפאַל.

סאַלנעס: יאָ. אַבער דאמאָלסט האָב איך קיין איינציג וואָרט ניט געזאָגט וועגען דעם. איך בין נור געשטאנען און האָב געקוקט אויף איהר, און געהאַלטען אין איין שטאַרקען ו ו ע ל ע ן, אז איך זאָל זי קענען דאָ האָבען. דאן האָב איך צו איהר גערעדט אַ פּאָר פריינדליכע ווערטער — וועגען פערשיעדענע זאכען. און זי איז זיך אוועק געגאנגען.

הערדעל: נו?

סאַלנעס: קורץ און גוט, אויף מאָרגען, שפּעט אין אָבענד, ווען ראגנאר און בראָוויק זיינען שוין געוועזען אוועקגעגאַנ־גען אהיים, איז זי נאָך אַ מאָל געקומען און האָט זיך אזוי בענומען פונקט ווי איך וואָלט שוין געהאַט אָבגעמאכט מיט איהר.

הערדעל: אָבגעמאכט? וועגען וואָס?

סאַלנעס: טאקע וועגען דאָס, וואָס איך האָב זיך אריינ־

געקומען אין זין, אָבער האָב קיין איין איינציג וואָרט ניט געזאָגט.

הערדעל: דאָס איז מערקווירדיג.

סאָלנעס: יא, ניט וואהר? זי האָט זיך נאָכגעפרעגט, וואָס זי האָט דאָ צו טאָן, צי זי קען גלייך אויף מאָרגען אָנפאַנגען א. ז. וו.

הערדעל: דענקט איהר ניט, אז זי האָט דאָס געטאָן, כדי צו קענען זיין צוזאַמען מיט איהר חתן?

סאָלנעס: דאָס האָב איך אויך געקלערט אין אָנפאַנג. אָבער ניין, ניט דאָס איז געווען די אורזאַך. זי האָט זיך פון איהם אין גאַנצען דערווייטערט, ווי נור זי איז אהער צו מיר געקומען.

הערדעל: וואָס, זי איז דאן אריבערגעגאנגען צו אייך?

סאָלנעס: יא, אין גאַנצען. מאַכט זיך אַ מאָל אז איך גיב אַ קוק אויף איהר, ווען זי שטעהט צו מיר מיט'ן רוקען, מערק איך, אז זי פיהלט עס. זי פּלאַטערט און ווערט אַן אויפגעציטערטע ווי נור איך קום צו צו איהר. וואָס דענקט איהר וועגען דעם?

הערדעל: הם — דאָס לאָזט זיך שוין ערקלערען.

סאָלנעס: נו גוט, אָבער ווי ערקלערט איהר די אנדער זאַך — וואָס זי האָט געגלויבט אז איך האָב איהר געזאָגט דאָס, וואָס איך האָב נור געוואָלט און פערלאַנגט — שטיל —אין זיך — מיר פאַר מיר אַליין? וואָס זאָגט איהר דערצו? קענט איהר דאָס ערקלערען, הערר דאָקטאָר?

הערדעל: ניין, דאָס נעהם איך זיך ניט אונטער.

סאָלנעס: איך האָב עס פריהער געוואוסט. דערפאַר טאַקע האָב איך קיין מאָל ניט געוואָלט רעדען וועגען דעם. אָבער נאָך אַלעם דעם איז עס, פערשטעהט איהר מיך, אַ פערפלוכטע אַנ־שיקעניש אויף מיין קאָפּ. איך מוז אָט אזוי כסדר, טאָג איין טאָג אוים זיך בענעהמען פונקט ווי איך וואָלט — און עס איז טאַקע אויך אַ פערברעכען געגען דער אָרעמער מיידעל. (האַסטיג) אָבער איך קען ניט אַנדערש. דען אויב זי וועט ענטלויפען פון מיר — דאַן וועט ראַגנאַר אויך אַוועקגעהן.

הערדעל: און איהר האָט אייער פרוי ניט דערצעהלט דעם גאַנצען אמת וועגען דער געשיכטע?

סאָלנעס: ניין.

הערדעל: אָבער דו, ליעבער גאָט, פאַרוואָס דען ניט?

סאָלנעס: (קוקט זיך איין אין איהם און זאָגט שטיל) יוויל איך געפין א מין — א מין אנגענעהמע זעלבסט־קוועלעריי אין דעם וואָס איך לאָז אלינען מיר צו טהאָן אַן אונרעכט.

הערדעל: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) איך הייב ניט אָן פער־שטעהן וואָס איהר מיינט.

סאָלנעס: פערשטעהט איהר מיך, עס קומט אויס, ווי איך וואָלט דערמיט אָבגעצאָהלט א קליינעם טהייל פון א גרויסען, שרעקליכען חוב —

הערדעל: א חוב צו אייער פרוי?

סאָלנעס: יא; און דאָס העלפט א ביסעל צו בערוהי־גען דעם געמיטה. עס לאָזט זיך אַ ווײַלע לײַכטער אטעמען, פער־שטעהט איהר.

הערדעל: נא, דער גוטער יאָהר וויים עס. איך הייב ניט אָן זעהען —

סאָלנעס: (הויבט זיך אויף, אונטערברעכענדיג) נו, נו, נו, מיר וועלען מעהר וועגען דעם ניט רעדען. (ער געהט איבער'ן צי־מער, קעהרט זיך אום און שטעלט זיך אָב ביים טיש. קוקט אויפ'ן דאָקטאָר מיט אַ גנבי'שען שמייכעל) איהר דיינקט, וואהרשיינליך, אז איצט האָט איהר ביי מיר אַלעס ארויסגעצויגען, דאָקטאר?

הערדעל: (אביסעל גערייצט) ארויסגעצויגען? איך הייב נאָך א מאָל ניט אָן צו וויסען וואָס איהר מיינט, הער סאָלנעס.

סאָלנעס: אה, קומט ארויס אָפען; איך האָב עס דאָך גאַנץ קלאָר געזעהן.

הערדעל: וואָס האָט איהר געזעהן?

סאָלנעס: (שטיל און לאַנגזאַם) אז איהר האָט פון מיר שטילערהייט קיין אויג ניט אראָבגענומען.

ה ע ר ד ע ל : איך ! און צוליעב וואָס, אום גאָטעס ווי־לען — זאָל איך ד אָ ס טאָן ?

ס אָ ל נ ע ס : ווייל איהר דענקט אַז איך — (ליידענשאַפטליך) נו, צום טייפעל — איהר דענקט וועגען מיר דאָס זעלבע וואָס אַלינע דענקט.

ה ע ר ד ע ל : און וואָס דענקט דען אייער פרוי וועגען אייך?

ס אָ ל נ ע ס : (בעהערשט זיך ווידער) זי האָט אָנגעפאנגען דענקען, אַז איך בין — ווי זאָל איך דאָס זאָגען ? — קראַנק.

ה ע ר ד ע ל : קראַנק ! איהר ! מיר האָט זי וועגען דעם קיין וואָרט ניט געזאָגט. און וואָס דענקט זי דען איז מיט אייך, ליבער הערר סאָלנעס ?

ס אָ ל נ ע ס : (בויגט זיך אָן איבער'ן שטוהל און זאָגט זעהר שטיל) אַלינע טראָגט זיך ארום מיט'ן געדאנק, אַז איך בין משוגע. אָט ו ו אָ ס זי דענקט.

ה ע ר ד ע ל : (זיך אויפהויבענדיג) אָבער, ליעבער הערר סאָלנעס — !

ס אָ ל נ ע ס : אַזוי וואַהר ווי איך לעב, זי דענקט עס ! אַזוי איז דאָס. און זי האָט דאָס אייך אויך איינגערעדט. אָה, איך פערזיכער אייך, דאָקטאָר — איך מערק עס אוי אייך גאַנץ דייטליך. מיך נאַרט מען ניט אַזוי לייכט, מוז איך אייך זאָגען.

ה ע ר ד ע ל : (קוקט אויף איהם פערוואונדערט) קיין מאָל — הערר סאָלנעס — קיין מאָל איז דאָס מיר אויף די געדאנקען ניט געקומען.

ס אָ ל נ ע ס : (מיט אַן אונגלויבליגען געלעכטער) אַזוי ? ווירקליך ניט ?

ה ע ר ד ע ל : ניין, קיין מאָל ניט. און אייער פרוי האָט וועגען דעם אויך געווים ניט געטראַכט. איך וואָלט דאָס כמעט געקענט שווערען.

ס אָ ל נ ע ס : נו, דאָס וואָלט איך אייך גראָד ניט געראַטהען. ווייל אין אַ געוויסען זינן, זעהט איהר, האָט זי פיליייכט — פיליייכט אַ שטיקעל גרונד אַזוי צו דענקען.

הערדעל: געהט, נו. איך מוז ווירקליך זאָגען —

סאָלנעס: (אונטערברעכענדיג איהם, מיט אַ מאַך מיט דער האַנד) נו, נו, ליעבער דאָקטאָר, לאָמיר וועגען דעם מעהר ניט רעדען. זאָל יעדער פון אונז בלייבען ביי זיין מיינונג. (געהט איבער אין אַביסעל אַ לוסטיגען טאָן.) אָבער, הערט נור, דאָקטאָר — הם —

הערדעל: נו?

סאָלנעס: אויב איהר גלויבט טאקע ניט, אז איך בין — קראנק — און משוגע — און אזוי ווייטער — — —

הערדעל: איז דאָן וואָס?

סאָלנעס: דאָן שטעל איך מיר פאָר אז איהר מיינט אודאי אז איך בין אַן אויסערגעוועהנליך גליקליכער מענש.

הערדעל: איז דאָס נור אַן איינבילדונג?

סאָלנעס: (לאַכט) ניין, ניין! גאָט בעהיט! דענקט נור — צו זיין דער בוימייסטער סאָלנעס! האלווארד סאלנעס! א קליינינקייט!

הערדעל: נו, איך מוז איך זאָגען, מיר דאכט ווירקליך אז אייך האָט זעהר געגליקט.

סאָלנעס: (אונטערדריקט אַ טרויעריגען שמייכעל) יאָ. אין דער הינזיכט קען איך זיך ניט בעקלאָגען.

הערדעל. יא, ערשטענס, האָט אויף אייער מזל אָבגע־ברענט יענער אבשייליכער אַלטער רויבער־שלאָס, און דאָס איז זי־כער געוועזען א גרויס גליק.

סאָלנעס: (ערנסט) עס איז געוועזען די היים פון אלינעס עלטערן, פערגעסט דאָס ניט, דאָקטאָר.

הערדעל: יאָ, פאַר אייער פרוי האָט דאָס געמוזט זיין א שרעקליכער קלאַפּ.

סאָלנעס: זי האָט דאָס נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט פערגעסען, ניט אין די גאנצע דרייצעהן — פיערצעהן יאָהר.

הערדעל: אה, וואָס איז נאָכדעם געקומען האָט געמוזט זיין דאָס שרעקליכסטע פאַר איהר.

סאָלנעס: איינס מיט'ן אנדערען.

הערדעל: אבער איהר — איהר זעלבסט זייט ערהויבען געוואָרען פון יענעם חורבן. איהר האָט אָנגעפאנגען אלס ארעמער אינגעל פון דאָרף — און איצט זייט איהר דער גרעסטער אין אייער פאַך. איהר ווייסט, הערר סאָלנעס, איך האָטווירקליך זעהר געגליקט.

סאָלנעס: (קוקט אויף איהם מיט צווייפעל) יא, אָבער טאַקע דאָס שרעקט דאָך מיך אזוי.

הערדעל: ווי? איהר שרעקט זיך, ווייל עס גליקט אייך?

סאָלנעס: עס שרעקט מיך — עס שרעקט מיך יעדע מינוט. ווייל דער מזל מוז זיך פריהער אָדער שפּעטער אומדרעהען, פערשטעהט איהר.

הערדעל: אַך, אונזין פאר וואָס זאָל זיך דער מזל אומדרעהען?

סאָלנעס: (פעסט און זיכער) די יוגענד!

הערדעל: עט! די יוגענד! איך דענק, אז איהר זייט נאָך אויך ניט אָבגעלעבט. אָה ניין — אייער פּאָזיציאָן דאָ איז איצט דאָבט זיך פעסטער, ווי זי איז ווען עס איז געוועזען.

סאָלנעס: דער מזל וועט זיך אומדרעהן, איך ווייס עס — איך פיהל אז עס קומט. אימעצער וועט זיך ארייננעהמען אין זינען און וועט זאָגען: גיב מיר א געלעגענהייט! און דאן וועלען אלע איבעריגע קומען מיט טענות נאָך איהם, און וועלען אויסשטרעקען זייערע פויסטען אויף מיר און שרייען: מאך פּלאַץ — מאַך פּלאַץ — מאַך פּלאַץ! יא, אָט ווי איהר זעהט, דאָקטאר, באלד וועט די יוגענד קומען און אָנקלאַפּען ביי מיר אין טיר —

הערדעל: (לאַכענדיג) נו, איז וואָס אז זיי וועלען?

סאָלנעס: וואָס וועט זיין אויב זיי וועלען? דאן וועט זיין דער סוף פון'ם בוימייסטער סאָלנעס.

(עס הערט זיך א קלאַפּ אין טיר לינקס).

סאָלנעס: (דערשראָקען) וואָס איז דאָס? איהר האָט געהערט?

ה ע ר ד ע ל : אימעצער קלאפט אין טיר.

ס אַ ל נ ע ס : (הויך) אריין!

(הילדא וואַנגעל קומט אַריין פון פאַרצימער. זי איז פון מיטעלער וואוקס, שלאַנק און אַביסעל פערברענט פון זונן ; טראָגט אַ רייזע־קאָסטיום, דאָס קלייד ארויפגעשפּילעט, אַ מאַטראָזען־קאָלנער, אָפען ביים האַלז און אַ קליינע מאַטראָזען־היטעלע אויפ'ן קאָפּ. אַ רענצעל אויף די פּלייצעס, אַ שאַל אין אַ רימען און אַ לאַנגען אַלפּען־שטאָק).

ה י ל ד א : (געהט גלייך צו צו סאָלנעסען, איהרע אויגען פונק־לען פון גליק) גוטען אָבענד!

ס אַ ל נ ע ס : (קוקט אויף איהר, ניט וויסענדיג ווער זי איז) גוטען אָבענד —

ה י ל ד א : (לאַכט) איך גלויב, איהר דערקענט מיך ניט!

ס אַ ל נ ע ס : איך מוז דאָס צוגעבען — אין דעם אויגענ־בליק —

ה ע ר ד ע ל : (קומט נעהענטער) אָבער א י ך דערקען אייך, פרוילין —

ה י ל ד א : (צופריעדען) אך, דאָס זייט א י ה ר — !

ה ע ר ד ע ל : יא, געווים בין איך עס. (צו סאָלנעסען) מיר האָבען זיך דעם זומער געטראָפען אין די בערג. (צו הילדא'ן) וואָס איז געוואָרען מיט די איבעריגע דאַמען?

ה י ל ד א : אָה, זיי זיינען אַוועק געפאָהרען נאָך וועסט.

ה ע ר ד ע ל : זיי האָבען ניט שטאַרק ליעב געהאַט די שפּאַ־סען וואָס מיר פלעגען האָבען אין די אָבענדען.

ה י ל ד א : ניין, איך דענק, אַז ניט שטאַרק.

ה ע ר ד ע ל : (מאַכט מיט'ן פינגער צו איהר) און איך האָב מורא מען קען ניט זאָגען, אַז איהר האָט ניט אביסעל קאָקעטירט מיט אונז.

ה י ל ד א : נו, דאָס איז דאָך געווען מעהר שפּאַסהאַפטיג איידער צו זיצען מיט יענע אַלטע ווייבער און שטריקען זאָקען.

ה ע ר ד ע ל : (לאַכט) אין דעם בין איך מיט אייך פּאָלקאָם איינשטימיג!

ס אַ ל נ ע ס : איהר זייט דאָס היינט אָבענד געקומען אין שטאָדט ?

ה י ל ד א : יא, איך בין נאָר־וואָס אָנגעקומען.

ה ע ר ד ע ל : איינע אַליין, פריילין וואנגעל ?

ה י ל ד א : געווים.

ס אַ ל נ ע ס : וואנגעל ? איז אייער נאָמען וואנגעל ?

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהם צופריעדען און פערוואונדערט) יא, געווים איז דאָס מיין נאָמען.

ס אַ ל נ ע ס : דאן זייט איהר אודאי די טאָכטער פון דעם בעצירק־דאָקטאָר פון לייסאַנזשער ?

ה י ל ד א : (ווי פריהער) יא, ועמענס דען טאָכטער זאָל איך זיין ?

ס אַ ל נ ע ס : אָ, אויב אזוי האָבען מיר זיך מסתמא בעגעגענט יענעם זומער, ווען איך האָב געבויעט א טורעם אויף דער אַלטער קירכע.

ה י ל ד א : (מעהר ערנסט) יא, געווים האָבען מיר זיך דאן בעגעגענט.

ס אַ ל נ ע ס : עס איז שוין א לאַנגע צייט צוריק.

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהם שטרענג) עס איז פונקט די צעהן יאָהר.

ס אַ ל נ ע ס : איך דענק, איהר האָט נאָך דאן געמוזט זיין גאָר א קינד.

ה י ל ד א : (לייכטזיניג) א יאָהר צוועלף אָדער דרייצעהן.

ה ע ר ד ע ל : זייט איהר עס דאָס ערשטע מאָל דאָ אין שטאָדט, פריילין וואנגעל ?

ה י ל ד א : יא, טאַקע דאָס ערשטע מאָל.

ס אַ ל נ ע ס : און איהר קענט דאָ קיינעם ניט ?

ה י ל ד א : קיינעם ניט אויסער אייך. און נאַטירליך, אויך אייער פרוי.

ס אַ ל נ ע ס : אזוי, איהר קענט זי אויך ?

הילדא: אָבער גאַנץ ווייניג. מיר האָבען פערבראַכט א פּאָר טעג צוזאַמען אין דעם קור־אָרט.

סאָלנעס: אָה, דאָרט אין די בערג.

הילדא: זי האָט געזאָגט אז איך קען איהר בעזוכען, ווען איך קום אין שטאָדט. (שמייכעלט) אזוי ווי איך האָב נויטיג געהאַט זי זאָל עס זאָגען.

סאָלנעס: א חידוש וואָס זי האָט עס קיינמאָל ניט דער־מאָנט.

(הילדא שטעלט דעם שטאָק ביים אויווען, נעהמט ארונטער דאָס רענצעל און לעגט עס צוזאַמען מיט׳ן פּלעד אויף דער זאָפע. הערדעל וויל איהר העלפען. סאָלנעס שטעהט און קוקט אויף איהר.)

הילדא: נו, איצט מוז איך ביי אייך בעטען ערלויבעניס צו פערברייינגען דאָ די נאכט.

סאָלנעס: דאָס וועלען מיר שוין קענען לייכט אויספיהרען.

הילדא: איך האָב ניט קיין אנדערע קליידער אויסער די וואָס איך טראָג, א חוץ אַלטע וועש אין רענצעל; וואָס מען וועט מוזען געבען וואַשען; ווארים עס איז זעהר קויטיג.

סאָלנעס: אָה, וועגען דעם וועלען מיר שוין זעהן. איצט וויל איך נור אָנזאָגען מיין פרוי —

הערדעל: דערווייל וועל איך געהן בעזוכען מיין פּאַ־ציענט.

סאָלנעס: יא, געהט, און קומט שפּעטער צוריק.

הערדעל: (לוסטיג, וואָרפענדיג אַ בליק אויף הילדאן) אָה, דאָס וועל איך שוין טאָן, איהר מעגט זיין זיכער! (לאַכט) הייסט עס אייער נבואה איז מקוים געוואָרען, הערר סאָלנעס!

סאָלנעס: ווי הייסט?

הערדעל: די יוגענד איז ווירקליך געקומען קלאַפּען אין טיהר.

סאָלנעס: (לעבהאַפט) אָבער גאָר אויף אַן אנדער אָרט.

הערדעל: יא, אויף אַן אנדער אָרט, דאָס קען מען ניט לייקענען. (ער געהט ארויס דורכ׳ן פּאָרצימער).

ס אָ ל נ ע ס: (עפענט די טיר רעכטס און רעדט צו אימעצען אין זייטיגען צימער) אַלינע! זיי אַזוי גוט און קום אַריין. דיינע אַ בעקאַנטע איז דאָ — פרײלין וואַנגעל.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: (ווייזט זיך אין טיר) ו ו ע ר, זאָגסט דו איז דאָ? (דערזעהט הילדען) אַך, דאָס זייט איהר, פרייּלין וואַנגעל? (געהט צו איהר צו און גיט איהר די האַנד) זייט איהר, הייסט עס, דאָך געקומען אין שטאָדט.

ס אָ ל נ ע ס: פרײלין וואַנגעל איז אָקאָרשט אָנגעקומען און זי וואָלט דאָ וועלען איבערנעכטיגען.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: דאָ, ביי אונז? מיט פערגעניגען.

ס אָ ל נ ע ס: פערשטעהסט, אום צו ברענגען איהרע זאַכען אַביסעל אין אָרדנונג.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: איך וועל טאָן אַלעס וואָס איז מעגליך פאַר איך. עס איז ניט מעהר ווי מיין פליכט. אייער קאַסטען וועט, וואַהרשיינליך, אָנקומען שפּעטער?

ה י ל ד ע: איך האָב ניט קיין קאַסטען.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: נו, עס וועט שוין רעכט זיין. דערווייל מוזט איהר מיר ענטשולדיגען; איך וועל אייך דאָ לאָזען מיט מיין מאַן און אַליין וועל איך געהן זעהן מען זאָל אייך צוגרייטען אַ בעקוועמעס צימער.

ס אָ ל נ ע ס: קענען מיר איהר ניט געבען איינס פון די קינדער־צימערן? זיי זיינען דאָך אַלעמאָל צוגעגרייט.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: אָה, יא, דאָרט האָבען מיר איבערגענוג פּלאַץ. (צו הילדאַן) זיצט און רוהט זיך דערווייל אָב. (זי געהט אַרויס רעכטס).

(הילדא, פערלעגט די הענד פון הינטען, געהט אַרום און בעקוקט פערשיעדענע זאַכען. סאָלנעס שטעהט פון פאָרענט ביים טיש, אויך פערלעגט די הענד אויף הינטען און קוקט איהר נאָך).

ה י ל ד א: (שטעלט זיך אָב און קוקט אויף איהם) האָט איהר עטליכע קינדער־צימערן?

ס אָ ל נ ע ס : עס זיינען פאַרהאַנען דריי קינדער־צימערן אין הויז.

ה י ל ד א : ווירקליך ? דאַן מוזט איהר האָבען א סך קינדער.

ס אָ ל נ ע ס : ניין, מיר האָבען גאָר קיין קינדער ניט. נור איצט קענט א י ה ר דערוויל דאָ זיין דאָס קינד.

ה י ל ד א : אויף היינטיגע נאכט, יא. איך וועל ניט שרייען. איך האָב בדעה צו שלאָפען ווי א געהרג'עטע.

ס אָ ל נ ע ס : איך דענק, איהר מוזט זיין זעהר מיעד.

ה י ל ד א : אָה, ניין. אָבער יעדענפאלס — עס איז אזוי גוט צו ליעגען און חלומ'ען.

ס אָ ל נ ע ס : איהר חלומ'ט אָפט ביינאכט ?

ה י ל ד א : אָה, יא. כמעט אימער.

ס אָ ל נ ע ס : וועגען וואָס חלומ'ט איהר אם מעהרסטען ?

ה י ל ד א : היינט זאָג איך דאָס אייך ניט. פיעלייכט אַן אנדערס מאָל. (זי שפּאַצירט וויעדער איבער'ן צימער, שטעלט זיך אָב ביים שרייב־טיש און פאָרעט זיך אַביסעל ביי די ביכער און פאַפּירען.)

ס אָ ל נ ע ס : (צוקומענדיג) איהר זוכט עפּעס ?

ה י ל ד א : ניין, איך קוק נור דורך די אלע זאכען. (קעהרט זיך אום) עס איז פיליייכט ניט ערלויבט ?

ס אָ ל נ ע ס : אָה, ביטע, ביטע !

ה י ל ד א : שרייבט א י ה ר דאָס אין דעם גרויסען קאָנטאָ־בוך ?

ס אָ ל נ ע ס : ניין, מיין בוכהאַלטערין.

ה י ל ד א : א פרויענצימער ?

ס אָ ל נ ע ס : (שמייכעלט) יא.

ה י ל ד א : איהר בעשעפטיגט זי דאָ ?

ס אָ ל נ ע ס : געוויס.

ה י ל ד א : זי איז פערהייראַט ?

ס אָ ל נ ע ס : ניין, זי איז א פרייליין.

ה י ל ד א : אזוי !

ס אָ ל נ ע ם :   אָבער זי וועט וואהרשיינליך אין גיכען היי־ראטען.

ה י ל ד א :   דאָס איז גוט פאַר א י ה ר.

ס אָ ל נ ע ם :   אָבער ניט אזוי גוט פאַר מ י ר. דאַן וועל איך קיינעם ניט האָבען מיר ארויסצוהעלפען.

ה י ל ד א :   קענט איהר דען ניט קריגען אַן אַנדערע, וואָס זאָל זיין פונקט אזוי גוט ?

ס אָ ל נ ע ם :   פיעלייכט ווילט א י ה ר דאָ בלייבען און — און שרייבען אינ׳ם קאָנטאָ־בוך ?

ה י ל ד א :   (קוקט איהם אָן פון אויבען ביז אַראָב) יא, איך מיין עפּעם ! ניין, איך דאנק אייך — אזעלכע זאכען זיינען ניט פאַר מ י ר — (שפּאַצירט אַביסעל איבער׳ן צימער און זעצט זיך אַוועק אויף דעם שאָקעל־שטוהל, סאָלנעס געהט צו צום טיש. הילדא זעצט פאָרט:) ווייל עס מוז דאָך דאָ זיין עפּעס אנדערס צו טאָן אויסער ד ע ם אויך. (קוקט אויף איהם, שמייכלענדיג) דענקט איהר ניט אזוי?

ס אָ ל נ ע ם :   פערשטעהט זיך. צוערשט און הויפּטזעכליך ווילט איהר, וואהרשיינליך מאַכען א טור איבער די קראָמען און זיך אויספּוצען נאָך דער לעצטער מאָדע.

ה י ל ד א :   (לוסטיג) ניין, ד אָ ס, גלויב איך, קען איך אוים־לאָזען.

ס אָ ל נ ע ם :   אזוי ?

ה י ל ד א :   וואָרום איהר דאַרפט וויסען, אז איך האָב שוין אויסגעבראכט מיין גאנץ געלד.

ס אָ ל נ ע ם :   (לאַכט) הייסט עס, ניט קיין געלד און ניט קיין קאסטען !

ה י ל ד א :   ניט דאָס און ניט יענעס. אָבער איצט מאַכט דאָס מיר ניט אוים.

ס אָ ל נ ע ם :   זעהט איהר, פאַר ד אָ ם געפעלט איהר מיר גראָד.

ה י ל ד א :   נור פאַר דאָט ?

ס אָ ל נ ע ם : פֿאַר דאָס צווישען אנדערעם. (זעצט זיך אין לעהנשטוהל) אייער פאָטער לעבט נאָך ?

ה י ל ד א : יא, מיין פאָטער לעבט.

ס אָ ל נ ע ם : דענקט איהר פיליכט, דאָ צו שטודירען ?

ה י ל ד א : ניין, דאָס איז מיר קיין מאָל אויפ'ן געדאנק ניט געקומען.

ס אָ ל נ ע ם : אָבער, איהר פערבלייבט דאָ פאַר א לענגערע צייט, האָף איך.

ה י ל ד א : דאָס איז געווענדט אָן געוויסע אומשטענדען. (זי זיצט אַ ווײַלע, שאָקעלט זיך און קוקט אויף איהם האַלב ערנסט, האַלב מיט אַ פערבאָרגענעם שמייכעל. דאַן נעהמט זי אַרונטער איהר הי־טעלע און לעגט עס אויפ'ן טיש לעבען זיך). הערר סאָלנעם !

ס אָ ל נ ע ם : יא ?

ה י ל ד א : האָט איהר זעהר אַ שלעכטען זכרון ?

ס אָ ל נ ע ם : אַ שלעכטען זכרון ? ניין, דאכט זיך אז ניט.

ה י ל ד א : איז פאַר וואָס זאָגט איהר מיר גאָר ניט וועגען דעם וואָס האָט פּאַסירט דאָרט אויבען ?

ס אָ ל נ ע ם : (פאַר אַן אויגענבליק איבערראַשט) דאָרט אין ליסענזשער ? (גלייכגילטיג) מיר דאכט, עס איז ניטאָ פיעל, וואָס צו זאָגען וועגען דעם.

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהם מיט אַ פאָרוואורף) ווי קענט איהר דאָס זאָגען ?

ס אָ ל נ ע ם : נו, דאַן רעדט א י ה ר צו מ י ר וועגען דעם.

ה י ל ד אַ : ווען דער טורעם איז פערטיג געוואָרען, האָבען מיר געהאַט אַ גרויסען יום־טוב אין שטאָדט.

ס אָ ל נ ע ם : יא, י ע נ ע ם טאָג וועל איך ניט אזוי גיך פערגעסען.

ה י ל ד א : (לאַכט) ניין ? דאָס איז זעהר שעהן פון אייך.

ס אָ ל נ ע ם : שעהן ?

ה י ל ד א : ביי דער קירך איז דאַן געוועזן מוזיק — און

פיעלע, פיעלע הונדערטער מענשען. מיר, די שוהל־מיידלעך זיינען געוועזען געקליידעט אין ווייסען; און מיר האָבען אַלע געטראָגען פאָהנען.

ס אָ ל נ ע ם : אָה יא, די פאָהנען געדענק איך גוט!

ה י ל ד א : דאַן זייט איהר אַרויפגעשטיגען אויף דעם ברעטער־געשטעל, גלייך צום סאַמע שפּיץ; איהר האָט מיט זיך געהאַט אַ גרויסען קראַנץ; און איהר האָט איהם אויפגעהאָנגען העט אויבען אויפ׳ן וועטערפאָהן.

ס אָ ל נ ע ם : (שלאָגט איהר קורץ איבער) אין יענע צייטען פלעג איך דאָס אימער טאָן. עס איז אַן אַלטער מנהג.

ה י ל ד אַ : עס איז געוועזען אַזוי וואונדערבאַר שפּאַנענד צו שטעהן אונטען און אַרויפצוקוקען צו אייך. שטעלט זיך פאָר ווען ער פאַלט אַרונטער! ער — דער בוימייסטער אליין!

ס אָ ל נ ע ם : (אַזוי ווי ער וואָלט ניט וועלען זי זאָל רעדען וועגען דעם) יא, יא, דאָס האָט אויך לייכט געקענט פּאַסירען. וואָרום איינע פון יענע אין ווייסען אָנגעטאָנענע קליינעקע טייפלען — זי האָט זיך אַזוי ווילד בענומען און האָט צו מיר אַזוי אַרויפגעשריען —

ה י ל ד א : (שטראַהלענדיג מיט פערגניגען) „עס לעבע דער בוימייסטער סאָלנעס“, יא!

ס אָ ל נ ע ם : — און זי האָט אַזוי געמאַכט מיט איהר פאָהן הין און צוריק — אַז דער קאָפּ האָט זיך מיר שיער ניט פערדרעהט, קוקענדיג דערויף.

ה י ל ד אַ : (שטילער און ערנסט) יענער קליינעקער טייפעל — דאָס בין א י ך געוועזען.

ס אָ ל נ ע ם : (קוקט זיך איין אין איהר) איצט בין איך זיכער דעריין. דאָס האָט א י ה ר טאַקע געמוזט זיין.

ה י ל ד א : (ווידער לעבהאַפט) אָה, עס אַז געוועזען אַזוי שפּאַנענד! איך האָב מיר ניט געקענט גלויבען, אַז אין דער גאַנצער וועלט איז דאָ אַ בוימייסטער, וועלכער זאָל קענען בויען אַזאַ אונגעהייער הויכען טורעם. און דאַן אַז איהר זאָלט אַליין שטעהן

אויפ'ן אלערהעכסטען שפּיץ ! א ווירקליכער לעבעדיגער מענש ! און עס זאָל אייך גאָרניט שווינדלען ! דאָס האָט אייגענטליך געמאכט, אז עס זאָל — אז עס זאָל אַ צווייטען שווינדלען צו דענקען וועגען דעם.

סאָלנעס : ווי קענט איהר זיין אזוי זיכער, אז מיר האָט ניט — ?

הילדא : (צוריקוויזענדיג דעם געדאַנק) אָה ניין ! געוויס ניט ! דאָס האָב איך געפיהלט. ווייל, זאָנסט וואָלט איהר ניט געקענט שטעהן אויבען און זינגען.

סאָלנעס : (קוקט אויף איהר פערוואונדערט) זינגען ? האָב איך געזונגען ?

הילדא : יא, איך קלער עפּעס אזוי.

סאָלנעס : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) איך האָב קיין מאָל אין מיין לעבען קיין איין טאָן ניט געזונגען.

הילדא : יא, איהר האָט דאַן געזונגען, עס האָט זיך געהערט ווי הארפען אין דער לופט.

סאָלנעס : (נאָכדענקענדיג) עס איז עפּעס זעהר וואונדערבאר — די גאַנצע געשיכטע.

הילדא : (בלייבט שטיל אַ ווייל, קוקט אויף איהם און זאָגט שטיל) אָבער דאַן — נאכהער — דאַן האָט פּאסירט דאָס וויכטיגסטע.

סאָלנעס : דאָס וויכטיגסטע ?

הילדא : (לעבהאַפט) יא, אָן דעם דאַרף איך אייך געוויס ניט דערמאָנען ?

סאָלנעס : אָ, יא, דערמאָנט מיך אָן ד ע ם אויך אביסעל.

הילדא : געדענקט איהר ניט אז מען האָט צו אייער עהרע געגעבען אַ גרויסארטיגען מאָלצייט אין קלוב ?

סאָלנעס : יא, געוויס. עס האָט געמוזט זיין דעם זעלבען נאָכמיטאָג, ווייל דעם צווייטען פריהמאָרגען בין איך פון דאָרט אוועקגעפאָהרען.

ה י ל ד א : און פון קלוב זיינט איהר געווען געלאַדען צו אונז אויפ'ן אַבענד.

ס אַ ל נ ע ס : גאַנץ ריכטיג, פריילין וואַנגעל. עס איז מערקווירדיג, ווי גוט איהר געדענקט די אַלע קליינינקייטען.

ה י ל ד א : קליינינקייטען! דאַס געפעלט מיר! איז דאַס אפשר אויך א קליינינקייט, וואַס איך בין געווען א ל י י ן אין צימער ווען איהר זייט געקומען?

ס אַ ל נ ע ס : זייט איהר געווען אַליין?

ה י ל ד א : (ניט ענטפערענדיג) איהר האָט מיך ד א ן ניט גערופען, קליינענקער טייפעלע.

ס אַ ל נ ע ס : ניין, איך האָב אַז ניט.

ה י ל ד א : איהר האָט געזאָגט אַז איך בין וואונדערשעהן אין מיין ווייס קלייד און, אַז איך זעה אויס ווי א קליינע פרינ־צעסין.

ס אַ ל נ ע ס : געווים האָט איהר טאקע אַזוי אויסגעזעהן, פריילין וואַנגעל. — און דערצו נאָך האָב איך זיך געפיהלט אַזוי לייכט און פריי יענעם טאָג —

ה י ל ד א : און דאַן האָט איהר געזאָגט, אַז ווען איך וועל אויסוואַקסען, וועל איך זיין א י י ע ר פרינצעסין.

ס אַ ל נ ע ס : (לאַכט אַביסעל) ע, ע, — ד אַ ס האָב איך אויך געזאָגט?

ה י ל ד א : יאַ, יאַ, איהר האָט דאָס געזאָגט. און ווען איך האָב געפרעגט ווי לאַנג איך וועל דאַרפען וואַרטען, האָט איהר מיר געענטפערט אַז איהר וועט צוריקקומען אין צעהן יאָהר ארום, ווי א נישט־גוטער, און איהר וועט מיך אַוועקפיהרען — אין שפּאַנ־יען אָדער עפּעס אַן אַנדער לאַנד. און דאָרט, האָט איהר מיר פער־שפּראָכען צו קויפען א קעניגרייך.

ס אַ ל נ ע ס : (ווי פריהער) יע, נאָך א גוטען מיטאָג איז מען געוועהנליך זעהר פרייגעביג אין געלט אנגעלעגענהייטען. אָבער האָב איך דאָס טאקע אַלעס ג ע ז אָ ג ט?

הילדא: (לאַכט צו זיך אַליין) יא, און איהר האָט מיר אפילו געזאָגט ווי דאָס קעניגרייך וועט הייסען.

סאַלנעס: נו, ווי? —

הילדא: עס האָט געדארפט הייסען דאָס קעניגרייך פון אַפּעלסיניע.

סאַלנעס: נו, דאָס איז אַ גאַנץ אַפּעטיטנער נאָמען.

הילדא: מיר איז עס גאָרניט געגעֿען געפעלען; עס האָט אויסגעזעהן, ווי איהר ווילט זיך איבער מיר נור לוסטיג מאַכען.

סאַלנעס: געוויס איז דאָס ניט געוועזן מיין אבזיכט.

הילדא: ניין, איך האָף אַז ניט, נעהמענדיג אין אנבעטראַכט וואָס איהר האָט נאָכהער געטאָן —

סאַלנעס: וואָס האָב איך דען, אום גאָטעס ווילען, נאָכהער געטאָן?

הילדא: נו, מעהר פעהלט ניט, נאָר איהר זאָלט דאָס אויך האָבען פערגעסען! מיר דאַכט, אזא זאַך מוז מען, ניט ווילענדיג, געדענקען.

סאַלנעס: גיט מיר נור עפּעס אַ סמן זיך צו דערמאָהנען, אפשר דאַן —

הילדא: (קוקט זיך איין אין איהם) איהר זייט צוגעגאַנגען און האָט מיך געקושט, בוימייסטער.

סאַלנעס: (הויבט זיך אויף פון שטוהל מיט אַן אָפען מויל) איך האָב עס געטאָן?

הילדא: נו, געוויס. איהר האָט מיך אָנגענומען מיטביידע הענד, און האָט צוריקגעבויגען מיין קאָפּ, און האָט מיך געקושט — פיעלע מאָל.

סאַלנעס: נו, ווירקליך, ליעבע פריילין וואַנגעל — !

הילדא: (הויבט זיך אויף) איהר מיינט דאָך דאָס ניט צו לייקענען?

סאַלנעס: יא, איך לייקען דאָס ענטשיעדען!

הילדא: (קוקט אויף איהם מיט פעראַכטונג) אַה, אזוי! (זי קעהרט זיך אָב און געהט לאַנגזאַם צום אויוועז, וואו זי בלייבט

שטעהן אונבעוועגליך, איהר געזיכט אָבגעקעהרט פון איהם און די הענד פערלעגט אויף הינטען. אַ קורצע פּאַוזע.)

ס אָ ל נ ע ס : (געהט צו צו איהר פאַרזיכטיג פון הינטען) פריי־ליין וואַנגעל!

ה י ל ד א : (בלייבט שטיל, און אונבעוועגליך).

ס אָ ל נ ע ס : שטעהט ניט ווי אַ סטאַטוע. אייך האָט זיך דאָס אַלעס געמוזט חלומ'ען, (לעגט זיין האַנד אויף איהר אַרעם) הערט מיך אויס —

ה י ל ד א : (מאַכט אַן אונגעדולדיגע בעוועגונג מיט'ן אַרעם).

ס אָ ל נ ע ס : (ווי עס וואָלט איהם פּלוצלונג אַריין עפּעס אַ געדאַנק) אָבער — ! וואַרט אַ ווײַלע! עס שטעקט עפּעס הינטער דעם אַלעס... גלויבט מיר!

ה י ל ד א : (ריהרט זיך ניט).

ס אָ ל נ ע ס : (שטיל, נור מיט נאָכדרוק אין די ווערטער) איך האָב דאָס אַלעס געמוזט ט ר אַ כ ט ע ן. איך האָב עס געמוזט װ ע ל ע ן — פ ע ר ל אַ נ ג ע ן — האָב געמוזט ל ו ס ט ה אָ ־ ב ע ן עס צו טאָן. און דאַן — איז עס ניט מעגליך אַז דאָס איז די ריכטיגע ערקלערונג?

ה י ל ד א : (שווייגט נאָך אַלץ).

ס אָ ל נ ע ס : (אונגעדולדיג) נו, צום טייפעל — דאַן, ה אָ ב א י ך דאָס געטאָן!

ה י ל ד א : (קעהרט אום איהר קאָפּ אַביסעל און קוקט ניט אויף איהם) הייסט עס, איהר גיט עס ענדליך צו?

ס אָ ל נ ע ס : יאָ, אַלעס וואָס איהר ווילט.

ה י ל ד א : אַז איהר האָט מיך אַרומגענומען?

ס אָ ל נ ע ס : אָה, יאָ!

ה י ל ד א : און מיר דעם קאָפּ צוריקגעבויגען?

ס אָ ל נ ע ס : זעהר וויט צוריק.

ה י ל ד א : און מיך געקושט?

ס אָ ל נ ע ס : יאָ, געוויס.

ה י ל ד א : פיעל מאָל.

ס אָ ל נ ע ס : ווי פיעל איהר ווילט נור אליין.

ה י ל ד א : (קעהרט זיך שנעל אום צו איהם און האָט ווידער דעם שטראַהלענדען אויסדרוק פון גליק אין איהרע אויגען) נו, זעהט איהר, איך האָב עס דאָך פון אייך ארויסגעקראָגען.

ס אָ ל נ ע ס : (מיט אַ לייכטען שמייכעל) יא, דענקט נור — איך זאָל אזא זאַך פערגעסען !

ה י ל ד א : (ווידער אַביסעל אָנגעבלאָזען, טרעט פון איהם אָב) אָה, איהר האָט, וואהרשיינליך, פיעלע געקושט אין אייער לעבען.

ס אָ ל נ ע ס : ניין, ד אָ ס מוזט איהר וועגען מיר ניט דענקען.

(הילדא זעצט זיך אין לעהנשטוהל.)

ס אָ ל נ ע ס : (בלייבט שטעהן אָנגעשפּארט אַן שאָקעל־שטוהל און קוקט אויף איהר אויפמערקזאַם) פריילין וואנגעל ?

ה י ל ד א : יא ?

ס אָ ל נ ע ס : ווי אזוי איז דאָס ג ע ו ו ע ז ע ן ? וואָס איז פון דעם אַלעמען ארויסגעקומען — צווישען אונז ביידע, מיין איך ?

ה י ל ד א : ווייטער איז גאָרניט ארויסגעקומען. איהר ווייסט דאָס גאַנץ גוט. ווייל דאן זיינען די אנדערע געסט געקומען — און דאן — עט !

ס אָ ל נ ע ס : ריכטיג ! די אנדערע זיינען געקומען. דענקט נור, אז ד אָ ס האָב איך אויך פערגעסען !

ה י ל ד א : אָה, איהר האָט אין דער ווירקליכקייט גאָרניט פערגעסען ; איהר שעהמט זיך נור אביסעל ; איך בין זיכער, אז אזעלכע זאכען פערגעסט מען ניט.

ס אָ ל נ ע ס : ניין, דאָס קען מען זיך פאָרשטעלען.

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהם, ווידער לעבהאַפט) פיעלייכט האָט איהר אויך פערגעסען אין וואָס פאר א טאָג דאָס איז געשעהן ?

ס אָ ל נ ע ס : אין וואָס פאר א טאָג ?

ה י ל ד א : יא, אין וואס פאר א טאג האט איהר אויפ־געהאנגען דעם קראנץ אויפ'ן טורעם ? אה ? זאגט שנעל !

ס א ל נ ע ס : הם — גאט ווייסט, דעם דאטום האב איך פערגעסען. איך וויים נור, אז דאס איז געווען פאר צעהן יאהרען, אזוי ארום הערבסט.

ה י ל ד א : (שאקעלט עטליכע מאל לאנגזאם מיט'ן קאפ). דאס האט פאסירט פאר צעהן יאהרען — דעם נײנצעהנטען סעפ־טעמבער.

ס א ל נ ע ס : יא, עס האט געמוזט זיין ארום יענער צייט. אזוי — אזוי, דאס געדענקט איהר אויך ! (בלייבט שטיל א ווײלע) אבער ווארט נור — ! געוויס — היינט האבען מיר אויך דעם נײנצעהנטען סעפטעמבער.

ה י ל ד א : יא, און די צעהן יאהר זיינען אריבער. און איהר זייט ניט געקומען, ווי איהר האט מיר פערשפראכען.

ס א ל נ ע ס : וואס איך האב אייך פערשפראכען ? איהר מוזט מיינען, ווי איך האב אייך אנגעשראקען ?

ה י ל ד א : איך האב דאס גארניט געהאלטען פאר אן אנ־שרעקען.

ס א ל נ ע ס : נו, דאן איז עס געווען אביסעל לוסטיג גע־מאכט זיך.

ה י ל ד א : איז דאס אלעס, וואס איהר האט געוואלט ? זיך לוסטיג מאכען איבער מיר ?

ס א ל נ ע ס : און פיעלייכט אום צו האבען מיט אייך אבי־סעל שפאס. איך קען זיך, ב'לעבען, ניט עראינערען. אבער עפעס אזעלכעס האט עס געמוזט זיין ; ווייל איהר זייט דאך דאמאלס נאך געווען א קינד.

ה י ל ד א : אה, פיעלייכט בין איך גארניט געווען אזא קינד. גאר ניט אזא קעצעלע ווי איהר שטעלט זיך פאר.

ס א ל נ ע ס : (קוקט אויף איהר, פארשענדיג) האט איהר, ווירקליך, די גאנצע צייט ערנסט ערווארטעט, אז איך וועל צוריק־קומען ?

הילדא: (פערבארגט א האלב־רייצענדען שמייכעל) געווים! דאס האב איך פון אייך ערווארטעט.

סאלנעס: אז איך וועל צוריקקומען צו אייך אהיים און אייך צונעמען?

הילדא: יא, ווי א ניט־גוטער.

סאלנעס: און מאכען פון אייך א פרינצעסין?

הילדא: דאס האט איהר מיר דאך פערשפראכען.

סאלנעס: און אייך טאקע געבען א קעניגרייך?

הילדא: (קוקט צום באלקען) ווארום דען ניט? עס דארף גראד ניט זיין א געוועהנליך, ריכטיג קעניגרייך.

סאלנעס: ווי דען? עפעס אנדערס פונקט אזוי גוט?

הילדא: מינדעסטענס אזוי גוט. (קוקט אויף איהם אן אוי־גענבליק) איך האב געדענקט, אז אויב איהר קענט בויען די העכסטע קירכען־טורעמס אין דער וועלט, וועט איהר דאך געווים קענען מאכען עפעס א מין קעניגרייך.

סאלנעס: (שאקעלט מיט'ן קאפ) איך פערשטעה אייך ניט גוט, פריילין וואנגעל.

הילדא: ווירקליך ניט? מיר ווייזט דאס אלעס אויס אזוי איינפאך.

סאלנעס: ניין, איך ווייס ניט, צי איהר מיינט ערנסט, וואס איהר זאגט, אדער איהר שפאסט עס מיט מיר.

הילדא: פילייכט מאך איך זיך לוסטיג? ווי איהר דאן?

סאלנעס: גאנץ ריכטיג. מיר מאכען זיך ביידע לוס־טיג. (קוקט אויף איהר) שוין לאנג ווי איהר ווייסט, אז איך בין פערהייראט?

הילדא: איך האב אימער געוואוסט. אבער, ווארום פרעגט איהר דאס?

סאלנעס: (לייכט) אה, עס איז מיר גראד געקומען אויפ'ן זינען. (קוקט אויף איהר ערנסט. שטיל) נאך וואס זייט איהר געקומען?

ה י ל ד א :   ווייל איך וויל מיין קעניגרייך. די צייט איז אוים.

ס אָ ל נ ע ם :   (לאַכט, ניט ווילענדיג) איהר זייט אַן אנטיק.

ה י ל ד א :   (לוסטיג) אהער מיין קעניגרייך, בוימייסטער! (קלאַפּט מיט די פינגער) מיין קעניגרייך ארויף אויפ׳ן טיש!

ס אָ ל נ ע ם :   (רוקט נעהענטער צו דעם שאָקעל שטוהל און זעצט זיך.) נו, לאָמיר רעדען ערנסט. נאָך וואָס זייט איהר געקומען? וואָס ווילט איהר דאָווירקליך טאָן?

ה י ל ד א :   אָה, צוערסט וויל איך ארומגעהן און בעטראַכטען אַלעס וואָס איהר האָט דאָ אויפגעבויט.

ס אָ ל נ ע ם :   דאָס וועט אייך געבען גענוג מאַציאָן.

ה י ל ד א :   יא, איך וויים, איהר האָט זעהר, זעהר פיעל געבויט.

ס אָ ל נ ע ם :   ווירקליך — מעהרסטענס אין די לעצטע יאָהרען.

ה י ל ד א :   פיעלע קירכען־טורעמס אויך? אונגעהייער הויכע?

ס אָ ל נ ע ם :   ניין, איך בוי ניט מעהר קיין קירכען־טורעמס — קיין קירכען אויך ניט.

ה י ל ד א :   וואָס דען בויט איהר איצט?

ס אָ ל נ ע ם :   היימען פאַר מענשען.

ה י ל ד א :   (נאָכדענקענדיג) וואָלט איהר געקענט בויען א קליינעם — א קליינענקען קירכען־טורעם איבער די דאָזיגע היימען!

ס אָ ל נ ע ם :   (הויבט זיך אויף) וואָס מיינט איהר דערמיט?

ה י ל ד א :   איך מיין — עטוואָס, וואָס זאָל זיך ערהויבען פריי אין דער לופט. מיט א וועטערפאָהן אויף א שווינדעלדיגע הויך.

ס אָ ל נ ע ם :   (טראַכט אביסעל) עס איז אזוי מערקווירדיג, אז איהר זאָלט ד אָ ס זאָגען — ווייל דאָס איז וואָס איך וואָלט טאַקע אם ליעבסטען געמאַכט.

ה י ל ד א :   (אונגעדולדיג) ווארום זשע טהוט איהר עס ניט?

ס אָ ל נ ע ס : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) ניין, די מענשען ווילען עס ניט.

ה י ל ד א : דענקט נור — ז י י ווילען עס ניט!

ס אָ ל נ ע ס : (לייכטער) נור יעצט בוי איך אַ נייע היים פאר זיך אליין — אָט דאָ אנטקעגען.

ה י ל ד א : פאר זיך אליין?

ס אָ ל נ ע ס : יא, עס איז כמעט געענדיגט. און אויף דעם הויז איז פאראַן אַ טורעם.

ה י ל ד א : אַ הויכער טורעם.

ס אָ ל נ ע ס : יא.

ה י ל ד ע : זעהר הויך?

ס אָ ל נ ע ס : מען וועט געווים זאָגען, אז ס'איז צו הויך, ווענינגסטענס פאר אַ וואָהנונג.

ה י ל ד א : מאָרגען, גלייך אין דער פריה געה איך דאָס בעטראַכטען.

ס אָ ל נ ע ס : (זיצט מיט דער האַנד אונטערשפּאַרענדיג דאָס געזיכט און בעטראַכט זי) זאָגט מיר, פריילין וואַנגעל, וואָס איז אייער נאָמען, אייער פאָרנאָמען, מיין איך?

ה י ל ד א : נו, הילדא.

ס אָ ל נ ע ס : (ווי פריהער) הילדא? האַ?

ה י ל ד א : געדיינקט איהר ד אָ ס ניט? איהר אליין האָט מיך גערופען הילדא, יענעם טאָג, ווען איהר האָט זיך שלעכט בענומען.

ס אָ ל נ ע ס : אזוי?

ה י ל ד א : נור דאַן האָט איהר געזאָגט „ק ל י י נ ע ה י ל ד א" און מיר איז עס ניט געוועזן געפעלען.

ס אָ ל נ ע ס : אזוי, אייך איז דאָס ניט געוועזן געפעלען, פריי-ליין הילדאַ?

ה י ל ד א : ניין, ניט ביי אַזאַ געלעגענהייט. אָבער — „פרינצעסין הילדא" — דאָס, דענק איך, וועט קלינגען גאַנץ שעהן.

ס אָ ל נ ע ם: געוויס, פּרינצעסין הילדא פון — פון — ווי האָט געהייסען דאָס קעניגרייך?

ה י ל ד א: טפו! איך וויל גאָר ניט האָבען צו טאָן מיט י ע נ ע ם נאַרישען קעניגרייך. איך וויל גאָר אַן אַנדער מין קעניגרייך!

ס אָ ל נ ע ם: (שפּאַרט זיך אָן אין שטוהל און קוקט נאָך אַלץ אויף איהר) דאָס איז זאָנדערבאַר. וואָס מעהר איך דענק וועגען דעם, אַלץ מעהר צייגט זיך מיר אויס, אַז איך בין אַרומגעגאַנגען די אַלע יאָהרען, פּלאָגענדיג זיך מיט — ה׳ם —

ה י ל ד א: מיט וואָס?

ס אָ ל נ ע ם: מיט דער אַנשטרענגונג זיך אָן עטוואָס צו דערמאָנען — עפּעס אַן איבערגעלעבטע זאַך, וואָס איך האָב וואַהרשיינליך פערגעסען. נור איך האָב קיין מאָל ניט געהאַט דעם קלענסטען בעגריף, וואָס דאָס איז אַזוינס געוועזען.

ה י ל ד א: איהר וואָלט געדאַרפט מאַכען אַ קניפּעל אין אייער טאַשענטוך, בוימייסטער.

ס אָ ל נ ע ם: דאַן וואָלט איך געדאַרפט ברעכען דעם קאָפּ אויסצוגעפונען, וואָס דער קניפּעל מיינט.

ה י ל ד א: אָה, יאַ, עס זיינען, וואָהרשיינליך פּאַראַנען אַזעלכע מינים נישט־גוטע אויך אויף דער וועלט.

ס אָ ל נ ע ם: (הויבט זיך לאַנגזאַם אויף) עס איז אַ גרויס גליק, וואָס איהר זייט איצט געקומען.

ה י ל ד א: (קוקט טיעף אין זיינע אויגען) א י ז עס אַ גליק!

ס אָ ל נ ע ם: ווייל איך בין דאָ געוועזען אַזוי עלענד און האָב אויף אַלעם געקוקט אַזוי הילפלאָז. (שטילער) איך מוז אייך זאָגען, איך האָב זיך אָנגעהויבען אַזוי צו שרעקען — זיך מורא׳דיג צו שרעקען פאַר דער יוגענד.

ה י ל ד א: (אַביסעל מיט פערדרוס) עט! — פאַר דער יו־גענד דאַרפט איהר זיך גאָרניט שרעקען!

ס אָ ל נ ע ם: דאָך! דאָך! גראָד פאַר א י ה ר. אָט

דערפאר טאקע האָב איך זיך אזוי אָבגעשלאָסען און פערשפּארט. (געהיימניספאָל) איך זאָג אייך, די יוגענד וועט אמאָל קומען און דונערען ביי מיין טיר! און זיי וועלען זי אויפברעכען!

ה י ל ד א: דאַן, דענק איך, וואָלט איהר געדארפט געהן און עפענען די טיר פאר דער יוגענד.

ס אָ ל נ ע ס: עפענען די טיר?

ה י ל ד א: נו, יא. לאָזט זיי אריינקומען צו אייך אויף א פריינדליכען אופן.

ס אָ ל נ ע ס: ניין, ניין, ניין! די יוגענד — פערשטעהט איהר מיך, דאָס איז די אָברעכענונג. זי קומט, ווי אונטער א נייעם באַננער אָנצוקינדיגען אז די ראָד פון מזל האָט זיך אומ־געדרעהט.

ה י ל ד א: (הויבט זיך אויף, קוקט אויף איהם און זאָגט צו־נויפציהענדיג די ליפּען) קען א י ך אייך נוצליך זיין, בוימייסטער?

ס אָ ל נ ע ס: יא, איהר געווים! ווייל איהר קומט, דאכט זיך אויך אונטער א נייעם באַננער. יוגענד געגען יוגענד —!

ד ר. ה ע ר ד ע ל: (קומט אַריין דורכ'ן פאָרדערצימער) ווי, איהר און פריילין וואַנגעל זייט נאָך אַלץ דאָ?

ס אָ ל נ ע ס: יא. מיר האָבען גערעדט אונענדליך פיעל, וועגען וואָס צו רעדען.

ה י ל ד א: אי אַלטעס, אי נייעס.

ה ע ר ד ע ל: ווירקליך?

ה י ל ד א: עס איז געווען זעהר אַמיוזאַנט. דער בוימייס־טער האָט אזא וואונדערבארען זכרון. ער געדענקט יעדע קליי־ניגקייט.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: (קומט אַריין פון דער טיר רעכטס) פריילין וואַנגעל, אייער צימער איז שוין פאַרטיג פאר אייך.

ה י ל ד א: אָה, ווי גוט איהר זייט צו מיר!

ס אָ ל נ ע ס: (צו פרוי סאָלנעס) דאָס קינדער־צימער?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: יא, דאָס מיטעלסטע. אָבער צו־ערסט לאָמיר געהן עסען.

ס אָ ל נ ע ס : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ צו הילדאן) הילדא וועט שלאָפען אין קינדער־צימער.

פ ר ו י : ס אָ ל נ ע ס : (קוקט אויף איהם) הילדא ? !

ס אָ ל נ ע ס : יא, פריילין וואַנגעל'ס נאָמען איז הילדא. איך האָב זי נאָך געקענט אַלס קינד.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אזוי גאָר האלווארד ? נו קומט, דאָס עסען איז אויפ'ן טיש. (זי נעהמט דר. הערדעל'ס אָרעם און געהט מיט איהם ארויס רעכטס. הילדע האָט דערווייל צונויפגענומען איהרע רייזע זאכען.)

ה י ל ד א : (מילד און שנעל צו סאָלנעסען) איז עס אמת, וואָס איהר האָט געזאָגט ? א י ך ק ע ן איך נוצליך זיין ?

ס אָ ל נ ע ס : (נעהמט ביי איהר די זאַכען) איהר זייט אקו־ראַט די, וועלכע איך האָב אזוי נויטיג געדארפט האָבען.

ה י ל ד אַ : (קוקט אויף איהם מיט אַ גליקליכען פערוואונדער־טען בליק און קלאַמערט צונויף די הענט) אָה, גאָט, ווי פּראַכטפאָל! —

ס אָ ל נ ע ס : (נייגעריג) וואָס ?

ה י ל ד א : איצט האָב איך מיין קעניגרייך !

ס אָ ל נ ע ס : (ניט ווילענדיג) הילדא — !

ה י ל ד א : (ווידער צונויפציהענדיג די ליפּען) כ מ ע ט,— האָב איך געוואָלט זאָגען. (זי געהט ארויס רעכטס, סאָלנעס נאָך איהר.)

צווייטער אקט

אַ שעהן פערפוצטער קליינער זאַל אין סאָלנעס׳ הויז. פון הינטען אַ גלעזערנע טיר וואָס פיהרט צו אַ ווערַאַנדאַ און צום גאָרטען. רעכטס אַ גרויסער ווינקעל־פענסטער, אויף וועלכען עס שטעהען וואַזאָנעס. אין לינקען ווינקעל אַ וואַנד, געבויט, ווי דאָס פענסטער רעכטס, און וועל־כער עס איז דאָ אַ טיר, געשפּאלירט ווי די וואַנד. פון בײדע זײטען געוועהנליכע טירען. פון פאָרענט רעכטס אַ קאָנסאָל־טיש מיט אַ שפּיגעל איבער איהם. אַ רייכע אויסשטעלונג פון בלומען און פלאַנצען. פון פאָרענט לינקס אַ סאָפאַ מיט אַ טיש און שטוהלען. ווייטער פון הינטען אַ ביכער־שראַנק. פאר דעם ווינקעל־פענסטער אַ קליינער טיש מיט שטוה־לען. עס איז פריהמאָרגען.

סאָלנעס זיצט ביי אַ טישעל, אויף וועלכען עס ליעגט ראַגנאַר בראָוויק׳ס פּאָרטפאָליא אָפען. ער בלעטערט די צייכנונגען און בעטראַכט איניגע פון זיי גענוי. פרוי סאָלנעס געהט שטילערהייד אַרום מיט אַ קליינעם וואַסער־קאַן און בעשפּריצט די בלומען. זי איז גע־קליידעט אין שוואַרצען ווי פריהער. איהר הוט, מאַנטעל און שירם ליגען אויף אַ שטוהל ביים שפּיגעל. סאָלנעס טהוט אַ קוק אויף איהר פון צייט צו צייט, ווען זי בעמערקט עס ניט. קיינער פון זיי רעדט ניט קיין וואָרט. קאַיאַ פאָסלי קומט שטיל אַריין פון דער לינקער טיר.

ס אָ ל נ ע ס : (קעהרט זיך אום און זאָגט צו איהר אין אַ גלייכגילטיגען טאָן) אַך, דאָס זייט איהר?

ק אַ י אַ : איך האָב אייך נור געוואָלט זאָגען, אַז איך בין שוין געקומען.

ס אָ ל נ ע ס : גוט. ראַגנאַר איז שוין אויך דאָ?

ק אַ י אַ : ניין, נאָך ניט. ער האָט געמוזט וואַרטען אַ ווילע אויפ׳ן דאָקטאָר. ער קומט אָבער באַלד זיך ערקונדיגען —

ס אָ ל נ ע ס : וואָס מאַכט דער אַלטער ?

ק אַ י אַ : ניט גוט. ער האָט געבעטען, איהר זאָלט איהם ענטשולדיגען, וואָס ער וועט היינטיגען טאָג מוזען בלייבען אין דער היים.

ס אָ ל נ ע ס : גאַנץ ריכטיג. זאָל ער נור זיך אויסרוהען. און, איהר נעהמט זיך צו אייער ארבייט.

ק אַ י אַ : יא. (זי בלייבט שטעהן אין טיר.) ווילט איהר רעדען מיט ראַגנאַרען, ווען ער וועט קומען ?

ס אָ ל נ ע ס : ניין. דאַכט זיך, איך האָב איהם גאָר ניט וואָס צו זאָגען.

(קאַיאַ געהט אַוועק אין דער לינקער זייט. סאָלנעס בלעטערט ווייטער אין די צייכנונגען.)

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (ביי די וואַזאָנעס) ווער וויים, ער וועט אפשר איצטער אויך שטאַרבען ?

ס אָ ל נ ע ס :(קוקט איהר אָן) אויך ? ווער נאָך דען ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (ניט ענטפערענדיג) יא, יא, קענסט זיך פערלאָזען דערויף, האַלוואַרד, דער אַלטער בראָוויק וועט אויך שטאַרבען. דו וועסט זעהן.

ס אָ ל נ ע ס : ליעבע אַלינאַ, דענקסטו ניט אַז דו וואָלסט געדאַרפט זיך דורכגעהן אַביסעל שפּאַצירען ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : יאַ, איך דענק אַז איך דאַרף טאַקע. (זי פּאָרעט זיך ווייטער מיט די בלומען.)

ס אָ ל נ ע ס : (איינגעבויגען איבער די צייכנונגען) זי שלאָפט נאָך ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס :(קוקט איהם אָן) דו זיצסט דאָ און קלערסט עס אַלץ וועגען פריילין וואַנגעל ?

ס אָ ל נ ע ס : (גלייכגילטיג) זי איז מיר גראַד, צופעליג, געקומען אויף די געדאַנקען.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : פריילין וואַנגעל איז שוין לאַנג אויפגעשטאַנען.

ס אָ ל נ ע ס : אזוי ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : ווען איך בין אַריינגעגאַנגען זי זעהן, איז זי געווען פערנומען איינאָרדנענדיג איהרע זאַכען.. (זי שטעלט זיך ביים שפּיגעל און הויבט אָן לאַנגזאַם אָנטאָן דעם הוט.)

ס אָ ל נ ע ס : (נאָך אַ קורצער פּאוזע) ענדליך איז אונז דאָך צוגיץ געקומען איינס פון אונזערע קינדער־צימער, אלינאַ.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : יא, ס'איז צוניץ געקומען.

ס אָ ל נ ע ס : מיר דאַכט עס איז אַלץ בעסער, איידער זיי וואָלען איינגאַנצען שטעהן פּוסט.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : די דאָזיגע פּוסטקייט איז שרעקליך. דאָס איז אמת.

ס אָ ל נ ע ס : (פערמאַכט די פּאָרטפאָליא מיט די צייכנונגען, שטעהט אויף און געהט צו צו איהר) דו וועסט זעהן, אלינא, אַז נאָך דעם וועט אונז זיין אַ סך בעסער. עס וועט זיין בעקוועמער. דאָס לעבען וועט זיין לייכטער — ספּעציעל פאַר ד י ר .

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (קוקט איהם אָן) נאָך דעם?

ס אָ ל נ ע ס : יא, גלויב מיר, אלינא —.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : דו מיינסט וויל ז י איז דאַ גע־קומען?

ס אָ ל נ ע ס : (זיך צוריקהאַלטענדיג) איך מיין, נאַטירליך, ווען מיר וועלען אַריינציהען אין דאָס נייע הויז.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (נעהמט איהר מאַנטעל) אַה, דו גלויבסט עס, האַלוואַרד? עס וועט דאַן בעסער זיין?

ס אָ ל נ ע ס : איך קען עס מיר אַנדערס ניט פאָרשטעלען. און דו דענקסט דען ניט אַזוי?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : איך האָף גאָר ניט אויף דאָס נייע הויז.

ס אָ ל נ ע ס : (אומעטיג) עס פערדריסט מיך זעהר ווען דו זאָגסט עס. וואָרים דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב עס הויפּטזעכליך פון דיינעט וועגען געבויט. (ער וויל איהר העלפען אָנטאָן דעם מאַנטעל.)

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (ווייזט צוריק זיין הילף) דער אמת

איז, אַז דו טוסט צופיעל פון מיינעטוועגען.

ס אָ ל נ ע ס : (מיט היץ) ניין, ניין, זאָג עס ניט, אַלינאַ! איך קען ניט הערען אַזעלכע ווערטער פון דיר!

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : נו, אויב אַזוי וועל איך דאָס שוין מעהר ניט זאָגען, האַלוואַרד.

ס אָ ל נ ע ס : איך בלייב אָבער ביי מיין מיינונג. דו וועסט שוין זעהן ווי פיעל בעסער עס וועט פאַר דיר זיין אין דער נייער וואוינונג.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אַך גאָט — פאַר מיר בעסער! —

ס אָ ל נ ע ס : (היטציג) יאַ, געוויס! דו קענסט זיין זיכער אין דעם! ווייל דאָרטען, פערשטעהסטו, וועט זיין אַזוי פיעל, וואָס וועט דיך דערמאָנען אָן דיין אייגענער היים...

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אָן די היים פון מיין פאָטער און מוטער — וואָס איז אָבגעברענט געוואָרען ביז'ן גרונד ——

ס אָ ל נ ע ס : (שטיל) יאַ, יאַ, מיין אָרעמע אַלינאַ, דאָס איז פאַר דיר געוועזן אַ שרעקליכער קלאַפּ.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (מיט אַ וויינענדיגער שטימע) דו מעגסט בויען וויפיעל דו ווילסט, האַלוואַרד — פאַר מ י ר קענסט דו קיינמאָל קיין ריכטיגע היים ניט אויפבויען!

ס אָ ל נ ע ס : (שפּאַנט איבער'ן צימער) נו, אויב אַזוי, לאָמיר וועגען דעם מעהר ניט רעדען.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : מיר רעדען וועגען דעם זאָנסט אויך קיינמאָל ניט, ווייל דו שטופּסט דעם געדאַנק שטענדיג אַוועק פון זיך...

ס אָ ל נ ע ס : (בלייבט מיט אַמאָל שטעהן און קוקט אויף איהר) איך? פאַרוואָס זאָל א י ך דאָס דען טאָן? אַוועקשטופּען דעם געדאַנק?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אָה, האַלוואַרד, איך פערשטעה דיך גאַנץ גוט. דו ווילסט מיך שאַנעווען, און געפינען תּרוצים פאַר מיר אויך וויפיעל דו קענסט נור.

סאָלנעס: (ערשטוינט) פאַר דיר! רעדסטו וועגן **דיר** וועגן זיך אַליין, אַלינאַ?

פרוי סאָלנעס: נו, יאַ, וועגן וועמען **דען זאָל** איך רעדען?

סאָלנעס: (ניט ווילענדיג צו זיך אַליין) **נאָך דאָס** האָט געפעהלט!

פרוי סאָלנעס: וועגען דאָס אַלטע הויז **וואָלט איך** גאָרניט געזאָרגט. איין מאָל האָט דאָס אומגליק געדאַרפט **קומען**, דאַן...

סאָלנעס: דאָס האָסט דו רעכט. פון קיין אומגליק אַנטלויפט מען ניט, ווי מען זאָגט.

פרוי סאָלנעס: אָבער דאָס שרעקליכע, וואָס **איז** ארויסגעקומען, פונ'ם פייער — ! דאָס איז עס! דאָס, **דאָס**!

סאָלנעס: (היציג) ניט טראַכט וועגען דעם, **אַלינאַ**!

פרוי סאָלנעס: אָה, דאָס איז גראַד, וועגען וואָס איך מוז טראַכטען. און איצט מוז איך עס טאַקע ארויסרעדען אויך, ווייל איך קען עס שוין מעהר ניט אריבערטראָגען! און דאַן, וואָס איך קען מיר אַליין קיין מאָל ניט פערגעבען!...

סאָלנעס: (שרייט אויס) וואָס, דו קענסט דיר ניט פערגעבען?

פרוי סאָלנעס: יאַ, וואָרים איך האָב דאָך געהאַט צווייערליי פליכטען: צו דיר און צו די קינדער. איך האָב זיך געדאַרפט שטאַרקען, ניט צוטומעלט ווערן אין שרעק — אָדער פון יסורים, וואָס איך האָב פערלאָרען מיין היים. (ברעכט די הענד.) אָה, ווען איך וואָלט דאָס נאָר געקענט, האַלוואַרד!

סאָלנעס: (קומט נעהענטער, געריהרט און מילד) **אַלינאַ**, דו מוזט מיר פערשפרעכען, מעהר זיך אין אַזוינע געדאַנקען ניט אריין צו לאָזען. פערשפרעך דאָס מיר!

פרוי סאָלנעס: דו ליעבער גאָט! —— **פערשפרע**-כען! פערשפרעכען קען מען אַלעס...

סאָלנעס: (פרעסט צוזאַמען די הענד און געהט איבער'ן

צימער) אָה, מען קען פערצווייפלען! קיין איין שטראהל פון דער זון! ניט צום מאָל אַ העלער שיין צו בעלייכטען אונזער היים!

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : דאָס א י ז ניט קיין היים, האָל־וואַרד.

ס אָ ל נ ע ס : אָה, ניין. דאָס איז דער גאַנצער אמת. (מיט אַ שווערען געמיט) און גאָט ווייס, אויב דו האָסט ניט רעכט, אַז עס וועט אונז אין דעם נייען הויז אויך ניט בעסער זיין!

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : עס וועט קיין מאָל ניט בעסער זיין, פונקט אַזוי פוסט, פונקט אַזוי עלענד, דאָרטען ווי דאָ.

ס אָ ל נ ע ס : (מיט היטץ) אָבער, אום גאָטעס ווילען, צו וואָס האָבען מיר עס געבויט? קענסטו מיר ערקלערען?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : ניין, אויף דער פראַגע מוזט דו אליין ענטפערען.

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט אויף איהר ערשטוינט) וואָס מיינסט דו ד ע ר מ י ט, אַלינאַ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : וואָס איך מיין?

ס אָ ל נ ע ס : יאַ, צום טייפעל — ! דו האָסט עס געזאָגט אַזוי מאָדנע — ווי עס וואָלט אין דעם געווען עפּעס אַ פערבאָר־גענער געדאַנק.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : ניין, גאָרנישט; דו מעגסט זיין זיכער...

ס אָ ל נ ע ס : (קומט צו נעהענטער) אָה, עס איז ניט נעכט־היג — איך ווייס וואָס איך ווייס. איך האָב אָפען מיינע אויגען, און מיינע אויערען, אַלינאַ, קענסט זיך פערלאָזען אויף מיר!

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : וואָס רעדסטו דען? ו ו אָ ס איז עס אַזוינס?

ס אָ ל נ ע ס : (שטעלט זיך קעגען איהר) ווילסטו מיר איינ־ריידען, אַז דו געפינסט ניט עפּעס אַ פערבאָרגענעם געדאַנק אין יעדען אונשולדיגען וואָרט, וואָס איך רעד אַרויס?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : א י ך, זאָגסט דו? איך טו דאָס?

ס אָ ל נ ע ס : (לאַכט) האַ־האַ־האַ! עס איז גאָר קיין

וואונדער ניט, אלינא! ווען דו מוזט זיך קוועלען מיט א קראנקען מאן אין הויז.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם: (מיט אנגסט) ק ר אַ נ ק? דו ביסט קראַנק, האַלוואַרד?

ס אָ ל נ ע ם: (פּלאַצט אַרויס) אָדער מיט א האַלב-פערריקטען מאַן! א משוגענעם מאַן! רוף מיך, ווי דו ווילסט!

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם: (טאַפּט אָן אַ שטוהל און זעצט זיך) האַלוואַרד — אום גאָטעס ווילען!

ס אָ ל נ ע ם: אָבער, איהר האָט ביידע אַ טעות, אי דו, אי דער דאָקטאָר. ניט דאָס איז די צרה מיט מיר. (ער שפּאַצירט אַרום אין צימער. פרוי סאָלנעס קוקט איהם נאָך מיט אַנגססט. ענדליך געהט ער צו צו איהר. רוהיג) אין גרונד גענומען פעהלט מיר גאָר נישט.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם: נײן, ניט וואַהר? וואָס זשע איז דאָך מיט דיר?

ס אָ ל נ ע ם: די צרה איז, וואָס איך פיהל אָפט, ווי איך זינק אַרונטער אונטער דעם שווערען לאַסט פון שולדען...

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם: שולדען, זאָגסט דו? אָבער דו ביסט דאָך קיינעם גאָר נישט שולדיג, האַלוואַרד!

ס אָ ל נ ע ם: (מילד, מיט געפיהל) איך בין ד י ר שולדיג אָן אונענדליען חוב — ד י ר, ד י ר, אלינא.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם: (הויבט זיך לאַנגזאַם אויף) וואָס שטעקט הינטער אַלעם דעם? זאָג מיר בעסער גלייך.

ס אָ ל נ ע ם: עס ש ט ע ק ט גאָר ניט הינטער דעם. איך האָב דיר קיין מאָל קיין שלעכטס ניט געטאָן. יעדענפאַלס ניט, וויסענדיג אָדער ווילענדיג. און דאָך — און דאָך דאַכט מיר, אז עפּעס אַ שווערע שולד ליעגט אויף מיר און בויגט מיך צו דער ערד.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם: אַ שולד געגען מ י ר?

ס אָ ל נ ע ם: הויפּטזעכליך געגען דיר.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם: אויב אזוי, ביסט דו טאַקע קראַנק,

האָלוואַרד.

ס אָ ל נ ע ס : (מיט אַ שווערען געמיטה) אַפּנים עס מוז אַזוי זיין, אָדער ניט ו ו י י ט דערפון. (ער קוקט אויף דער טיר רעכטס, וועלכע עפענט זיך) אַה, איצט ווערט ליכטיג!

ה י ל ד א ו ו א נ ג ע ל : (קומט אריין; זי האָט אַביסעל געענדערט איהר קאָסטיום, דאָס קלייד איז אַראָפּגעלאָזען).

ה י ל ד א : גוט מאָרגען, בוי־מייסטער!

ס אָ ל נ ע ס : (פערנייגט זיך) האָט איהר גוט געשלאָפען?

ה י ל ד א : וואונדערבאַר גוט! ווי אין אַ וויגעל. אַה — איך בין געלעגען און האָב זיך אויסגעצויגען — ווי אַ פּרינצעסין!

ס אָ ל נ ע ס : (שמייכעלט) הייסט עס, ס'איז אייך געווען גאַנץ בעקוועם?

ה י ל ד א : איך מיין עפּעס אַזוי.

ס אָ ל נ ע ס : און איהר האָט וואהרשיינליך געטרוימט אויך?

ה י ל ד א : געווים. אָבער דאָס איז געווען שרעקליך.

ס אָ ל נ ע ס : אַזוי?

ה י ל ד א : יאַ, דען עס האָט זיך מיר געחלומ'ט אַז איך בין אַראָבגעפאַלען פון אַן אונגעהייער הויכער פעלזענוואַנד. חלומ'ט זיך אייך קיינמאָל ניט אַזעלכע חלומות?

ס אָ ל נ ע ס : אָה, יאַ. מאַנכעס מאָל...

ה י ל ד א : עס איז אַזוי שפּאַנענד — ווען מען פאַלט און פאַלט...

ס אָ ל נ ע ס : עס פיהלט זיך ווי דאָס בלוט וואָלט ווערען פערקיהלט.

הי ל ד א : ציהט איהר אַרויף די פיס אונטער זיך, ווען איהר פאַלט?

ס אָ ל נ ע ס : יאַ, אַזוי הויך ווי איך קען נור.

ה י ל ד א : איך טו עס אויך.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (נעהמט איהר שירם) איצט מוז איך

געהן אין שטאָדט, האַלוואַרד. (צו הילדען) און איך וועל זעהן איינ־קויפען פ אַ ר א י י ך איניגע זאַכען.

ה י ל ד אַ: (וויל זי אַרומנעהמען) אַך, ליעבע, טייערע פרוי סאָלנעס! איהר זייט ווירקליך צו גוט צו מיר! שרעקליך גוט...

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: (זיך לויז מאַכענדיג פון איהר) אָה, דורכאויס ניט. עס איז נישט מעהר ווי מיין פליכט און דאַרום טו איך עס גערן.

ה י ל ד אַ: (בעליידיגט, בלאָזט אָן די ליפּען) איבריגענס, דענק איך, אַז איך קען אַזוי אויך אַרויסגעהן אין גאַס, איצט אַז איך האָב מיין קאָסטיום אַביסעל צורעכט געמאַכט. אָדער איהר דענקט אַז ניט?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: דעם אמת זאָגענדיג, דענק איך, אַז מען וואָלט אייך אָנגעקוקט אַביסעל.

ה י ל ד אַ: (מיט פעראַכטונג) עט! נישט מעהר ווי דאָס? עס וואָלט מיר נור שפּאַס געמאַכט.

ס אָ ל נ ע ס: (מיט פערשטיקטען פערדרוס) יאָ, אָבער מענשען קענען זיך נאָך אַריינגעהמען אין קאָפּ, אַז א י ה ר זייט אויך משוגע.

ה י ל ד אַ: משוגע? זיינען דען דאָ אין שטאָדט פאַראַנען אַזוי פיעל משוגעים?

ס אָ ל נ ע ס: (ווייזט אויף זיין שטערן) דאָ זעהט איהר איינעם, יעדענפאַלס.

ה י ל ד אַ: איהר — הערר סאָלנעס!

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: אָבער, ליעבער האַלוואַרד!

ס אָ ל נ ע ס: האָט איהר דען דאָס נאָך ניט בעמערקט?

ה י ל ד אַ: ניין, דאָס האָב איך געוויס ניט בעמערקט. (זי בעדענקט זיך און שמייכעלט) און דאָך —— אין איין איינציגען פונקט פיליכט.

ס אָ ל נ ע ס: נאַ, דו הערסט, אַלינאַ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: וואָס איז עס פאַר אַ פונקט, פרייליין וואַנגעל?

הילדא: ניין, איך וועל ניט זאָגען.

סאָלנעס: אָה, יא. זאָגט עס!

הילדא: ניין, א דאנק אייך, אזוי פעררי͏קט בין איך ניט.

פרוי סאָלנעס: ווען דו וועסט בלייבען אליין מיט פריילין וואנגעל, וועט זי דאָס דיר שוין זאָגען, האַלוואַרד.

סאָלנעס: אזוי דענקסט דו?

פרוי סאָלנעס: יא, געוויס. דו קענסט דאָך זי אזוי גוט פון פריהער. נאָך אלס קינד, זאָגסט דו. (אָב דורך די טיר לינקס.)

הילדא: (נאָך א קליינער פּאוזע) האָט אייער פרוי מיך זעהר פיינד?

סאָלנעס: האָט איהר דען עפּעס בעמערקט?

הילדא: און איהר אליין האָט דאָס דען ניט בעמערקט?

סאָלנעס: (אויסווייכענדיג) אלינא איז געוואָרען אזוי שעמעדיג מיט פרעמדע מענשען די לעצטע פּאָר יאָהר.

הילדא: ווירקליך?

סאָלנעס: אָבער ווען איהר וואָלט זי געקענט — זי איז אזוי פיין, אזוי טריי, אזוי גוטהערציג.

הילדא: (אונגעדולדיג) אָבער אויב זי איז דאָס אלעס, פאר וואָס זשע האָט זי אזוי גערעדט פון פליכט?

סאָלנעס: פון פליכט?

הילדא: זי האָט געזאָגט, זי וועט געהן אין שטאָדט און מיר עטוואָס קויפען, ווייל עס איז איהר פליכט. אָך, איך קען ניט ליידען דאָס העסליכע וואָרט פליכט!

סאָלנעס: וואָרום דען?

הילדא: עס קלינגט אזוי קאַלט, שאַרף און שטעכעדיג. פליכט — פליכט — פליכט. דוכט זיך אייך ניט אז עס שטעכט אייך דורך?

סאָלנעס: הם — איך האָב וועגען דעם ניט נאָכגעדענקט.

הילדא: אָבער עס איז דאָך אזוי! און אויב זי איז

טאקע אזוי גוט — ווי איהר זאגט — צו וואס דארף זי אזוי רעדען?

ה י ל ד א : אבער, מיין גאט, ווי דען וואלט איהר וועלען זי זאל האבען געזאגט?

ה י ל ד א : זי האט געקענט זאגען, אז זי טוט עס ווייל איך געפעל איהר זעהר. אונגעפעהר אזוי האט זי געקענט זאגען — עפעס אזוינס וואס וואלט געווען ווארעם און הערצליך, פערשטעהט איהר מיך.

ס א ל נ ע ס : (קוקט זי אן) הייסט עס, אט אזוי האט איהר עס געוואלט האבען?

ה י ל ד א : יא, פונקט אויף א ז א ארט. (זי געהט ארום אין צימער, שטעלט זיך אפ ביי א ביכער־שראנק און קוקט אויף די ביכער.) איהר האט א סך ביכער!

ס א ל נ ע ס : יא, איך האב מיר איינגעשאפט א היבש ביסעל.

ה י ל ד א : און איהר לעזט זיי טאקע אלע?

ס א ל נ ע ס : אמאל פלעג איך עס פרובירען. לעזט איהר?

ה י ל ד א : ניין, קיין מאל ניט. איך האב עס אויפגעגעבען. עס איז אין גאנצען, מיר דוכט, אן איבעריגע זאך.

ס א ל נ ע ס : אקוראט אזוי פיהל איך אויך וועגען דעם.

ה י ל ד א : (געהט ווידער ארום, שטעלט זיך אב ביים קלײנעם טישעל, עפענט די פארטפאליע און בלעטערט דארט) זיינען דאס אלץ אייערע צייכנונגען?

ס א ל נ ע ס : ניין. עס האט זיי געמאכט א יונגערמאן, וועלכער ארבייט ביי מיר.

ה י ל ד א : איינער, וועמען איהר האט געלערנט?

ס א ל נ ע ס : אה, יא. אהן צווייפעל האט ער פון מיר אויך עטוואס געלערנט.

ה י ל ד א : (זעצט זיך) דאן מוז ער זיין זעהר געשיקט, (בע־טראכט די צייכנונגען) ניט וואהר?

ס א ל נ ע ס : אה, ניט שלעכט. פאר מ י י ן צוועק —

הילדא: אָה, יאַ — איך בין זיכער אַז ער איז שרעקליך געשיקט!

סאָלנעס: זעהט איהר דאָס ארויס פון זיינע צייכנונגען?

הילדא: עט — פון אָט די פּאַטשקעריי! אָבער איין מאָל האָט ער ביי אייך געלערנט, דאַן...

סאָלנעס: אָה, וואָס קעהר זיך אָן צו דעם — זיינען דאָ פּיעלע, וואָס האָבען ביי מיר געלערנט און זיינען דאָך ניט ווייט אוועק.

הילדא: (קוקט אויף איהם און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) ניין, איך קען פאר קיין פאַל ניט פערשטעהן, ווי איהר קענט זיין אַזוי נאַריש?

סאָלנעס: נאַריש? זעה איך דען אויס אַזוי נאַריש?

הילדא: נו, גאַנץ געוויס. אויב איהר זייט צופריעדען זיך אָבצוגעבען דערמיט און לערנען אָט די אַלע לייטע...

סאָלנעס: (לייכט אויפגעבראַכט זיך) יאַ, פאַר וואָס דען ניט?

הילדא: (שטעהט אויף האַלב לאַכענדיג און האַלב ערנסט) אַך, ניין, בוימייסטער! צו וואָס נוצט עס? קיינער, אויסער איי ך, דאַרף ניט האָבען דאָס רעכט צו בויען. איהר מוזט שטעהן גאַנץ אַליין! איהר אַליין דאַרפט אַלעס טהאָן. איצט ווייסט איהר שוין?

סאָלנעס: (ניט ווילענדיג) הילדא! —

הילדא: נו!

סאָלנעס: ווי אַזוי איז דאָס אייך געקומען אויף די געדאַנקען?

הילדא: דענקט איהר דען, אַז איך בין אַזוי שטאַרק אונגערעכט?

סאָלנעס: ניין. ניט דאָס האָב איך געמיינט. נור איצט וועל איך אייך עפּעס זאָגען.

הילדא: נו?

סאָלנעס: איך האָב זיך אָהן אָן אויפהער — שטיל און איינזאַם — ארומגעטראָגען מיט דיעזען געדאַנק.

הילדא: נו, דאָס איז, דאַכט מיר, גאַנץ נאַטירליך.

סאָלנעס: (קוקט אויף איהר פאַרשענד) אפשר האָט איהר דאָס שוין בעמערקט?

הילדא: ניין, ווירקליך ניט.

סאָלנעס: אָבער פריהער — ווען איהר האָט געזאָגט, אז איהר האַלט מיך פאר עטוואָס צודרעהט? אין איין פונקט, האָט איהר געזאָגט...

הילדא: אָה, דאַן האָב איך געדענקט וועגען גאָר עפּעס אַנדערס.

סאָלנעס: וועגען וואָס אַנדערס?

הילדא: איך וועל אייך ניט אויסזאָגען.

סאָלנעס: (שפּאַציערט איבער'ן צימער) ווי איהר ווילט זיך. (בלייבט שטעהן ביים פענסטער) קומט אהער, איך וויל אייך עפּעס ווייזען.

הילדא: (צוקומענדיג) וואָס איז דאָס אַזוינס?

סאָלנעס: איהר זעהט — דאָרט אין גאָרטען ——?

הילדא: יאָ?

סאָלנעס: (ווייזט מיט'ן פינגער) דאָרט פּונקט איבער'ן גרויסען שטיין־פעלד?

הילדא: דאָס נייע הויז מיינט איהר?

סאָלנעס: וואָס האַלט זיך אין בויען, יאָ. און כמעט געענדיגט.

הילדא: דאַכט מיר, עס האָט זעהר אַ הויכען טורעם.

סאָלנעס: דאָס ברעטער־געשטעל איז נאָך ניט אַרונ־טערגענומען געוואָרען.

הילדא: איז דאָס אייער נייע הויז?

סאָלנעס: יאָ.

הילדא: דאָס הויז, אין וועלכען איהר וועט באַלד אריינציהען?

סאָלנעס: יאָ.

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהם) זיינען אין ג ע נ ע ם הויז אויך פאראנען קינדער־צימערן?

ס א ל נ ע ס : דריי, פונקט ווי דא.

ה י ל ד א : און קיינע קינדער?

ס א ל נ ע ס : און עס וועלען שוין קיינמאל קיין קינדער ניט זיין.

ה י ל ד א : (האלב שמייכלענדיג) נו, בין איך ניט געווען גערעכט — ?

ס א ל נ ע ס : אין וואס —?

ה י ל ד א : אז איהר זייט דאך — עטוואס פעררוקט.

ס א ל נ ע ס : וועגען ד ע ם האט איהר דאס געטראכט?

ה י ל ד א : יא, וועגען די אלע פוסטע קינדער־צימערן, אין וועלכע איך בין געשלאפען.

ס א ל נ ע ס : (שטילער) מיר ה א ב ע ן ג ע ה א ט קינדער — אלינא און איך.

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהם געשפאנט) א י ה ר האט....?

ס א ל נ ע ס : צוויי קליינע אינגעלעך. זיי זיינען געווען אין איין עלטער.

ה י ל ד א : א צווילינג, הייסט עס?

ס א ל נ ע ס : יא, א צווילינג. עס איז שוין אין דעם עלף אדער צוועלף יאהר.

ה י ל ד א : פארזיכטיג) אוןביידע זיינען — ? איהר האט, הייסט עס, ביידע קינדער פערלארען?

ס א ל נ ע ס : (שטיל, בעוועגט) א דריי וואכען האבען מיר זיי געהאט. אדער כמעט אזוי פיעל צייט. (פלאצט ארויס) אה, הילדא, איך קען אייך גאר ניט זאגען ווי גוט עס איז פאר מיר, וואס איהר זייט געקומען! דען איצט האב איך ענדליך צו ווענען צו רעדען!

ה י ל ד א : קענט איהר דען ניט רעדען צו — צו א י ה ר?

ס א ל נ ע ס : ניט וועגען דעם. ניט אזוי ווי איך וויל

און מוז רעדען. (מיט אַ שווערען געמיטה) און אויך ניט וועגען נאָך פיעלע אַנדערע זאַכען.

הילדאַ: (מיט אַן אונטערדריקטער שטימע) איז דאָס אַלעס, וואָס איהר האָט געמיינט בעת איהר האָט געזאָגט, אַז איהר דאַרפט מיך האָבען?

סאָלנעס: דאָס איז געווען די הויפט־זאַך וואָס איך האָב געמיינט — וועניגסטענס נעכטען. ווייל היינט בין איך שוין ניט אַזוי זיכער —— (אונטערברעכט זיך) קומט אהער און לאָמיר זיך אַוועקזעצען, הילדאַ. זעצט זיך דאָרט אויפ'ן זאָפאַ — אַזוי אַז איהר זאָלט קענען קוקען אין גאָרטען. (הילדאַ זעצט זיך אין אַ ווינקעל אויפ'ן זאָפאַ. סאָלנעס ברייגגט צו אַ שטוהל) ווילט איהר מיך אויסהערען?

הילדאַ: יאַ, איך וועל אייך זעהר, זעהר גערן אויס־הערען.

סאָלנעס: (זעצט זיך) אויב אַזוי, וועל איך אייך אַלעס דערציילען.

הילדאַ: איצט קען איך זעהן אי דעם גאָרטען, אי אייך, בוימייסטער. אַלזאָ, איצט דערצעהלט. הויבט אָן!

סאָלנעס: (ווייזט אויפ'ן פענסטער) אָט דאָרט אין דרויסען, אויפ'ן בערגעל — וואו איהר זעהט דאָס נייע הויז ——

הילדאַ: נו?

סאָלנעס: דאָרט האָבען מיר, איך און אַלינאַ, גע־וואוינט די ערשטע יאָהרען נאָך אונזער חתונה. דאָרט אויבען איז געשטאַנען אַן אַלט הויז, וואָס האָט בעלאַנגט צו איהר מוטער; מיר האָבען דאָס גע'ירש'נט; און דערצו אויך דעם גאַנצען, גרויסען גאָרטען.

הילדאַ: איז אויף יענעם הויז אויך געווען אַ טורעם?

סאָלנעס: ניין, אפילו קיין שפור ניט. פון דרויסען האָט עס אויסגעזעהען ווי אַ גרויסער, פינסטערער און העסליכער, הילצערנער קאַסטען; נור אינווענייג איז פון דעסטוועגען געווען גאַנץ נעט און בעקוועם.

הילדא: האט איהר ארונטערגעריסען די אלטע גע־ביידע?

סאלנעס: ניין, עס איז פערברענט געווארען.

הילדא: אינגאנצען?

סאלנעס: יא.

הילדא: איז עס פאר אייך געווען א גרויסער אונגליק?

סאלנעס: עס ווענדט זיך, ווי מען קוקט דערויף. אלס בוימייסטער האב איך אין גאנצען צו פערדאנקען דעם פייער —

הילדא: נו, נור — ?

סאלנעס: עס איז געווען באלד נאך דעם ווי די צוויי אינגעלעך זיינען געבארען געווארען.

הילדא: דער ארעמער צווילינג, יא.

סאלנעס: זיי זיינען געקומען געזונד און שטארק אויף דער וועלט, און זיי זיינען אזוי גוט געוואקסען, אז מען האט עס געקענט מערקען פון טאג צו טאג.

הילדא: קליינע קינדערלעך וואקסען זעהר שנעל אין אנהויב.

סאלנעס: עס איז געווען דאס שענסטע בילד אין דער וועלט צו זעהן אלינאן ליעגענדיג מיט זיי ביידען אין איהרע ארעמס.... אבער דאן איז געקומען די נאכט פון דעם פייער...

הילדא: (געשפאנט) וואס זשע איז געשעהן? זאגט, איז אימיצער אומגעקומען?

סאלנעס: ניין, דאס ניט. יעדער איז גערעטעט גע־ווארען פון הויז...

הילדא: נו, וואס קומט ווייטער? ——

סאלנעס: דער שרעק האט אלינא'ן זעהר ערשיטערט. דער ליארעם, דאס אנטלויפען פון הויז, די איילענעס, און דערצו נאך די אייז־קאלטע לופט יענע נאכט, ווייל מען האט זיי געמוזט ארויסטראגען אזוי ווי זיי זיינען געלעגען, אי איהר אי די קינ־דער ——

הילדא: און זיי האבען עס ניט אריבערגעטראגען?

סאָלנעס: אָה, זיי האָבען עס גראד אריבערגעטראָגען. נור אַלינאַ האָט בעקומען דאָס פיבער און עס איז אריין אין די מילך. זי האָט נור געוואָלט זיי אַליין זויגען. ווייל דאָס איז געוועזן איהר פליכט, האָט זי געזאָגט. און אונזערע ביידע אינגעלעך — זיי —— (ער פרעססט צונויף די הענד) זיי — אה!

הילדא: זיי האָבען דאָס ניט אריבערגעטראָגען?

סאָלנעס: ניין, דאָס האָבען זיי ניט אַריבערגעטראָגען. און אָט אזוי האָבען מיר זיי פערלאָרען.

הילדא: דאָס האָט פאַר אייך געמוזט זיין שרעקליך שווער.

סאָלנעס: שווער גענוג פאַר מיר. אָבער צעהן מאָל שווערער פאַר אַלינאַן (ער פרעסט צונויף די הענד אין איינגעהאַלטענער אויפרעגונג) אָה, אז אזעלכע זאכען זאָלען טרעפען אויף דער וועלט! (קורץ און פעסט) פון דעם טאָג אָן וואָס איך האָב זיי פערלאָרען, האָב איך מעהר קיין הארץ ניט צו בויען קירכען.

הילדא: האָט איהר ניט גערן געבויט דעם קירכען־טורעם ביי אונז אין שטאָדט?

סאָלנעס: ניט גערן. איך געדענק, ווי פריי און לייכט איך האָב געפיהלט ווען דער טורעם איז געווען געענדיגט.

הילדא: איך געדענק דאָס אויך.

סאָלנעס: און יעצט וועל איך שוין קיין מאָל ניט, — קיין מאָל ניט בויען עפּעס אזעלכעס, ניט קיין קירכען און ניט קיין קירכען־טורעמס.

הילדא: (שאָקעלט לאנגזאם מיט'ן קאָפּ) נור הייזער וואו מענשען זאָלען וואָהנען.

סאָלנעס: היימען פאַר מענשען, הילדא.

הילדא: אָבער היימען מיט הויכע טורעמס און מיט שפּיצען אויף זיי.

סאָלנעס: דאָס אם ליעבסטען (געהט איבער אין אַ לייכטען טאָן) נאָר, ווי איך האָב פריהער געזאָגט, דאָס פייער האָט מיך אויפגעריכט — אלס בוימייסטער, מיין איך.

ה י ל ד א :פּאַרוואָס רופט איהר זיך ניט אַרכיטעקט, ווי די אַנדערע ?

ס אָ ל נ ע ס : איך האָב דערצו ניט קיין גענוג סיסטעמאַ־טישע בילדונג. דאָס מעהרסטע וואָס איך קען, האָב איך אליין אויסגעפונען.

ה י ל ד א : אָבער טראָץ דעם זייט איהר הויך געשטיגען, בוימייסטער.

ס אָ ל נ ע ס : יע, צו פערדאַנקען דעם פייער. כמעט דעם גאַנצען גאָרטען האָב איך צוטהיילט אין בוי־פּלעצער פאַר ווילאָס; און ד אָ ר ט האָב איך געקענט בויען ווי איך האָב געוואָלט. אַזוי בין איך זעהר שנעל פאָרווערטס געגאַנגען.

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהם פאָרשענד) איהר מוזט זיין זעהר א גליקליכער מענש, אַז עס געהט אייך אַזוי.

ס אָ ל נ ע ס : (פינסטער) גליקליך ? איהר זאָגט עס אויך — ווי אַלע אַנדערע ?

ה י ל ד א : יא, איך דענק, איהר זייט עס. ווען איהר וואָלט נור קענען אויפהערען דענקען וועגען די צוויי קינדערלעך, דאַן...

ס אָ ל נ ע ס : (לאַנגזאַם) די צוויי קינדערלעך — זיי קען איך ניט אַזוי גרינג פערגעסען, הילדא.

ה י ל ד א : (עטוואָס אונזיכער) פיהלט איהר נאָך אַלץ דעם פערלוסט אַזוי שטאַרק — נאָך אַזוי פיעל לאַנגע יאָהרען ?

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט זי פעסט אָן, ניט ענטפערענדיג) א גליק־ליכער מענש, האָט איהר ג ע ז אָ ג ט.

ה י ל ד א : יא, אָבער זייט איהר דען ניט גליקליך אין אַנ־דערע הינזיכטען ?

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט אַלץ אויף איהר) ווען איך האָב אייך דאָס אַלעס דערצעהלט וועגען פייער — הם —

ה י ל ד א : נו ?

ס אָ ל נ ע ס : איז ניט געווען דעריין איין ספּעציעלער גע־דאַנק, וואָס איז אייך געוואָרען — אייך געוואָרען אויפפאַלענד ?

הילדא: (טראַכט, און קען ניט דערטראַכטען) ניין, וואָס פאַר א געדאַנק זאָל דאָס זיין?

סאָלנעס: (מיט איינגעהאַלטענער בעטאָנונג) נור דורך דעם פייער האָב איך געקענט קומען דערצו צו בויען מענשליכע היימען. בעקוועמע, שעהנע און ליכטיגע היימען, וואו פאָטער און מוטער מיט זייערע מחנות קינדער קענען וואָהנען זיכער און צופריעדען, פיהלענדיג וואָס פאַר א גוטע זאַך עס איז צו לעבען אויף דער וועלט, און דער עיקר צו געהערען איינער צום צווייטען, ווי אין די גרויסע, אזוי אין די קלענערע אנגעלעגענהייטען.

הילדא: (מיט היטץ) נו, און איז עס דען ניט א גרויס גליק פאַר איך צו קענען בויען אזעלכע פראַכטפאָלע היימען?

סאָלנעס: אָבער דער פּרייז, הילדא! דער שרעקליכער פּרייז, וואָס איך האָב געמוזט בעצאָהלען, כדי צו קומען דערצו!

הילדא: אָבער קענט איהר דאָס שוין קיין מאָל ניט פערגעסען?

סאָלנעס: ניין, כדי צו קענען בויען היימען פאַר אנדערע, האָב איך געמוזט פערלירען — אויף אייביג פערלירען — די האָפנונג צו האָבען אן אייגענע היים. איך מיין א היים פאַר א מחנה קינדערלעך — און פאַר א פאָטער און מוטער אויך.

הילדא: (פאָרזיכטיג) אָבער, האָט איהר דאָס דען געמוזט טאָן? און ווי זאָגט איהר, אויף אייביג?

סאָלנעס: (שאָקעלט לאַנגזאַם מיט'ן קאָפּ) דאָס איז געווען דער פּרייז פאַר דעם גליק, וועגען וועלכען מענשען רעדען אזוי פיעל. (אָטהעמט שווער) דאָס גליק — ה'ם — דאָס גליק האָט מען ביליגער ניט געקענט קויפען, הילדא.

הילדא: (ווי פריהער) אָבער קען דאָס דען ניט נאָך א מאָל גוט ווערען.

סאָלנעס: ניין, קיין מאָל ניט. דאָס איז נאָך א פאָלגע פון'ם פייער — און פון אלינא'ס קראַנקהייט דערנאָך.

הילדא: (קוקט אויף איהם מיט אן אונבעשטימטען אויסדרוק) און דאָך בויט איהר אַט די קינדער־צימערן?

ס אָ ל נ ע ס : (ערנסט) האָט איהר קיין מאָל ניט געמערקט, הילדא, ווי דאָס אונמעגליכע — רייצט און רופט ?

ה י ל ד א : (נאָכדענקענדיג) דאָס אונמעגליכע ? (בעלעבט) געוויס ! פיהלט איהר אויך אזוי ?

ס אָ ל נ ע ס : יא, אזוי פיהל איך.

ה י ל ד א : דאן מוז אין אייך אויך שטעקען עפּעס א נישט-גוטער.

ס אָ ל נ ע ס : פארוואָס א נישט-גוטער ?

ה י ל ד א : ווי דען וואָלט א י ה ר דאָס רופען ?

ס אָ ל נ ע ס : (הויבט זיך אויף) עס קען זיין, אז איהר זייט גערעכט. (האַסטיג) אָבער ווי אזוי זאָל איך ניט ווערען א נישט-גוטער, אז דיר געהט אַזוי אימער — אין אלעס —אין אלעס !

ה י ל ד א : ווי מיינט איהר דאָס ?

ס אָ ל נ ע ס : (שטיל, אינערליך בעוועגט) בעטראַכט גוט, וואָס איך זאָג אייך, הילדא. אלעס, אין וואָס איך האָב געהאט ערפאָלג, דאָס בויען און שאפען — די גאַנצע פּראַכט, זיכערקייט, לוסטיגע בעקוועמליכקייט — יא, אפילו ערהאבענקייט — (פּרעסט צונויף די הענד) אָה, ווי שרעקליך עס איז צו דענקען וועגען דעם...

ה י ל ד א : ו ו אָ ס איז אזוי שרעקליך ?

ס אָ ל נ ע ס : וואָס פאַר דאָס אַלעס מוז איך אָבקומען, אָבצאָהלען — ניט מיט געלד, נור מיט מענשליכען גליק. און ניט נאָר מיט מיין אייגען גליק, נור מיט דעם גליק פון אנדערע מענשען אויך. יא, יא, איהר זעהט, הילדא ? אָט, דאָס איז דער פּרייז וואָס מיין גליק האָט מיך געקאָסט — מיך און אנדערע. און טאָג איין טאָג אוים מוז איך צוזעהן ווי מען צאָהלט פאַר מיר דעם פּרייז אויפ'ס ניי. ווידער און ווידער — אימער ווידער !

ה י ל ד א : (הויבט זיך אויף און קוקט זיך איין אין איהם) איצט ווייס איך וועגען וואָס איהר דענקט — וועגען א י ה ר.

ס אָ ל נ ע ס : יאָ, הויפּטזעכליך וועגען אלינא'ן. ווייל אלינא — אויך זי האָט געהאט א בערוף אין לעבען, פּונקט ווי איך האָב געהאט מיין בערוף. (זיין שטימע ציטערט) אָבער איהר בערוף

האָט געמיזט ווערען צודריקט, צוריבען און פערניכטעט, כדי מיינער זאָל קענען זיך דורכרייסען אַ וועג און דערגרייכען דאָס, וואָס זעהט אוים ווי אַ גרויסער זיעג. דען איהר מוזט וויסען, אַז אלינא האָט אויך געהאט אַ טאַלאַנט צו בויען.

הילדא: זי? צום בויען?

סאָלנעס: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) ניט קיין הייזער און טורעמס, און טורעם־שפּיצען — ניט די אַלע זאַכען מיט וועלכע איך פערנעהם זיך...

הילדא: וואָס דען?

סאָלנעס: (מילד און בעוועגט) צו בויען קינדערשע נשמה־לעך, הילדא. אויפצובויען קינדערשע נשמה'לעך, פּאַלקאָם באַלאַנסירט און אין שעהנע, עדעלע פאָרמען. זיי זאָלען קענען זיך דערהויבען און ווערען אויפריכטיגע דערוואַקסענע מענשליכע נשמות. צו דעם האָט אַלינא געהאט טאַלאַנט. און אָט דאָס אַלעס ליעגט איצט אונבענוצט און אוננוצבאַר אויף אייביג — קיין שום טובה קומט קיינעם דערפון ניט ארויס — פּונקט ווי דער חורבן, וואָס בלייבט נאָך אַ שרפה.

הילדא: יאָ, אָבער ווען אפילו עס איז אזוי — !

סאָלנעס: עס איז אזוי! עס איז! איך וויים עס!

הילדא: נו, גוט, אָבער יעדענפאַלס איז עס דאָך ניט אייער שולד.

סאָלנעס: (וואַרפט זיין בליק אויף איהר, און שאָקעלט לאַנגזאַם מיט'ן קאָפּ) אה, דאָס איז טאקע די גרויסע, שרעקליכע פראַגע. דאָס איז דער צווייפעל, וואָס נאָגט מיך בייטאָג און ביינאַכט.

הילדא: דאָס?

סאָלנעס: יאָ. שטעלט זיך פאָר, אַז עס איז געווען מיין שולד — אין אַ געוויסען זינן.

הילדא: אייער שולד! דאָס פייער!

סאָלנעס: אין גאַנצען; אַלץ מיט אַנאַנדער. און דאָך, אפשר — בין איך טאַקע גאָר ניט שולדיג געווען אין דעם.

הילדא: (קוקט אויף איהם מיט אַ פערזאָרגטער מינע) אַך, בוימייסטער — אויב איהר קענט אזוי רעדען, האָב איך מורא, איהר זייט טאַקע פאָרט קראנק.

סאָלנעס: ה'ם — איך גלויב ניט, אז איך וועל ווען עס איז זיין קלאָר אין דעם פונקט.

(ראַגנאַר בראָוויק עפענט פאָרזיכטיג די טיר לינקס. הילדא קומט איהם אַנטקעגען).

ראַגנאַר: (דערזעהענדיג הילדען) אַך — ענטשולדיגט, הערר סאָלנעס. (מאַכט אַ בעוועגונג צוריק צו געהן.)

סאָלנעס: ניין, ניין, געהט ניט אַוועק. לאָמיר פערטיג ווערען דערמיט.

ראַגנאַר: אָה, יא — ווען מיר וואָלטען נור געקענט.

סאָלנעס: ווי איך הער, איז אייער פאָטער ניט בעסער ?

ראַגנאַר: מיין פאָטער ווערט וואָס אַ מאָל שוואכער, און דעריבער בעט איך אייך זעהר און זעהר איהר זאָלט שרייבען אַ פּאָר גוטע ווערטער אויף איינעם פון די פּלענער ! דער פאָטער זאָל האָבען צו לעזען איידער ער...

סאָלנעס: (האסטיג) וועגען אייערע צייכנונגען דאַרפט איהר מיט מיר מעהר גאָרניט רעדען !

ראַגנאַר: האָט איהר זיי דורכגעקוקט ?

סאָלנעס: יאָ, יאָ, איך האָב דורכגעקוקט.

ראַגנאַר: און זיי טויגען ניט ? און איך טויג, הייסט עס, אויך ניט ?

סאָלנעס: (אויסמיידענדיג אַן ענטפער) בלייבט דאָ ביי מיר, ראַגנאַר. איהר קענט אַלעס האָבען, ווי איהר ווילט. און דאַן קענט איהר הייראַטען קאַיאַן און לעבען רוהיג — און אפשר גליקליך אויך, ווער ווייסט ? נור דענקט ניט וועגען בויען אויף אייער אייגענער רעכענונג.

ראַגנאַר: נו, נו, דאַן מוז איך געהן אהיים און איבער־געבען דעם פאָטער, וואָס איהר האָט געזאָגט — איך האָב איהם

פערשפּראָכען דאָס צו טאָן. איז אָט דאָס אַלץ וואָס איך קען זאָגען מיין פאָטער איידער ער שטאַרבט?

ס אָ ל נ ע ס: (קעמפּפט מיט זיך) אָה, זאָגט איהם — זאָגט איהם וואָס איהר ווילט — פון מיינעט וועגען. דאָס בעסטע איז אָבער, איהם גאָרנישט צו זאָגען! (פּלאַצט פּלוצלונג אַרויס) איך ק ע ן אַנדערש ניט האַנדלען, ראַגנאַר!

ר אַ ג נ אַ ר: קען איך צוריקנעהמען די צייכנונגען?

ס אָ ל נ ע ס: יא, נעהמט זיי. געשווינד! זיי ליעגען דאָרט אויפ'ן טיש.

ר אַ ג נ אַ ר: (געהט צום טיש) איך דאַנק אייך.

ה י ל ד אַ: (לעגט איהר האַנד אויף דער פּאָרטפּאָליע) ניין, ניין; לאָזט זיי דאָ.

ס אָ ל נ ע ס: צו וואָס?

ה י ל ד אַ: ווייל איך וויל זיי אויך דורכקוקען.

ס אָ ל נ ע ס: אָבער, איהר ה אָ ט דאָך זיי... (צו ראַגנאַרען) נו, לאָזט זיי דאָ.

ר אַ ג נ אַ ר: מיט פערגניגען.

ס אָ ל נ ע ס: און געהט גלייך אהיים צו אייער פאָטער.

ר אַ ג נ אַ ר: יא, איך רעכען, אז איך מוז געהן.

ס אָ ל נ ע ס: (ווי פערצווייפעלט) ראַגנאַר — איהר ט אָ ר ט ניט פערלאַנגען פון מיר צו טאָן דאָס, וואָס איך קען ניט! איהר הערט, ראַגנאַר? איהר ט אָ ר ט עס ניט!

ר אַ ג נ אַ ר: ניין, ניין, ענטשולדיגט — (ער פערנייגט זיך און געהט אַרויס דורך די טיר אין ווינקעל).

ה י ל ד אַ: (זעצט זיך אויף אַ שטוהל ביים שפּיגעל. קוקט בייז אויף סאָלנעסען) דאָס איז געווען זעהר ניט שעהן פון אייער זייט.

ס אָ ל נ ע ס: איהר דענקט אויך אזוי?

ה י ל ד אַ: יע, עס איז געווען שרעקליך מיאוס און שלעכט, און גרויזאם אויך דערצו.

ס אָ ל נ ע ס: אָה, — איהר פערשטעהט ניט מיין לאַגע.

הילדא: און דאָך — ניין, איהר דאַרפט אזוי ניט זיין.

סאָלנעס: איהר האָט אליין ערשט נאָר־וואָס געזאָגט, אז קיינער אויסער מיר דאַרף ניט האָבען דאָס רעכט צו בויען.

הילדא: זאָ־וואָס מעג איך זאָגען — אָבער ניט איהר.

סאָלנעס: איך גיכער פון אלע. איך, וועלכער האָב אזוי טייער בעצאָהלט פאַר מיין איצטיגע לאַגע.

הילדא: אה, יא, איהר האָט בעצאָהלט מיט דאָס, וואָס איהר רופט הויזליכע רוה — און דערגלייכען.

סאָלנעס: און דערצו נאָך מיט דעם פריעדען פון מיין זעעלע.

הילדא: (הויבט זיך אויף) זעעלען־פריעדען! (מיט געפיהל) יא, יא, דאָ האָט איהר רעכט! ארעמער בוימייסטער, איהר מיינט, אז —

סאָלנעס: (מיט אַ שטילען געלעכטער) זעצט זיך נור ווידער אוועק, און איך וועל אייך דערצעהלען עפּעס אַ שפּאַס.

הילדא: (זעצט זיך; געשפּאַנט) נו?

סאָלנעס: עס קלינגט אזוי לעכערליך און קליינליך; ווייל, פערשטעהט איהר מיך, די גאנצע געשיכטע דרעהט זיך ארום אַ שפּאַלט אין אַ קוימען.

הילדא: ווייטער גאָרניט?

סאָלנעס: אין אָנהויב ניט מעהר ווי דאָס. (ער רוקט צו אַ שטוהל און זעצט זיך לעבען איהר.)

הילדא: (אונגעדולדיג, קלאַפּט זיך אין קניע) נו, דערצעהלט וועגען דעם שפּאַלט אין קוימען!

סאָלנעס: איך האָב דעם שפּאַלט בעמערקט אַ לאַנגע צייט פאַר'ן פייער. יעדעס מאָל, ווען איך פלעג ארויפגעהן אויפ'ן בוידים, פלעג איך אַ קוק טאָן צי ער איז נאָך דאָרט.

הילדא: נו, און ער איז געווען?

ס אָ ל נ ע ס : יאָ; ווייל קיינער, אויסער מיר האָט וועגען דעם ניט געוואוסט.

ה י ל ד א : און איהר האָט גאָרנישט געזאָגט?

ס אָ ל נ ע ס : גאָרנישט.

ה י ל ד א : און האָט גאָר ניט גערענקט צו פעררי‌כטען דעם קוימען?

ס אָ ל נ ע ס : אָה, יא, גערענקט האָב איך וועגען דעם, אָבער ווייטער ווי צום דענקען בין איך קיין מאָל ניט געקומען. יעדעס מאָל, ווען איך האָב געוואָלט אָנפאַנגען עפּעס טאָן, פלעגט מיך עפּעס א מין אונבעקאנטע קראַפט צוריקהאַלטען. איך פלעג טראַכטען: ניט היינט, מאָרגען! און עס איז פון דעם קיין מאָל גאָרנישט ארויס געקומען.

ה י ל ד א : אָבער, פאַרוואָס דאָט איהר עס געהאַלטען אין איין אָבלעגען?

ס אָ ל נ ע ס : ווייל אין קאָפּ האָט זיך ביי מיר ארומגעדרעהט א געדאַנק. (לאַנגזאַם און שטיל) דורך אָט דעם קליינעם שפּאַלט אין קוימען וועל איך זיך אפשר ארויפארבייטען — אלס בוימייסטער.

ה י ל ד א : (קוקט גלייך פאַר זיך) דאָס האָט געמוזט זיין שפּאַנענד!

ס אָ ל נ ע ס : כמעט אונווידערשטעהליך, — גאַנץ אונווי־דערשטעהליך. ווייל דאַן איז עס מיר פאָרגעקומען אזוי לייכט און איינפאַך. איך האָב געוואָלט עס זאָל פּאַסירען אין מיטען ווינטער — פאַר מיטאָג. איך האָב געזאָלט פאָהרען שפּאַצירען מיט אַלי־נאַ'ן אין א שליטען. די דיענסטען אין דער היים זאָלען האָבען שטאַרק אָנגעהייצט דעם אויווען.

ה י ל ד א : ווארים יענעם טאָג האָט אודאי געדאַרפט זיין א ביטערע קעלט?

ס אָ ל נ ע ס : יא, א בייסענדע קעלט, — און זיי וואָלטען, נאַטירליך, געוואָלט אַז אלינא זאָל דאָס הויז געפינען ווארעם און געמיטליך ווען זי וועט צוריק קומען.

ה י ל ד א : זי מוז הפּנים בטבע זיין א פערפראָרענע?

ס אָ ל נ ע ם : יא, דאָס איז אמת. און ווען מיר וואָלטען אהיים געפאָהרען, האָבען מיר בעדארפט זעהן דעם רויך.

ה י ל ד א : נור דעם רויך ?

ס אָ ל נ ע ם : דעם רויך צוערשט. אָבער צוקומענדיג צום טויער פון גארטען, האָט דער, אלטער האָלץ־קאסטען געדארפט אינגאנצען זיין אין פלאמען. אָט אזוי, פערשטעהט איהר, האָב איך עס געוואָלט האָבען.

ה י ל ד א : אָה, ווארום האָט עס טאקע ניט פאסירט אזוי !

ס אָ ל נ ע ם : דאָס קענט איהר אזוי לייכט זאָגען, הילדא.

ה י ל ד א : גוט, אָבער איצטער, הערט נור, בוימייסטער ! זייט איהר זיכער אז דאָס פייער האָט געטראָפען צוליעב דעם שפעל־טעל אין קוימען ?

ס אָ ל נ ע ם : אין געגענטהייל — איך בין גאנץ זיכער, אז דער שפאלט אין קוימען האָט גאָר קיין שייכות ניט געהאט צום פייער.

ה י ל ד א : וואָס !

ס אָ ל נ ע ם : עס איז אויף זיכער דערוויזען געוואָרען, אז דאָס פייער האָט זיך אָנגעהויבען פון א קליידער־אלמער — גאָר אין א גאנץ אנדער טייל פון הויז.

ה י ל ד א : צו וואָס־זשע נוצען די אלע פלוידערייען וועגען דעם שפאלט אין קוימען ?

ס אָ ל נ ע ם : מעג איך נאָך א ווײלע רעדען צו אייך, הילדא ?

ה י ל ד א : יא, אויב איהר וועט נור רעדען פערשטענדיג —

ס אָ ל נ ע ם : איך וועל פרובירען (רוקט נעהענטער צו זיין שטוהל.)

ה י ל ד א : אלזאָ, ארויס מיט דער שפראך בוימייסטער !

ס אָ ל נ ע ם : (פערטרויליך) גלויבט איהר ניט, הילדא, אז עס זיינען פאראנען איינצעלנע, אויסערוועהלטע מענשען, וועלכע זיינען בעגאבט מיט דער קראפט און פעהיגקייט צו ו ו י נ ש ע ן

עפּעס, צו ב ע ג ע ה ר ע ן, צו ו ו ע ל ע ן וואָס עס איז, אזוי שטאַרק און אזוי בעפעהלעריש, אַז עס מוז ענדליך געשעהען? גלויבט איהר ניט אין דעם?

ה י ל ד א: (מיט אַן אונבעשטימטען אויסדרוק אין די אויגען) אויב ד אָ ס איז ווירקליך אַזוי, וועלען מיר אין גיכען זעהן צי א י ך בין איינע פון די אויסערוועהלטע.

ס אָ ל נ ע ס: איינער אליין קען מען קיין גרויסע זאכען ניט אויפטהון. דאָס ניט. די העלפער און דיענער — זיי מוזען טהאָן זייער חלק, אום עס זאָל זיין אַן ערפאָלג. זיי קומען אָבער קיינמאָל ניט אליין. מען מוז זיי רופען אונאויפהערליך — איינזיך, אינעווענינ, פערשטעהט איהר?

ה י ל ד א: וואָס זיינען דאָס פאַר העלפער און דיענער?

ס אָ ל נ ע ס: אָה, וועגען דעם קענען מיר אַן אנדערס מאָל רעדען. איצט לאָמיר זיך נור האַלטען ביי דער געשיכטע מיט'ן פייער.

ה י ל ד א: דענקט איהר ניט, אַז דאָס פייער וואָלט יעדענפאַלס געטראָפען, אפילו ווען איהר וואָלט דאָס נ י ט געוואונשען?

ס אָ ל נ ע ס: ווען דאָס הויז וואָלט געווען דעם אַלטען קנוט בראָוויק'ס, וואָלט עס קיין מאָל ניט אָבגעברענט אזוי בעקוועמליך פאַר א י ה ם. איך בין זיכער אין דעם; ווייל ער ווייסט ניט ווי אזוי צו רופען די העלפער, — און די בעדיענער אויך ניט. (שטעהט אויף אַן אויפגערעגטער) אלזאָ, ווי איהר זעהט, הילדא, בין איך דאָך שולדיג אין דעם, וואָס [illegible] קינדערלעך האָבען פערלאָרען זייער לעבען. און דענקט איהר ניט אז איך בין אויך שולדיג אין דעם, וואָס אַלינאַ איז ניט געוואָרען דאָס, וואָס זי האָט געדאַרפט ווערען, און וואָס זי האָט אם ליעבסטען געוואָלט ווערען?

ה י ל ד א: יאָ, אָבער אויב דאָס איז אינגאנצען די ארבייט פון די העלפערס און דיענער?...

ס אָ ל נ ע ס: ווער אָבער האָט גערופען די העלפערס און דיענער? דאָס האָב א י ך געטהון! און זיי זיינען געקומען און האָבען זיך אונטערוואָרפען אונטער מיין ווילען. (ווערט אַלץ

מעהר און מעהר אויפגערעגט) אָט ד אָ ס רופען מענשען „האָבען גליק" ; איך וועל איך אָבער זאָגען, ווי עס פיהלט זיך צו האָבען אזא גליק. עס פיהלט זיך ווי א גרויסע רויהע וואונד דאָ אויף מיין ברוסט. די העלפערס און די דיענער האלטען אין איין שינדען שטיקער הויט פון אנדערע מענשען כדי צו פערמאכען מיין וואונד. אָבער, די וואונד פערהיילט זיך דאָך ניט — קיין מאָל ניט, קיין מאָל ניט! אָה, ווען איהר וואָלט וויסען ווי אזא וואונד קען עס אָפטמאָל צופען און ברענען!

ה י ל ד א : (קוקט איהם אויפמערקזאם אָן) איהר ז י י ט קראַנק, בוימייסטער. זעהר קראַנק, דוכט מיר.

ס אָ ל נ ע ס : זאָגט בעסער מ ש ו ג ע, ווארום דאָס איז דאָס וואָס איהר מיינט.

ה י ל ד א : ניין, איך דענק ניט אז די צרה איז עפּעס מיט אייער מוח.

ס אָ ל נ ע ס : מיט וואָס דען איז די צרה? ארויס מיט דער שפּראַך!

ה י ל ד א : איך קלער מיר, צי זייט איהר ניט געקומען אויף דער וועלט מיט א קרענקליכען געוויסען.

ס אָ ל נ ע ס : א קרענקליכער געוויסען? וואָס פאר־א שווארץ־יאָהר איז דאָס?

ה י ל ד א : איך מיין, אז אייער געוויסען איז שוואך — צו־עדעל געבויט, אזוי צו זאָגען — ער האָט ניט די קראפט א זאך פעסט אָנצופּאסען — א הויב טהאָן און פערטראָגען עפּעס שווע־רעס.

ס אָ ל נ ע ס : (ברומט) הם! — מעג איך אייך פרעגען, וואָס פאר א סאָרט געוויסען מוז דען איינער האָבען?

ה י ל ד א : איך וואָלט וועלען, אז א י י ע ר געוויסען זאָל זיין א געזונטער דורך־און־דורך.

ס אָ ל נ ע ס : אזוי? א געזונטער, הא? איז אייער איי־גענער געוויסען א געזונטער?

ה י ל ד א : יא, איך דענק אז ער איז. איך האָב קיין מאָל ניט געמערקט אז ער איז עס ניט.

ס אָ ל נ ע ס : איך רעכען אָבער, אז ער איז נאָך קיין מאָל ניט געשטעלט געוואָרען אויף אַ שווערער פּראָבע.

ה י ל ד א : (מיט אַ ציטער אויף די ליפּען) אָה, עס איז גאָר ניט אזוי לייכט געווען אוועקצוגעהן פון מיין פאָטער — איך האָב איהם אזוי ליעב!

ס אָ ל נ ע ס : אַך, א גרויסע מעשה! אויף אַ מאָנאַט אָדער צוויי —

ה י ל ד א : איך גלויב ניט אז איך וועל ווען עס איז געהן צוריק אהיים.

ס אָ ל נ ע ס : קיינמאָל ניט? איז פאַר וואָס זייט איהר אוועק געגאַנגען פון איהם?

ה י ל ד א : (האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס) האָט איהר שוין ווידער פערגעסען, אז די צעהן יאָהר האָבען זיך געענדיגט?

ס אָ ל נ ע ס : אַך, אונזינן. האָט עפּעס פּאַסירט ביי אייך אין דער היים? האַ?

ה י ל ד א : (ערנ[illegible]) עס איז עפּעס געוו[illegible] אין מ י ר, וואָס האָט מיך געיאָגט און געטריבען אַהער — און געצויגען און געשלעפּט.

ס אָ ל נ ע ס : (היציג) אָט האָט איהר עס! אָט האָט איהר עס, הילדא! אין אייך שטעקט אויך עפּעס אַ „נישט גוטער“, אזוי ווי אין מיר. ווארום, פערשטעהט [illegible]יהר [illegible], [illegible] איז דער נישט גוטער אין מענשען — ער איז דאָס, וואָס רופט צו די אויסערליכע קרעפטען. און דאַן מוז מען נאכגעבען, צי מען וויל, צי מען וויל ניט.

ה י ל ד א: איך הויב אָן צו דענקען איהר האָט רעכט, בוי־מייסטער.

ס אָ ל נ ע ס : (שפּאַצירט איבער'ן צימער) אָה, עס זיינען דאָ אַ סך, אַ סך טייוואָלים אויף דער וועלט, הילדא, וועלכע מען זעהט קיינמאָל ניט!

הילדא: טײװאָלים אױך?

סאָלנעס: (בלײבט שטעהן) גוטע טײװאָלים און שלעכטע טײװאָלים, בלאָנדע, טײװאָלים און שװאַרצע טײװאָלים. װען מען װאָלט נור אימער געקענט װיסען צי דאָס זײנען די בלאָנדע אָדער די שװאַרצע, װאָס זײנען אױף איך אָנגעשיקט געװאָרען! (שפּאַצירט אַרום) אָה — אָה! דאַן װאָלט דאָס געװען אַ גאַנץ פּשוט'ע מעשה.

הילדא: (פאָלגט איהם נאָך מיט די אױגען) אָדער װען מען װאָלט האָבען אַ װירקליך שטאַרקען, פאָלקאָם געזונדען געװיסען — אַזױ אַז מען זאָל װאַגען צו טאָן װאָס מען װיל.

סאָלנעס: (שטעלט זיך אָב בײם גרעסערען טיש) איך גלױב, אַז אין דער הינזיכט זײנען דאָס רוב מענשען פּונקט אַזעלכע שװעכ־לינגע, װי איך בין.

הילדא: עס קען זײן.

סאָלנעס: (שפּאַרט זיך אָב אָן טיש) אין די סאַגאַ־ביכער — האָט איהר װען עס איז געלעזען די אַלטע סאַגאַ־ביכער?

הילדא: אָה, יאָ! װען איך פלעג לעזען ביכער, האָב איך —

סאָלנעס: אין יענע ביכער לעזט מען װעגען װיקינגען, װעלכע פלעגען זעגלען אין פרעמדע לענדער און דאַרטען פּלינדערען, ברענען און הרג'נען מענשען —

הילדא: און פלעגען אװעקפיהרען מיט זיך די פרױען —

סאָלנעס: — און האָבען זײ געהאַלטען אין פלען —

הילדא: — זײ האָבען זײ צו זיך אהײם גענומען אױף זײערע שיפען —

סאָלנעס: —און האָבען זיך מיט זײ בענומען, װי — װי די ערגסטע נישט־גוטע.

הילדא: (קוקט גלײך פאַר זיך מיט אַ האַלב־פערשלײערטע בליק) איך מײן, אַז דאָס, האָט געמוזט זײן זעהר שפּאַנענד.

סאָלנעס: (מיט אַ קורצען טיעפען געלעכטער) אװעקרױ־בען פרױען, האַ?

הילדא: געטרויבט צו ווערען.

סאַנעס: (קוקט אויף איהר אַן אויגענבליק) גאָר אזוי!

הילדא: (אונטערברעכענדיג דעם געשפּרעך) קענגען וואָס האָט איהר דאָס געטרעדט וועגען די וויקינגען, בוימייסטער?

סאָלנעס: אַנקעגען דעם, אַז, יענע חברה, אויב איהר ווילט, האָבען אודאי געמוזט האָבען אַ געזונטען געוויסען! ווען זיי זיינען צוריק אהיים געקומען האָבען זיי געקענט פרעסען און זויפען, און זיך פריהלען גליקליך ווי קינדער. און די פרויען אויך! אָפט פלעגט טרעפען, אז די פרויען האָבען בשום אופן ניט געוואָלט אוועקגעהן פון זיי. קענט איהר דאָס בעגרייפען, הילדא?

הילדא: די פרויען פערשטעה איך אויסגעצייכענט.

סאָלנעס: אַהאַ! אפשר וו... ט איהר אליין אויך געקענט טהאָן אזא זאך?

הילדא: ווארום דען ניט?

סאָלנעס: לעבען — מיט אייער אייגענעם פרייען ווילען — מיט אזא מין גראָבען קערל?

הילדא: אויב איך וואָלט זיך פערליעבט אין אזא גראָבען קערל —

סאָלנעס: וואָלט איהר זיך דען געקענט פערליעבען אין אזא מאַן?

הילדא: אַך גאָט, איהר ווייסט גאנץ גוט אז מען קען ניט אויסקלייבען אין וועמען זיך צו פערליעבען.

סאָלנעס: (קוקט אויף איהר נאָכדענקענד) אָה ניין, איך רעכען אז דער נישט-גוטער, וואָס זיצט אין מענשען איז פּעראַנטוואָרטליך דערפאַר.

הילדא: (האַלב לאַכענדיג) און אלע אנדערע געבענשטע שדים, מיט וועלכע איהר זייט אזוי גוט בעקאַנט — אי די בלאָנדע, אי די שווארצע.

סאָלנעס: (רוהיג און וואַרעם) דאן ווינש איך אייך, אז די טייוואָלים זאָלען זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווען זיי וועלען פאַר אייך אויסקלייבען, הילדא.

הילדא: פאר מיר האבען זיי שוין אויסגעקליבען — איין מאל פאר אלע מאל.

סאלנעס: (קוקט אויף איהר ערנסט) הילדא, איהר זייט ווי א ווילדער פויגעל פון וואלד!

הילדא: דורכאויס ניט. איך בעהאלט זיך ניט אין די קוסטען.

סאלנעס: ניין, ניין, אהר זייט גיכער עהנליך צו א רויב־פויגעל.

הילדא: דאס שוין גיכער. (זעהר הייס) און פארוואס טאקע ניט א רויב פויגעל? ווארום זאל איך ניט געהן אויף געיעג — אזוי גוט ווי אנדערע? אוועקשלעפען דאס רויב וואס איך בעגעהר — אויב איך קען נור איינגראבען אין איהם מיינע נעגעל און אוספיהרען מיט איהם וואס איך וויל.

סאלנעס: הילדא, — איהר ווייסט וואס איהר זייט?

הילדא: יא, איך רעכען, איך מוז זיין, א מאדנער סארט פויגעל.

סאלנעס: ניין. איהר זייט, ווי דער אנקומענדער פריה־מארגען. ווען איך קוק אויף אייך — דאכט זיך מיר, אז איך קוק אויף דעם אויפגאנג פון דער זון.

הילדא: זאגט מיר, בוימייסטער — זייט איהר זיכער, אז איהר האט מיך קיין מאל ניט גערופען צו זיך? איך מיין, אינוועניג, אין זיך?

סאלנעס: (מילד און לאנגזאם) איך הויב אן צו גלויבען, אז מסתמא האב איך —

הילדא: צו וואס האט איהר מיך געדארפט?

סאלנעס: איהר זייט די יוגענד, הילדא.

הילדא: (שמייכעלט) די יוגענד, פאר וועלכער איהר שרעקט זיך אזוי?

סאלנעס: (שאקעלט מיט'ן קאפ) און נאך וועלכער אין הארצען בענק איך דאך אזוי שטארק.

הילדא: (הויבט זיך אויף, געהט צו צום טישעל און נעהמט

ראַגנאַרס פּאָרטפּאָליע. האַלט דאָס פּאַר זיינע אויגען) מיר האָבען גערעדט וועגען די צייכנונגען —

ס אָ ל נ ע ס : (קורץ, צוריק ווייזענדיג זיי מיט דער האַנד) לעגט עס אוועק ! איך האָב שוין גענוג געקוקט אויף זיי.

ה י ל ד א : יא, אָבער איהר דארפט אויפשרייבען, אייער הסכמה אויף זיי.

ס אָ ל נ ע ס : אָנשרייבען מיין הסכמה אויף זיי ? קיין מאָל ניט !

ה י ל ד א : אָבער דער אַרעמער אַלטער האַלט ביים שטאַרבען ! קענט איהר איהם און זיין זוהן ניט מאַכען עטוואָס פערגעניגען איידער זיי שיידען זיך איינער פון צווייטען ? און, אפשר קען ער נאָך קריגען דעם אַנטראָג זיי דורצופיהרען אויך.

ס אָ ל נ ע ס : יא, דאָס וואָלט ער טאקע געקראָגען. ער האָט איך שוין בעוואָרענט דערמיט. — ער, מיין שעהנער יונגערמאַן !

הי ל ד א : אָבער, אום גאָטעס ווילען, אויב עס האַלט שוין דערביי — קענט איהר דען ניט אַ מאָל זאָגען אַ שטיקעל ליגען ?

ס אָ ל נ ע ס : אַ ליגען ? (מיט כּעס) — הילדא, נעהמט אוועק פון מיינע אויגען אָט די טייוועלשע צייכנונגען !

ה י ל ד א : (האַלט די פּאָרטפּאָליע נעהענטער צו זיך) נו, נו, נו — עסט מיך ניט אויף — איהר רעדט וועגען נישט־גוטע — מיר דאַכט אָבער אַז איהר בענעהמט זיך אליין ווי אַ נישט־גוטער. (קוקט זיך אַרום) וואו האַלט איהר אייער טינט און פעדער ?

ס אָ ל נ ע ס : דאָ אין צימער איז נישטאָ קיין טינט און פעדער.

ה י ל ד א : (געהט צו דער טיר) אָבער אין קאנטאָר, וואו דאָס פרייליין איז —

ס אָ ל נ ע ס : וואַרט נור, הילדא ! — איהר מיינט אַז איך דארף זאָגען אַ ליגען? יאָ, צוליעב דעם אַלטען וואָלט איך דאָס געדאַרפט טהאָן — איך האָב אין מיין צייט איהם צודריקט, מיט די פיס געטראָטען. —

ה י ל ד א : איהם אויך ?

ס אָ ל נ ע ס : איך האָב געדאַרפט מאַכען פלאַץ פאַר זיך. אָבער אָט דער ראַגנאַר — איהם טאָר מען אויף קיין פאַל ניט דערלאָזען אויפשטייגען.

ה י ל ד א : אַרעמער קערל, פאַר איהם דאַרף מען זיך געוויס ניט שרעקען. אויב ער איז אַ פוסטע כלי —

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט נעהענטער, קוקט אויף איהר און זאָגט שטיל) אויב ראַגנאַר בראָקוויק וועט נור קריגען די מעגליכקייט, וועט ער מ י ך אַראָב וואַרפען צו דער ערד. ער וועט מיך צודריקען, ווי איך האָב צודריקט זיין פאָטער.

ה י ל ד א : איהך צודריקען? האָט ער דען די פעהיגקייטען דערויף?

ס אָ ל נ ע ס : יאָ, איהר מעגט זיך פערלאָזען אויף דעם. ער האָט די פעהיגקייט! ער איז די י ו ג ע נ ד, וואָס שטעהט פאַרטיג אָנצוקלאַפּען ביי מיר אין טיר — צו מאַכען אַ סוף פון האַל־ווארד סאָלנעס!

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהם מיט שטילען פאָרוואורף) און דאָך ווילט איהר איהם פערשטעלען דעם וועג. פע, בוימייסטער!

ס אָ ל נ ע ס : דער קאַמפף, וועלכען איך האָב דורכגעמאַכט האָט מיר געקאָסט גענוג בלוט פון מיין האַרצען — און איך האָב מורא, אַז די העלפער און די דיענער וועלען מיר שוין אויך מעהר ניט פאָלגען.

ה י ל ד א : דאַן מוזט איהר זיך בעגעהן אָהן זיי. מען קען אַנדערש ניט מאַכען.

ס אָ ל נ ע ס : עס איז פאַרפאַלען, הילדא. דאָס מזל מוז זיך איבערדרעהען. אַביסעל פריהער אָדער אַביסעל שפּעטער — די אָברעכענונג איז אונדערבאַרמליך.

ה י ל ד א : (אין אַנגסט, פערדעקט די אויגען) רעדט ניט אזוי! איהר ווילט מיר נעהמען דאָס לעבען? איהר ווילט צונעהמען דאָס, וואָס איז מיר טייערער ווי דאָס לעבען?

ס אָ ל נ ע ס : און וואָס איז עס, וואָס איז אייך טייערער ווי דאָס לעבען?

ה י ל ד א: דער בעגעהר אייך צו זעהען א גרויסען. צו זעהן אייך מיט א קראנץ אין דער האנד, הויך, הויך אויף א קירכען טורעם. (וויעדער רוהיג) ארום מיט'ן בליישטיפט! א בליישטיפט האט איהר דאך ביי זיך!

ס אָ ל נ ע ס: (נעהמט אַרויס אַ בריעפענטאַש) איך האָב דאַ א בליישטיפט.

ה י ל ד א: (לעגט די פּאָרטפּאָליע אויף'ן סאָפאַ-טיש) גוט, איצט לאָמיר זיך ביידע דאַ אוועקזעצען, בוימייסטער. (סאָלנעס זעצט זיך ביים טיש, הילדאַ שטעהט הינטער איהם אָנגעשפּאַרט אָן שטוהל) און איצט וועלען מיר אָנשרייבען אויף די צייכנונגען. מיר מוזען שרייבען עפּעס זעהר ליעבעס און ווארעמעס — פאר אָט דעם העסליכען רואר — אָדער ווי ער הייסט דארט!

ס אָ ל נ ע ס: (שרייבט עטליכע ווערטער, קעהרט אום דעם קאָפּ און קוקט אויף איהר) זאָגט מיר איין זאך, הילדא.

ה י ל ד א: וואָס?

ס אָ ל נ ע ס: אויב איהר האָט געווארט אויף מיר די גאנצע צעהן יאָהר.

ה י ל ד א: איז וואָס?

ס אָ ל נ ע ס: פארוואָס האָט איהר ניט געשריבען צו מיר? איך וואָלט אייך דאך געקענט ענטפערען.

ה י ל ד א: (האַסטיג) ניין, ניין, גראָד דאָס האָב איך ניט געוואָלט.

ס אָ ל נ ע ס: ווארום ניט?

ה י ל ד א: איך האָב מורא געהאט אז די גאנצע זאך וואָלט דאַן איבערגעפיהרט געוואָרען. — אָבער, מיר האָבען דאך געוואָלט עפּעס אויפשרייבען אויף די צייכנונגען, בוימייסטער.

ס אָ ל נ ע ס: יא, מיר האָבען געוואָלט.

ה י ל ד א: (בייגט זיך אַריבער און קוקט איבער זיין אקסעל בעת ער שרייבט), געדענקט נור! ווארעם און ליעבליך! אָה ווי איך האס איהם — ווי איך האס דיעזען רואלד —

ס אָ ל נ ע ס : (שרייבענדיג) האָט איהר ווירקליך קיין מאָל קיינעם ניט געליעבט ?

ה י ל ד א : וואָס זאָגט איהר ?

ס אָ ל נ ע ס : האָט איהר גאָר קיינמאָל קיינעם ניט געליעבט?

ה י ל ד א : איהר מיינט, וואהרשיינליך, קיין אנדערען ?

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט אויף איהר) יא, קיין אנדערען. קיין מאָל ניט ? אין דיא גאַנצע צעהן יאָהר ? קיין איין מאָל ניט ?

ה י ל ד א : אָה, יא, מאנכעס מאָל, ווען איך בין געווען שטארק אויפגעבראכט אויף אייך פאר וואָס איהר קומט נישט.

ס אָ ל נ ע ס : דאן האָט איהר זיך יאָ אינטערעסירט מיט אנדערע אויך ?

ה י ל ד א : א קליין ביסעל — פאר א וואָך אָדער צוויי. אך, אין הימעל'ס ווילען, בוימייסטער : איהר ווייסט דאָך, ווי אזוי די זאכען קומען פאָר.

ס אָ ל נ ע ס : הילדא — מיט וואָס פאר א צוועק זייט איהר אהער געקומען ?

ה י ל ד א : פערלירט ניט קיין צייט מיט רעדען. דער ארע־מער אלטער קען דערווייל אוועקשטארבען.

ס אָ ל נ ע ס : ענטפערט מיר, הילדא. וואָס ייילט איהר פון מיר ?

ה י ל ד א : איך וויל מיין קעניגרייך.

ס אָ ל נ ע ס : הם — (ער גיט אַ שנעלען בליק אויף דער טיר לינקס און זעצט פאָרט זיין שרייבען אויף די צייכנונגען. אין דער זעלבער מינוט קומט אריין פרוי סאָלנעס ; זי האַלט אין האַנד עטלי־כע פעקלעך.)

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : דאָ זיינען אייניגע זאכען, וואָס איך האָב פאר אייך געבראכט, פרוילין וואנגעל. די גרעסערע פעקלעך וועט מען שפעטער צושיקען.

ה י ל ד א : אָה, ווי זעהר, זעהר ליעב דאָס איז פון אייער זייט !

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : בלויז מיין איינפאכע פליכט. ווייטער גאָרנישט.

ס אָ ל נ ע ם : (איבערלעזענדיג וואָס ער האָט געשריבען) אלינא !

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : יא ?

ס אָ ל נ ע ם : האָסט דו בעמערקט, צי די — די בוכהאַלטערין איז דאָרטען ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : יא, געווים, איז ז י דאָרטען.

ס אָ ל נ ע ם : (לעגט אריין די צייכנונגען אין פּאָרטפּאָליע) ה'ם —

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : זי איז געשטאַנען ביים שרייב־טיש, ווי זי שטעהט געוועהנליך, ווען א י ך געה דורך דאָס צימער.

ס אָ ל נ ע ם : (שטעהט אויף) דאן וועל איך דאָס איהר געבען און איהר זאָגען, אז . . .

ה י ל ד א : (נעהמט ביי איהם די פּאָרטפּאָליע) אָה, ניין. ערלויבט מ י ר צו האָבען דאָס פערגעניגען ! (געהט צום טיר, אָבער קעהרט זיך אום) ווי רופט מען זי ?

ס אָ ל נ ע ם : זי הייסט פריילין פאָסלי.

ה י ל ד א : אך, דאָס קלינגט אזוי קאַלט ! איך מיין, איהר פאָר־נאָמען ?

ס אָ ל נ ע ם : קאיא — גלויב איך.

ה י ל ד א : (עפענט די טיר און רופט) קאיא, קומט אריין ! שנעל ! הערר סאָלנעס וויל מיט אייך רעדען.

ק אַ י א : (ווייזט זיך אין טיר. קוקט אויף איהם ערשטוינט) אָט בין איך — !

ה י ל ד אַ : (דערלאַנגט איהר די פּאָרטפּאָליע) אָט, קאיא ! איהר קענט דאָס אהיים נעהמען ; הערר סאָלנעס האָט שוין אָנגעשריבען.

ק אַ י א : אָה, ענדליך !

ס אָ ל נ ע ם : גיט דאָס דעם אַלטען אזוי שנעל, ווי מעגליך.

ק אַ י א : איך געה דערמיט גלייך אהיים.

ס אָ ל נ ע ם : יא, יא, שנעל. איצט וועט שוין ראגנאר קענען בויען זעלבשטענדיג.

ק א י א : אָך, קען ער קומען אייך בעדאנקען פאר אַלעם...?

ס אָ ל נ ע ם : (הארט) איך וויל ניט קיין דאנק! זאָגט דאָס איהם פון מיינעט וועגען.

ק א י א : גוט, גוט, איך וועל —

ס אָ ל נ ע ם : און זאָגט איהם, אויך, אז פון איצט אָן נויטיג איך זיך ניט מעהר אין איהם. און אין אייך אויך ניט.

ק א י א : (ווייך און ציטערנדיג) אין מיר אויך ניט?

ס אָ ל נ ע ם : איצט וועט איהר זיך שוין דארפען פערנעהמען מיט אַנדערע זאַכען; און דאָס איז זעהר גוט פאר אייך. נו, געהט אהיים מיט די צייכנונגען, פריילין פאָסלי. שנעל! איהר הערט?

ק א י א : (ווי פריהער) גוט, הערר סאָלנעס. (זי געהט אַוועק).

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : גאָט! וואָס פאר אַ גניבישע אויגען זי האָט.

ס אָ ל נ ע ם : זי! אָט די ארעמע בעשעפענים?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : אָה, איך ווייס וואָס איך זעה, האלוואַרד — דו זאָגסט זיי אָב ווירקליך?

ס אָ ל נ ע ם : יאָ.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : איהר אויך?

ס אָ ל נ ע ם : האָסט דו דאָס דען ניט פערלאַנגט?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : אָבער, ווי קענסט דו זיך בעגעהען אָהן א י ה ר? — אָה, דו מוזט שוין אודאי האָבען אָנגעגרייט אַן אַנדערע, האלוואַרד.

ה י ל ד א : (לוסטיג) נו, א י ך יעדענפאַלס בין ניט די פערזאָן אויף צו שטעהן ביים שרייב טיש.

ס אָ ל נ ע ם : עס מאכט ניט, עס מאכט ניט — עס וועט שוין רעכט זיין, אַלינא. איצט דארפסטו נור דענקען וועגען אריינציהען אין דעם נייען הויז — אזוי שנעל ווי מעגליך. היינט אבענד וועלען מיר אויפהענגען דעם קראַנץ — (צו הילדא'ן) — גאַנץ

אויבען, אויפ'ן שפּיץ פון טורעם. וואָס זאָגט איהר ד ע ר צ ו, פריילין הילדא?

ה י ל ד א: (קוקט אויף איהם מיט פינקעלענדע אויגען) עס וועט זיין פּראכטפאָל צו זעהן איך ווידער אזוי הויך!

ס אָ ל נ ע ס: מיך!

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: אום גאָטעס ווילען, פריילין וואנגעל, שטעלט זיך דאָס גאָר ניט פאָר, אזאַ זאַך! מיין מאן! — איהם שווינדעלט דאָך אזוי!

ה י ל ד א: א י ה ם שווינדעלט! ניין, איך ווייס גאנץ גוט אז איהם שווינדעלט ניט.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: אָה, יא, עס איז דאָך אזוי.

ה י ל ד א: איך האָב איהם אָבער אַליין געזעהן גאנץ אויבען אויף אַ הויכען קירכען־טורעם!

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: יאָ, איך האָב געהערט רעדען דערפון. אָבער עס איז גאַנץ אונמעגליך...

ס אָ ל נ ע ס: (האַסטיג) אונמעגליך — אונמעגליך, יא! איך בין אָבער דאָך געשטאַנען העט אויבען!

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: אָה, ווי קענסט דו דאָס גאָר זאָגען, האַלווארד. דו קענסט אפילו ניט פערטראָגען ארויס צו געהן אויפ'ן באַלקאָן, דאָ אויפ'ן צווייטען עטאַזש. דו ביסט אימער אזוי געוועזן.

ס אָ ל נ ע ס: היינט אַוועגד, וועסט דו פילייכט זעהן גאָר עפּעס אנדערס.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: (מיט אַנגסט) ניין, ניין! דאָס וועל איך, מיט גאָטס הילף, ניט דערלעבען צו זעהן. איך וועל באַלד שרייבען צום דאָקטאָר און איך בין זיכער, אז ער וועט דאָס ניט דערלאָזען.

ס אָ ל נ ע ס: ווארום, אַלינאַ...!

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: אָה, דו ווייסט אז דו ביסט קראַנק, האַלווארד! דאָס אַליין איז אַ סמן! אָך גאָט — אָך גאָט! (זי געהט שנעל ארויס רעכטס.)

ה י ל ד א : (קוקט זיך גוט איין אין איהם) איז דאָס אמת, אָדער ניט ?

ס אָ ל נ ע ס : אז עס שווינדעלט מיר ?

ה י ל ד א : אז מיין בוימייסטער ו ו א ג ט נ י ש ט — ק ע ן נ י ש ט שטייגען אזוי הויך ווי ער בויט ?

ס אָ ל נ ע ס : איהר קוקט גאָר אויף דעם פון אזא שטאַנד־פונקט ?

ה י ל ד א : יא.

ס אָ ל נ ע ס : מיר דאכט, אז ס'איז אין מיר קיין ווינקעלע ניט געבליבען, אויף וועלכען איהר זאָלט קיין שליטה ניט האָבען.

ה י ל ד א : (קוקט צום ווינקעלפענסטער) אלזא, דאָרט אויבען, אזש דאָרט אויבען... !

ס אָ ל נ ע ס : (קומט נעהענטער צו איהר) איהר קענט האָבען דאָס אויבערסטע צימער אין טורעם, הילדא — דאָרט קענט איהר וואָהנען ווי א פרינצעסין.

ה י ל ד א : (מיט אַן אונבעשטימטען געמיש פון ערנסט און שפאָס) יא, דאָס האָט איהר מיר טאקע פערשפּראָכען.

ס אָ ל נ ע ס : האָב איך עס ווירקליך פערשפּראָכען ?

ה י ל ד א : פע, בוימייסטער ! איהר האָט געזאָגט, אז איך וועל זיין א פרינצעסין, און אז איהר וועט מיר געבען א קעניגרייך, און דאן האָט איהר גענומען — נו, מעהר זאָג איך ניט !

ס אָ ל נ ע ס : (פאָרזיכטיג) זייט איהר גאָר זיכער, אז דאָס איז ניט א חלום, אַן איינבילדונג, וואָס האָט זיך אייך ארייננעהאקט אין קאָפּ ?

ה י ל ד א : (שאַרף) און איהר מיינט אז איהר האָט דאָס, אפשר, גאָרניט געטהון ?

ס אָ ל נ ע ס : איך ווייס עס קוים אליין. (מילדער) אָבער ד אָ ס ווייס איך איצט אויף זיכער, אז איך...

ה י ל ד א : אז איהר...? זאָגט עס גלייך !

ס אָ ל נ ע ס : אז איך האָב עס ג ע ד א ר פ ט טאָן.

הילדא: (שרייט אויס מונטער) דערצעהלט מיר ניט אז איי ך קען אמאָל שווינדלען דער קאָפּ!

סאָלנעס: הייסט עס, היינט אווענד העננען מיר אויף דעם קראַנץ — פּרינצעסין הילדא.

הילדא: (מיט אַ ביטערען צוק פון די ליפּען) איבער אייער נייער היים, יא!

סאָלנעס: איבער דעם נייעם הויז, וואָס וועט קיין מאָל ניט זיין קיין היים פאר מיר. (ער געהט אַרויס דורך די טיר אין גאָרטען).

הילדא: (קוקט גלייך פאַר זיך מיט אַ ווייטען אויסדרוק אויף איהר געזיכט, און מורמעלט צו זיך אליין. די איינציגע ווערטער וואָס מען הערט זיינען) — שרעקליך שפּאנענד —

דריטער אקט

א גרויסע, ברייטע וועראַנדע פאַר סאָלנעסעס וואָהנונג. אַ טהייל פון הויז מיט אַן אַרויסגאַנג אויף דער וועראַנדע זעהט זיך לינקס. אַ פּאַרענצע ארום דער וועראַנדע אויף דער רעכטער זייט. פון הינטען, פון דער שמאָלער זייט פון דער וועראַנדע — טרעפּ וואָס פיהרען אַראָב אין גאָרטען. הויכע, אַלטע בוימער פערשפּרייטען זייערע צווייגען איבער דער וועראַנדע צום הויז. ווייט, אויף דער רעכטער זייט, צווישען די בוימער, זעהט זיך עטוואָס דער אונטערשטער טהייל פון דער נייער וויללא און אַ שטיקעל פון'ם טורעם מיט דעם ברעטער־געשטעל ארום איהם. אין הינטערגרונד איז דער גאָרטען ארומגעצוימט מיט אַן אַלטען הילצערנעם פּאַרקאַן. פון דרויסען פון פּאַרקאַן, אַ גאַס מיט נידריגע, איינגעפּאַלענע הייזער. אויף דער וועראַנדע, לעבען וואַנד פון הויז, שטעהט אַ גאָרטען־באַנק, און פאַר דער באַנק, אַ לאַנגער טיש. פון דער אַנדער זייט טיש, אַ שאָקעל־שטוהל און עטליכע געוועהנליכע שטוהלען. דאָס גאַנצע מעבעל איז פון געפלאָכטענעם שטרוי.

דער אווענד־הימעל איז בעדעקט מיט וואָלקענס, בעלויכטען פון דער זון. פרוי סאָלנעס, איינגעוויקעלט אין אַ גרויסען, ווייסען טוך זיצט אין לעהנשטוהל און קוקט רעכטס. באַלד קומט הילדא וואַנגעל אויף די טרעפּ פון גאָרטען. זי איז געקליידעט ווי אין פאַריגען אַקט און טראָגט איהר הוטעלע. אויף דער ברוסט טראָגט זי אַ בוקעט פון עטליכע געוועהנליכע פעלד־בלומען.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (קעהרט עטוואָס אום דעם קאָפּ) איהר האָט ארום געשפּאַצירט אין גאָרטען, פריילין וואַנגעל?

ה י ל ד א : יא, איך האָב איהם ארום געקוקט.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : איהר האָט אויך בלומען געפונען, ווי איך זעה.

ה י ל ד א : יא, געוויס. עס זיינען דאָ אזוי פיעל דאָרט צווישען די קוסטען.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : ווירקליך ? אזוי שפעט אין יאָהר ? איך געה כמעט קיין מאָל ניט אַרונטער אהין.

ה י ל ד א : (קומט נעהענטער) וואָס ! איהר לויפט גאָר ניט יעדען טאָג ארונטער אין גאָרטען ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (מיט אַ שוואַכען שמייכעל) איך „לויף" שוין יעצט איבערהויפט ניט.

ה י ל ד א : אָבער דאָך, געהט איהר דען ניט אמאָל אראָב אָנצוקוקען דעם גאַנצען פראַכט וואָס געפינט זיך דאָרטען ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : עס איז מיר איינגאַנצען געוואָרען אזוי פרעמד. איך האָב כמעט מורא נאָך אַ מאָל דאָס אָנצוקוקען.

ה י ל ד א : אייער אייגענעם גאָרטען !

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : עס דאכט זיך מיר, אז ער איז ניט מעהר מ י י נ ע ר .

ה י ל ד א : וואָס מיינט איהר ? —

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : ניין, ניין, ער איז ניט — ניט ווי ער איז געוועזן, ווען מיינע עלטערען האָבען געלעבט. זיי האָבען אוועקגענומען אזוי פיעל — אזוי פיעל האָבען זיי אוועקגענומען פון'ם גאָרטען, פריילין וואַנגעל. בערעכענט נור — זיי האָבען דאָס צושטיקעלט — און אויסגעבויט הייזער פאַר פרעמדע מענשען. פאַר מענשען וועלכע איך קען גאָר ניט. און ז י י קענען זיצען און קוקען אויף מיר פון זייערע פענסטער.

ה י ל ד א : (מיט אַ מונטערן אויסדרוק) פרוי סאָלנעס !

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : יא ?

ה י ל ד א : מעג איך אַ ווייַלע בלייבען דאָ מיט אייך ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : מיט פערגעניגען, אויב איהר ווילט נור.

ה י ל ד אָ : (רוקט צו אַ שטוהל נעהענטער צום לעהנשטוהל און

זעצט זיך) אה — דאָ קען מען זיך באָדען אין דער זון, ווי אַ קאַץ.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (לעגט לייכט איהר האַנד אויף הילדא׳ס נאקען) עס איז זעהר שעהן פון אייער זייט, וואָס איהר ווילט מיט מ י ר זיצען אַ ווײלע. איך האָב געמיינט איהר ווילט אריינגעהן צו מיין מאַן.

ה י ל ד א : צו וואָס דאַרף איך איהם ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : איהם העלפען, האָב איך געדענקט.

הי ל ד א : אָה, ניין. איבריגענס איז ער דאָרט איצט ניטאָ. ער שטעהט לעבען די ארבייטער און ער זעהט אויס אזוי בייז, אַז איך האָב גאָר מורא געהאט צו רעדען צו איהם.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אין גרונד גענומען איז ער אזא גוטער און מילדער מענש.

ה י ל ד אַ : ע ר !

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אין אמת׳ן קענט איהר איהם נאָך ניט גוט, פריילין וואנגעל.

ה י ל ד אַ : (קוקט אויף איהר ליעבליך) זייט איהר צופריעדען מיט דעם געדאנק אריינצוציהען אין דעם נייעם הויז ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : איך מ ו ז זיין צופריעדען ; ווייל האלווארד וויל דאָס —

ה י ל ד א : אָה, זיכער, ניט גראָד נור אויס דעם גרונד.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : יא, יא, פריילין וואנגעל ; דען עס איז איינפאך מיין פליכט זיך אונטערצוגעבען צו איהם. אָפט מאָל אָבער איז עס שרעקליך שווער צו צווינגען דעם געדאנק זיך אונטערצוגעבען.

ה י ל ד א : יא, ד אָ ס מוז ווירקליך זיין זעהר שווער.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : איהר מעגט מיר גלויבען, — ווען מען האָט אזוי פיעל פעהלערען וויפיעל איך האָב —

ה י ל ד א : ווען מען האָט אזוי פיעל דורכגעליטען, ווי איהר...

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : פון וואנען ווייסט איהר דאָס ?

ה י ל ד ע : אייער מאַן האָט מיר דערצעהלט.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : מיט מיר רעדט ער זעהר זעלטען וועגען ד י זאכען. — יא, איך קען אייך זאָגען, פריילין וואנגעל, איך האָב שוין צופיעל דורכגעמאכט אין מיין לעבען.

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהר מיטפּיהלענד און שאָקעלט לאנג־זאַם מיט'ן קאָפּ) ארעמע פרוי סאָלנעס. ערשטענס האָט איהר גע־האט די שרפה...

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (מיט אַ זיפץ) יא, אלע מ י י נ ע זאכען זיינען דאַן פערברענט געוואָרען.

ה י ל ד א : און דאַן איז געקומען נאָך עטוואָס ערגערעס.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (קוקט אויף איהר פאַרשענד) ער־גערעס ?

ה י ל ד א : דאָס ערגסטע פון אלץ.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אָה, די אינגעלאך. אָבער ד אָ ס,

ה י ל ד א : (מילד) איהר האָט פערלאָרען די צוויי אינ־געלעך.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אָה, די אינגעלעך. אָבער ד אָ ס, זעהט איהר איז גאַר עפּעס אנדערס. דערביי איז געווען גאָטס ווי־לען ; און ביי אזא זאך מוז מען זיך אונטערווארפען, און נאָך גאָט דאנקען.

ה י ל ד א : און איהר טוט דאָס ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : ליידער, ניט אימער. איך ווייס גאַנץ גוט, אז עס איז מיין פליכט, און דאָך ק ע ן איך עס ניט.

ה י ל ד א : ניין. דאָס, דענק איך, איז גאַנץ נאַטירליך.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : און זעהר אָפט מוז איך מיר אליין זאָגען, אז עס איז געווען אַ גערעכטע שטראָף פאַר מיר...

ה י ל ד א : ווארום דען ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : ווייל איך בין ניט געווען שטאַרק גענוג אין מיין אונגליק.

ה י ל ד א : אָבער, איך קען ניט בעגרייפען, ווי...

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אך, ניין, פריילין וואנגעל — רעדט צו מיר ניט מעהר וועגען די צוויי קינדער. וועגען ז י י דאַר־

פען מיר זיך נור פרייהען; זיי איז יעצט אזוי גוט, אזוי גוט. ניין, עס זיינען פאראנען קליינע שאדענס אין לעבען, וואס רייסען דאס הארץ — ווען מען פערלירט אזוינע זאכען, וואס אנדערע מענשען בעטראכטען עס כמעט פאר גארנישט.

הילדא: (לעגט איהרע הענד אויף פרוי סאלנעסעס קניע, און קוקט אויף איהר ליעבליך) ליעבע פרוי סאלנעס — זאגט מיר, וואס פאר א קליינע זאכען מיינט איהר!

פרוי סאלנעס: ווי איך האב אייך שוין געזאגט, לויטער קלייניגקייטען. אלע אלטע פארטרעטען וואס זיינען פערברענט געווארען אויף די ווענד; אלע זיידענע קליידער, וואס האבען פון דורי־דורות געהערט צו דער פאמיליע. דער מוטער'ס און גרויםמוטערס שפיצען — דאס איז אויך פערברענט געווארען. און בעטראכט נור — די גאלד־ציערונג אויך! (טרויעריג) און דאן, אלע ליאלקעס.

הילדא: די ליאלקעס?

פרוי סאלנעס: (טרערען שטיקען זי) איך האב געהאט ניין וואונדערשעהנע ליאלקעס.

הילדא: און זיי זיינען אויך פערברענט געווארען?

פרוי סאלנעס: אלע. אה, ווי שווער מיר איז געווען — ווי שווער!

הילדא: האט איהר דען די אלע ליאלקעס בעהאלטען, נאך פון זינט איהר זייט געווען א קליין קינד!

פרוי סאלנעס: בעהאלטען, ניין. איך און די ליאלקעס זיינען אימער געווען צוזאמען.

הילדא: אפילו ווען איהר זייט אויסגעוואקסען?

פרוי סאלנעס: יא, א לאנגע צייט נאך דעם.

הילדא: און נאך אייער חתונה אויך?

פרוי סאלנעס: אה, יא. ווען ער איז דערביי ניט געווען, דאן — זיי זיינען אבער אלע פערברענט געווארען, די ליעבינקע. קיינער האט זיך נישט געקימערט זיי צו ראטעווען. אה, עס איז אזוי טרויעריג. לאכט ניט פון מיר, פריילין וואנגעל.

הילדא: איך לאָך שוין גאָר ניט.

פרוי סאָלנעס: אין אַ געוויסען זינן, קען מען זאָגען, האָבען זיי אויך געהאט לעבען אין זיך. איך פלעג זיי טראָגען אונ־טער מיין הארץ — ווי קליינע ניט־געבוירענע קינדערלעך.

(דר. הערדעל געהט ארויס דורך די טיר מיט'ן הוט אין האַנד און דערזעהט פרוי סאָלנעס מיט הילדא'ן.)

דר. הערדעל: אזוי, פרוי סאָלנעס, איהר זיצט זיך דאָ און ערקעלטעט זיך?

פרוי סאָלנעס: די לופט איז היינט אזוי מילד אוןווארעם.

הערדעל: יא, יא. אָבער וואָס קומט דאָ היינט פאָר? איך האָב געקראָגען אייער בריוועל.

פרוי סאָלנעס: (הויבט זיך אויף) יא, איך מוז מיט אייך עפּעס רעדען.

הערדעל: גוט, דאן לאָמיר פּילייכט אריינגעהן אין הויז. (צו הילדא'ן) איהר זייט נאָך אַלץ אין אייערע בערג־קליידער, פריילין?

הילדא: (שטעהט אויף, לוסטיג) געוויס, אין פולער פאַר־מע! היינט וויל איך אָבער ניט קלעטערען און ברעכען דעם גע־ניק. מיר ביידע, דאָקטאר, וועלען זיך גאַנץ שטיל שטעהן אונטען און ארויפקוקען.

הערדעל: אויף וואָס וועלען מיר קוקען?

פרוי סאָלנעס: (דערשראָקען, מילד, צו הילדא'ן) שטיל, שטיל — אום גאָטעס ווילען! ער קומט. זעהט, רעדט איהם אָב פון דעם איינפאַל. און לאָמיר זיין פריינד, פריילין וואַנ־געל. קענען מיר דאָס ניט זיין!

הילדא: (פאַלט איהר אויפ'ן האַלז) אַך, ווען מיר וואָלטען דאָס נור קענען!

פרוי סאָלנעס: (בעפרייט זיך עדעל). אָט, אָט! אָט קומט ער, דאָקטאר. איך וויל מיט אייך עפּעס רעדען.

הערדעל: איז עס וועגען איהם?

פרוי סאָלנעס: נו, געווים וועגען איהם. קומט אריין.

(זי און דער דאָקטאר געהען אריין אין הויז. אין דער זעלבער צייט קומט סאָלנעס אויף די טרעפּ פון גאָרטען. הילדא קוקט אויס ערנסט).

סאָלנעס: (קוקט אויף דער הויז־טיר, וועלכע פערמאַכט זיך פאָרזיכטיג פון אינעווייניג) איהר האָט בעמערקט, הילדא? אזוי שנעל, ווי איך קום, געהט זי אוועק.

הילדא: איך האָב בעמערקט אז אזוי שנעל ווי איהר קומט, מאַכט איהר זי זאָל אוועקגעהן.

סאָלנעס: עס קען זיין. אָבער איך קען דערצו גאָר־ניט העלפען. (קוקט אויף איהר אויפמערקזאַם) איך איז קאַלט, הילדא? עס זעהט אזוי אויס.

הילדא: איך בין אָקאָרשט אַרויף געקומען פון א קבר.

סאָלנעס: וואָס הייסט דאָס?

הילדא: — אז איך בין דורך־און־דורך געפראָרען געוואָרען, בוימייסטער.

סאָלנעס: (לאַנגזאַם) מיר דאכט, איך פערשטעה...

הילדא: נאָך וואָס זייט איהר איצט געקומען אהער?

סאָלנעס: איך האָב אייך דערזעהן פון דער ווייטענס.

הילדא: דאן, האָט איהר דאָך זי אויך געמוזט זעהן?

סאָלנעס: איך האָב געוואוסט אז זי וועט אוועקגעהן אזוי באלד ווי איך וועל נור צוקומען.

הילדא: טוט עס אייך זעהר לייד, וואָס זי מיידעט אייך אזוי אויס?

סאָלנעס: אין א געוויסער הינזיכט געפין איך אין דעם אן ערלייכטערונג.

הילדא: נישט צו זעהן זי פאר אייערע אויגען?

סאָלנעס: יא.

הילדא: נישט צוצוקוקען כסדר, ווי זי נעהמט זיך צום הארצען די געשיכטע מיט די אינגעלעך?

ס אָ ל נ ע ס : יאָ, דאָס הויפּטזעכליך.

(הילדא געהט, די הענד פערלעגט אויף הינטען, איבער דער ווע־ראנדע, שטעלט זיך אָב ביי דער פּאַרענצע און קוקט אַריבער אין גאָרטען.)

ס אָ ל נ ע ס : (נאָך אַ קורצער פּאַוזע) האָט איהר געהאט אַ לאַנגען געשפּרעך מיט איהר ?

(הילדא שטעהט אָהן בעוועגונג און ענטפערט ניט.)

ס אָ ל נ ע ס : איך פרעג צי איהר האָט געהאט אַ לאַנגען גע־שפּרעך ?

(הילדא איז שטיל ווי פריהער.)

ס אָ ל נ ע ס : וועגען וואָס האָט זי גערעדט, הילדא ?

(הילדא איז אַלץ שטיל.)

ס אָ ל נ ע ס : ארעמע אַלינא, מסתמא וועגען די אינגעלעך.

(הילדא. אַ נערוועזער ציטער געהט איהר דורך, דאַן שאָקעלט זי אַ פּאָר מאָל שנעל מיט'ן קאָפּ.)

ס אָ ל נ ע ס : זי וועט דאָס קיין מאָל ניט פערגעסען, קיין מאָל אין לעבען ניט. (קומט נעהענטער צו איהר) איצט שטעהט איהר נאָך אַ מאָל ווי אַ סטאַטוע ; פּונקט ווי איהר זייט געשטאַנען געס־טערען אָוונד.

ה י ל ד א : (קעהרט זיך אום און קוקט אויף איהם מיט גרויסע ערנסטע אויגען) איך פאָהר אַוועק !

ס אָ ל נ ע ס : (שאַרף) איהר פאָהרט אַוועק !

ה י ל ד א : יא.

ס אָ ל נ ע ס : איך וועל דאָס אייך ניט ערלויבען !

ה י ל ד אַ : וואָס האָב איך ד אָ איצט צו טאָן ?

ס אָ ל נ ע ס : איינפאַך ז י י ן דאָ, הילדא !

ה י ל ד אַ : (מעסט איהם אָב מיט אַ קוק) עס וואָלט זיין ניט שלעכט. אָבער איהר ווייסט דאָך, אז מיט דעם וועט עס זיך ניט ענדיגען.

ס אָ ל נ ע ס : (אונאיבערלעגט) איז נאָך בעסער !

ה י ל ד : (צוהיצט) איך קאָן נישט טאָן קיין שלעכטס צו

א פערזאָן, וועלכע איך ק ע ן ! איך קען ביי איהר נישט צו נעהמען, וואָס געהערט צו איהר.

ס אָ ל נ ע ס: ווער הייסט עס איך דען טאָן?

ה י ל ד א: (פאָרטזעצענדיג) ביי א פרעמדער, יא! דאָס איז גאָר עפּעס אנדערס. ביי אזא, וועלכע איך האָב קיין מאָל נישט געזעהן. אָבער מיט איהר בין איך דאָך געקומען אין אזא נאָהענ־טער בעריהרונג!... ניין, אָה ניין! פוי!

ס אָ ל נ ע ס: יא, אָבער איך האָב אייך קיין מאָל ניט פאָרגעשלאָגען איהר זאָלט דאָס טאָן.

ה י ל ד א: אָה, בוימייסטער, איהר ווייסט גאנץ גוט וואָס די ענדע וואָלט געווען. און דערפאַר טאַקע פאָהר איך אוועק.

ס אָ ל נ ע ס: און וואָס וועט ווערען פון מיר, ווען איהר וועט אוועקפאָהרען? צו וואָס וועל איך ד א ן דארפען לעבען—?

ה י ל ד א: (מיט אַן אונבעשטימטען אויסדרוק אין די אויגען) מיט א י י ך האָלט עס געווים ניט אזוי שלעכט. איהר האָט אייערע פליכטען צו איהר. לעבט צוליעב די פליכטען.

ס אָ ל נ ע ס: צו שפּעט. דיזע מעכטע — דיזע — דיזע —

ה י ל ד א: — טייוואָלים —

ס אָ ל נ ע ס: יא, דיזע טייוואָלים! און דער נישט־גוטער אין מיר, אויך — זיי האָבען פון איהר דאָס גאנצע לעבענס־בלוט ארויסגעצאפּט. (ער לאַכט פערצווייפעלט) זיי האָבען דאָס געטאָן צו־ליעב מיין גליק! יא, יא! (מיט אַ שווערען געמיטה) און איצט איז זי טויט — פון מיינעט וועגען. און איך בין לעבעדיגערהייט צוגעשמידט מיט קייטען צו א טויטער פרוי. (אין ווילדער אַנגסט) איך — איך, וועלכער ק ע ן ניט לעבען אָהן לעבענס־פרייד!

ה י ל ד א: (רוקט זיך איבער אויף דער אַנדער זייט טיש און זעצט זיך אויף דער באַנק, מיט די עלענבויגען אויפ'ן טיש, און דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן די הענד, זיצט און קוקט אויף איהם אַ וויילע) וואָס וועט איהר ווייטער בויען?

ס אָ ל נ ע ם : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) איך גלויב ניט, אז איך וועל איבערהויפּט שוין פיעל בויען.

ה י ל ד א : קיינע בעקוועמע, גליקליכע היימען פאר פאָטערס און מוטערס און מחנות קינדער ?

ס אָ ל נ ע ם : איך וויים ניט צו מען וועט דאָס דארפען אין דער צוקונפט.

ה י ל ד א : ארעמער בוימייסטער ! און איהר האָט גאַנ־צע צעהן יאָהר דערויף געארבייט — דאָס לעבען אָבגעגעבען נור דערויף.

ס אָ ל נ ע ם : יא, איהר האָט רעכט, הילדא.

ה י ל ד א : (פּלאַצט אַרויס) אָה, דאָס אַלעס קומט מיר פאָר אזוי נאַריש, אזוי נאַריש !

ס אָ ל נ ע ם : אַלעס וואָס ?

ה י ל ד א : נישט צו קענען אָנכאַפּען דאָס אייגענע גליק — דאָס אייגענע לעבען ! נור דערפאַר וואָס א וועלכע עס איז בע־קאַנטע פּערזאָן שטעהט אין וועג !

ס אָ ל נ ע ם : א פּערזאָן, וועלכע מען האָט קיין רעכט ניט אָבצושטופּען אָן א זייט.

ה י ל ד א : איך וואָלט וועלען וויסען, צי קיינער האָט ווירק־ליך ניט דאָס רעכט ? און דאָך — אַך, ווען מען וואָלט געקענט אַריבערשלאָפען די גאַנצע געשיכטע ! (זי לעגט פלאַך די הענד אויפ'ן טיש, לאָזט די לינקע זייט פון קאָפּ רוהען אויף די הענד, און פערמאַכט די אויגען).

ס אָ ל נ ע ם : (דרעהט ארום דעם לעהנשטוהל און זעצט זיך ביים טיש) האָט א י ה ר געהאַט א בעקוועמע, גליקליכע היים, דאָרט ביי אייער פאָטער, הילדא ?

ה י ל ד א : (נישט ריהרענדיג זיך, ווי האַלב פערשלאָפען) איך האָב נור געהאַט א שטייגעל.

ס אָ ל נ ע ם : און איהר זייט בעשלאָסען נישט צוריקצו־קעהרען זיך אהין ?

הילדא: (ווי פריהער) דער ווילדער פויגעל וויל קיין מאָל ניט אין שטייג אריין.

סאָלנעס: בעסער שוועבען אין די פרייע לופט...

הילדא: (אלץ ווי פריהער) דער רויב פויגעל ליעבט צו שוועבען —

סאָלנעס: (קוקט אויף איהר). ווער עס האָט נור דעם וויקינג־גייסט אין זיך...

הילדא: (אין איהר נאַטירליכע שטימע; עפענט די אויגען, נור ריהרט זיך ניט) און די אנדער זאך? זאָגט, וואָס איז געווען די אנדער זאך?

סאָלנעס: א געזונדען געוויסען.

הילדא: (זעצט זיך גלייך אויף דער באַנק; איהרע אויגען פינקלען ווידער מיט פרייד. שאָקעלט איהם צו) איך וויים, וואָס איהר וועט בויען נעכסטענס!

סאָלנעס: דאַן ווייסט איהר מעהר ווי איך אליין, הילדא.

הילדא: יא, די בוימייסטער זיינען אזוינע נארישע מענשען.

סאָלנעס: אלזא, וואָס וועט דאָס זיין?

הילדא: (שאָקעלט ווידער מיט'ן קאָפּ) דער שלאָס.

סאָלנעס: וואָס פאַר א שלאָס?

הילדא: מיין שלאָס, נאַטירליך?

סאָלנעס: איצט ווילט איהר שוין גאָר א שלאָס?

הילדא: זייט איהר מיר ניט שולדיג א קעניגרייך, וואָלט איך וועלען וויסען?

סאָלנעס: אזוי בעהויפּטעט איהר, וועניגסטענס.

הילדא: גוט, איהר זייט מודה אז איהר זייט מיר שולדיג א קעניגרייך. און מיר דאכט אז מען קען ניט האָבען קיין קעניגרייך אָהן א קעניגליכען שלאָס!

סאָלנעס: (מעהר און מעהר בעלעבט) יא, געוועהנליך געהען דיביידע זאכען צוזאַמען.

ה י ל ד א: גוט. דאַן בויט איהם אויף פאַר מיר, אַט די מינוט!

ס אָ ל נ ע ס: (לאַכענדיג) אזוי, איהר מוזט אַט דאָס אויך האָבען גלייך אין מינוט?

ה י ל ד א: גאַנץ געוויס! ווייל איצט זיינען די צעהן יאָהר אוים, און איך וויל מעהר נישט ווארטען. אלזאָ — אהער דעם שלאָס, בוימייסטער!

ס אָ ל נ ע ס: עס איז גאָר נישט קיין שפּאָס איך עפּעס שולדיג צו זיין, הילדא.

ה י ל ד א: וועגען דעם האָט איהר פריהער געדארפט טראַכטען. איצט איז שוין צו שפּעט. אלזאָ — (זי קלאַפּט אויפ'ן טיש) דעם שלאָס אהער אויפ'ן טיש! עס איז מ י י ן שלאָס! איך וויל עס ג ל י י ך האָבען!

ס אָ ל נ ע ס: (מעהר ערנסט, בויגט זיך אַריבער צו איהר, מיט די הענד אויפ'ן טיש) וואָס פאַר אַ סאָרט שלאָס האָט איהר זיך פאַרגעשטעלט, הילדא?

(איהר אויסדרוק ווערט אַלץ מעהר פערשלעהערט. זי זעהט אוים ווי זי וואָלט טיעף אריינקוקען אין זיך זעלבסט.)

הי ל ד א: (לאַנגזאַם) מיין שלאָס זאָל שטעהן הויך — גאַנץ אויבען — מיט אַ פרייען אויסבליק אויף אַלע זייטען — אזוי, אַז איך זאָל קענען ארויסקוקען ווייט — ווייט ארום.

ס אָ ל נ ע ס: און, אָהן צווייפעל, מוז אויף איהם זיין אַ הויכער טורעם?

ה י ל ד א: אַן אונגעהייער הויכער טורעם, און אויפ'ן רעכ־טען שפּיץ פון טורעם מוז זיין אַ באַלקאָן, און איך וועל אויף איהם שטעהן —

ס אָ ל נ ע ס: (כאַפּט זיך ניט ווילענדיג ביים שטערען) ווי אזוי קענט איהר ליעב האָבען צו שטעהן אויף אזאַ שווינדעלדיגער הויך? —

ה י ל ד א: יאָ, איך וויל! גראָד דאָרט אויבען וויל איך שטעהן און אראָפּקוקען אויף די אנדערע — אויף די, וועלכע בויען

קירכען, און היימען פאַר פאַטערס און מוטערס און מחנות קינדער. און איהר מעגט אויך ארויפקומען און דאַס אַנקוקען.

סאָלנעס: (שטיל) מעג דער בוימייסטער ארויפקומען צו דער פרינצעסין?

הילדא: אויב דער בוימייסטער וויל.

סאָלנעס: (וויכער). דאַן, גלויב איך, וועט דער בוי־מייסטער קומען.

הילדא: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) דער בוימייסטער — ער וועט קומען.

סאָלנעס: ער וועט אָבער מעהר קיינמאָל ניט קענען בויען — דער ארעמער בוימייסטער.

הילדא: (מונטער) יא, יא, ער וועט! מירביידע וועלען זיך נעהמען פאַר דער ארבייט צוזאַמען. און דאַן וועלען מיר בויען דאָס שעהנסטע — דאָס אַלערשעהנסטע, וואָס גיט אויף דער וועלט!

סאָלנעס: (געשפּאַנט) הילדא, זאָגט מיר וואָס איז דאָס אזוינס?

הילדא: (קוקט אויף איהם, שמייכלענדיג, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, פערשפּיצט די ליפּען און רעדט ווי צו אַ קינד). די בוימייסטער — זיי זיינען זעהר — זעהר נאַרעשע מענשען.

סאָלנעס: יא, אודאי זיינען זיי נאַרעש. אָבער זאָגט זשע מיר וואָס איז דאָס — דאָס שענסטע אויף דער וועלט, וואָס מיר ביידע דארפען צוזאַמען בויען?

הילדא: (איז שטיל אַ ווײַלע, דאַן זאָגט זי מיט אַן אונבע־שטימטען אויסדרוק אין די אויגען). לופט־שלעסער.

סאָלנעס: לופט־שלעסער?

הילדא: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). לופט־שלעסער, א! ווייסט איהר וואָס פאַר אַ מין זאַך אַ לופט־שלאָס איז?

סאָלנעס: איהר זאָגט, עס איז דאָס שענסטע אויף דער וועלט.

הילדא: (הויבט זיך האַסטיג אויף און גיט אַ מאַך אַוועק

מיט דער האַנד). פערשטעהט זיך! לופט־שלעסער — זיינען אַזוי בעקוועם אויף צו בעהאַלטען זיך אין זיי. און עס איז אויך אַזוי לייכט זיי צו בויען — (קוקט אויף איהם צאַרניג) איבערהויפט פאַר די בוימייסטערס — וועלכע האָבען אַ — אַ שווינדעלדיגען געוויסען.

ס אָ ל נ ע ס : (הויבט זיך אויף). פון היינט אָן בויען מירביידע צוזאַמען, הילדאַ.

ה י ל ד אַ : (מיט אַ שמייכעל פון צווייפעל). אַ ר י כ ט י ג ע ן לופט־שלאָס?

ס אָ ל נ ע ס : יאָ, אַ לופט־שלאָס מיט אַ שטאַרקען פונדאַמענט אונטער איהם.

(ראַגנאַר בראָוויק קומט אַרויס פון הויז; ער טראָגט אַ גרויסען גרינעם קראַנץ, בעפּוצט מיט בלומען און זיידענע בענדער).

ה י ל ד אַ : (שרייט אויס מיט פרייד). דער קראַנץ! אָה, דאָס וועט זיין פּראַכטפאָל!

ס אָ ל נ ע ס : (פערוואונדערט). א י ה ר האָט געבראַכט דעם קראַנץ, ראַגנאַר?

ר א ג נ א ר : איך האָב פערשפּראָכען דעם ווערקמייסטער דאָס איך וועל ברייננגען.

ס אָ ל נ ע ס : (ערלייכטערט). אה, אויב אַזוי, שטעל איך מיר פאָר אַז אייער פאַטער פיהלט זיך בעסער?

ר א ג נ א ר : ניין.

ס אָ ל נ ע ס : האָט איהם גאָר ניט ערמונטערט דאָס, וואָס איך האָב אָנגעשריבען?

ר א ג נ א ר : עס איז געקומען צו שפּעט.

ס אָ ל נ ע ס : צו שפּעט!

ר א ג נ ע ר : ווען זי איז דערמיט געקומען, איז ער שוין ניט געווען ביי די געדאַנקען. ער האָט געקריגען די אַפּאָפּלעקסיע.

ס אָ ל נ ע ס : אויב אַזוי געהט־זשע שנעל אַהיים צו איהם! זייט דאָך לעבען אייער פאַטער!

ר א ג נ א ר : ער דאַרף מיך שוין מעהר נישט.

ס אָ ל נ ע ס : אָבער דאָך, איהר מוזט זיין לעבען איהם.

ר א ג נ א ר : ז י זיצט ביי זיין בעט.

ס אָ ל נ ע ס : (עטוואָס אונזיכער). קאַיאַ?

ר א ג נ ע ר : (קוקט אויף איהם פינסטער). יא — קאַיאַ.

ס אָ ל נ ע ס : געהט אהיים, ראגנאר, צו איהר און צו איהם. גיט מ י ר דעם קראַנץ.

ר א ג נ א ר : (אונטערדריקט אַ שפּאָטישען שמייכעל). איהר מיינט דאָך ניט אפשר אַליין...?

ס אָ ל נ ע ס : איך וועל מיט דעם אליין ארונטערגעהן (ער נעהמט ביי איהם דעם קראַנץ) און איצט געהט אהיים; מיר דאַרפען אייך דאָ היינט ניט.

ר א ג נ א ר : איך וויס, אז איהר דארפט מיך מעהר נישט; נור היינט בלייב איך דאָ.

ס אָ ל נ ע ס : נו בלייבט, אויב איהר ווילט.

ה י ל ד אַ : (ביי דער פּאַרענצע). בוימייסטער — איך וועל דאָ שטעהן און קוקען אויף אייך.

ס אָ ל נ ע ס : אויף מיר!

ה י ל ד אַ : עס וועט זיין שרעקליך שפּאַנענד.

ס אָ ל נ ע ס : (שטיל). מיר וועלען וועגען דעם שפּעטער רעדען, הילדאַ. (ער געהט אַרונטער די טרעפּ מיט'ן קראַנץ, ווייטער אַוועק אין גאָרטען אריין).

ה י ל ד א : (קוקט איהם נאָך, דאַן אומקעהרענדיג זיך צו ראגנארען) איך מיין, איהר האָט איהם וויינינגסטענס געמעגט דאַנקען.

ר א ג נ א ר : איהם דאנקען! א י ה ם האָב איך געדאַרפט דאַנקען?

ה י ל ד אַ : יאָ, געוויס האָט איהר געדאַרפט!

ר א ג נ א ר : איך דענק, איך האָב גיכער א י י ך געדאַרפט דאַנקען.

ה י ל ד אַ : ווי קענט איהר דאָס זאָגען?

ר א ג נ א ר : (ניט ענטפערענדיג) אָבער, איך ראטה אייך

איהר זאָלט זיין פאַרזיכטיג, פריילען וואנגעל! איהר קענט
א י ה ם נאָך ניט ריכטיג.

ה י ל ד אַ : (פייערדיג). אָה, איך קען איהם בעסער פאר יעדען איינעם!

ר אַ ג נ אַ ר : (לאַכט פערביטערט). איהם דאנקען, בעת אז ער האָט מיך פון יאָהר צו יאָהר געהאַלטען געבונדען! בעת אז ער האָט געמאַכט אז מיין פאטער זאָל צווייפלען אין מיר, אז איך זאָל אליין אין זיך צווייפלען! און דאָס אלעס, נור כדי ער זאָל.....!

ה י ל ד אַ : (ווי עס וואָלט איהר עפּעס איינפאַלען). כדי ער זאָל....? זאָגט מיר גלייך!

ר אַ ג נ אַ ר : כדי ער זאָל ז י קענען האַלטען ביי זיך.

ה י ל ד אַ : (שפּרינגט אויף צו איהם). דאָס מיידעל ביים שרייבטיש?

ר א ג נ א ר : יא.

ה י ל ד אַ : (דראָהענד, מיט צונויפגעפּרעסטע הענד). דאָס איז ניט אמת! איהר דערצעהלט פאַלשע זאכען וועגען איהם!

ר אַ ג נ אַ ר : איך וואָלט עס אליין אויך ניט געגלויבט ביז היינט, וועז זי האָט דאָס מיר אליין געזאָגט.

ה י ל ד אַ : (אויסער זיך). ו ו אָ ס האָט זי געזאָגט? איך וויל עס וויסען! גלייך!

ר אַ ג נ אַ ר : זי האָט געזאָגט, אז ער האָט בעהערשט איהרע געפיהלען, אז אלע איהרע געדאַנקען געהערען צו איהם און זי קען זיך קיין מאָל פון איהם ניט אוועקרייסען. אז זי וועט בלייבען דאָרט, וואו ער איז....

ה י ל ד אַ : (מיט פלאַמענדע אויגען). מען וועט עס איהר ניט לאָזען!

ר אַ ג נ אַ ר : (פאַרשעמדיג). ווער וועט זי ניט לאָזען?

ה י ל ד אַ : (שנעל). ער וועט עס אויך ניט!

ר א ג נ א ר : ניין, נאַטירליך ניט. איצט פערשטעה איך די גאַנצע געשיכטע. איצט וואָלט זי נור געווען — אין וועג.

ה י ל ד אַ : איהר פערשטעהט גאָרנישט, אויב איהר קענט

אזוי רעדען! ניין, א י ך וועל אייך ערקלערען, ווארום ער האט זיך אזוי געהאלטען אן איהר.

ר א ג נ א ר : נו גוט, ווארום?

ה י ל ד א : כדי א י י ך צו האלטען ביי זיך.

ר א ג נ ע ר : האט ער דאס אייך געזאגט?

ה ל ד א : ניין, נור אזוי איז עס! עס מ ו ז אזוי זיין! (ווילד) איך וויל, — איך ו ו י ל, אז עס זאל אזוי זיין!

ר א ג נ א ר : און גראד, ווען איהר זייט געקומען, האט ער זי אבגעלאזען.

ה י ל ד א : אייך — אייך האט ער אבגעלאזען! וואס, מיינט איהר, קימערט ער זיך אום פרעמדע מיידלעך, ווי זי איז?

ר א ג נ א ר : (דענקט נאך). איז עס מעגליך, אז די גאנצע צייט האט ער פאר מיר מורא געהאט?

ה י ל ד א : ע ר מורא געהאט! אזא הויכע מיינונג דארפט איהר וועגען זיך ניט האבען.

ר א ג נ א ר : אה, ער האט שוין לאנג געמוזט בעמערקען, אז איך טויג אויך אויף עפעס. איבעריגענס, א פייגלינג — דאס, זעהט איהר איז ער פון דער נאטור.

ה י ל ד א : ע ר! אודאי! דאס דערצעהלט אימעצען אנדערס!

ר א ג נ א ר : אין א געוויסען זינן איז ער א פייגלינג — ער, דער גרויסער בוימייסטער. ער האט קיין מורא ניט אוועקצוראבע־ווען ביי אנדערע זייער לעבענס־גליק — ווי ער האט דאס געטאן מיט מיר און מיין פאטער. אבער ווען עס קומט פאר ארויף צו־קלעטערען אויף א שטיקעל ברעטער־געשטעל, וועט ער זיך אויס־דרעהען מיט אלע מיטלען!

ה י ל ד א : אה, איהר וואלט איהם געדארפט זעהן אזוי הויך, אזוי הימעל־הויך, ווי איך האב איהם איין מאל געזעהן!

ר א ג נ א ר : איהר האט דאס געזעהן?

ה י ל ד א : גאנץ געוויס האב איך עס געזעהן. ווי פריי

און גרויס ער האָט אויסגעזעהן, שטעהענדיג דאָרט און צובינדענדיג דעם קראַנץ צו דער קירכען־פאָהן.

ר א ג נ א ר : איך ווייס, אַז ער האָט דאָס געוואָגט איין מאָל אין זיין לעבען — איין איינציג מאָל. מיר יונגע דערצעהלען עס צווישען זיך ווי אַ טראַדיציע. אָבער קיין מאַכט אין דער וועלט קען איהם ניט בעוועגען דאָס נאָך אַמאָל צו טאָן.

ה י ל ד אַ : היינט טוט ער דאָס ווידער!

ר א ג נ א ר : (שפּאָטיש). יא, איך מיין עפּעס!

ה י ל ד אַ : וועלען מיר זעהן!

ר א ג נ א ר : ניט איהר און ניט איך וועלען דאָס זעהען.

ה י ל ד אַ : (קען זיך ניט קאָנטראָלירען). איך ו ו ע ל עס זעהן! איך ו ו י ל און מ ו ז עס זעהן!

ר א ג נ א ר : ער וועט דאָס אָבער נישט טאָן. ער וועט איינפאַך ניט וואַגען. אָט די שוואַכקייט האָט ער — ער, דער גרויסער בוימייסטער.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (קומט אַרויס פון הויז אויף דער וועראַנדע, קוקט זיך אַרום). ער איז דאָ ניטאָ? וואו איז ער אַוועק־געגאַנגען?

ר א ג נ א ר : הערר סאָלנעס איז דאָרט מיט די ארבייטער.

ה י ל ד אַ : ער האָט גענומען דעם קראַנץ מיט זיך.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (מיט אַנגסט). מיטגענומען דעם קראַנץ! אָך גאָט — אָך גאָט! בראָוויק — איהר מוזט אַראָבגעהן צו איהם! זעהט, ער זאָל צוריק קומען!

ר א ג נ א ר : זאָל איך איהם זאָגען, אַז איהר ווילט מיט איהם רעדען, גנעדיגע פרוי?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אָה, איך בעט אייך! — ניין, ניין, זאָגט איהם ניט פון מ י ר ! זאָגט, אַז אימעצער איז דאָ, ער זאָל גלייך קומען.

ר א ג נ א ר : גוט, גוט. איך וועל איהם זאָגען, גנעדיגע פרוי. (ער געהט אַרונטער די טרעפּ אין גאָרטען אריין).

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אך, פּריילען וואנגעל, איהר קענט זיך גאר ניט פאָרשטעלען, ווי בעזאָרגט איך בין וועגען איהם.

ה י ל ד א : איז עס דען אזוי געפעהרליך, אז מען זאָל דארפען זיך אזוי שרעקען דעריבער?

פ ר ו י ס אָ ל ע נ ס : אָה, געוויס; איהר קענט דאָך עס פערשטעהן. בעטראכט נור — ווען ער וואָלט עס מיינען ערנסט! ווען ער וואָלט ווירקליך וועלען קלעטערען אויפ'ן ברעטער-געשטעל!

ה י ל ד א : (געשפּאַנט). און איהר דענקט, ער וועט דאָס טאקע טאָן?

פ ר ו י ס אָ ל ע נ ס : מען קען קיין מאָל ניט וויסען, וואָס איהם קען איינפאלען. אויף איהם איז אַלעס צו גלויבען.

ה י ל ד א : אהא, א י ה ר דענקט אפשר אויך, אז ער איז ניט אזוי — נישט אין גאנצען...?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אָה, איך וויים שוין אליין ניט, וואָס צו דענקען וועגען איהם. דער דאָקטאָר דערציילט מיר אלערליי מעשות. און אויסער דעם, ווען איך דערמאָן זיך פערשי־דענע זאכען וואָס איך אליין האָב געהערט פון איהם...

ד ר. ה ע ר ד ע ל :(שטעקט אריין דעם קאָפּ דורך די טיר). ער קומט באלד?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אזוי דענק איך. איך האָב געשיקט נאָך איהם.

ה ע ר ד ע ל : (קומענדיג נעהנטער). איך האָב מורא איהר וועט מוזען אריינגעהן, מאדאם —

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : ניין, ניין, איך בלייב דאָ ווארטען אויף האלווארדען.

ה ע ר ד ע ל : עס זיינען אָבער געקומען צו אייך אַ פּאָר דאמען מיט אַ וויזיט.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אך גאָט! נאָך ד אָ ס האָט גע־פעהלט! און גראָד איצט!

ה ע ר ד ע ל : זיי זיינען, אייגענטליך, געקומען זעהען די צערעמאָניע.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : גוט, גוט, איך דענק מען מוז דאָך געהן צו זיי. עס איז מיין פליכט.

ה י ל ד אַ : קענט איהר דען ניט בעטען די דאַמען זיי זאָלען אוועק געהן?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : ניין, דאָס געהט ניט. איין מאָל זיינען זיי שוין געקומען, איז עס מיין פליכט זיי אויפצונעהמען. נור בלייבט א י ה ר דערווייל אין דרויסען — און רעדט מיט איהם, ווען ער וועט קומען.

ה ע ר ד ע ל : און פערהאַלט איהם מיט אַ געשפּרעך אַזוי לאַנג, ווי מעגליך....

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : יאַ, ליעבע פריילען וואַנגעל, — האַלט איהם אַזוי פעסט ווי איהר קענט נור.

ה י ל ד אַ : דענקט איהר ניט, אַז עס וואָלט זיין בעסער איהר זאָלט דאָס טאָן?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : יאַ, גאָט וויים, אַז דאָס איז מיין פליכט. נור ווען מען האָט אַזוי פיעל פערשידענע פליכטען...

ה ע ר ד ע ל : (קוקט ארויס אין גאָרטען). אָט קומט ער!

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : און איך מוז אריינגעהן.

ה ע ר ד ע ל : (צו הילדען). זאָגט איהם גאָרנישט וועגען דעם אַז א י ך בין דאַ.

ה י ל ד אַ : אָה, ניין! איך מיין, אַז איך וועל שוין געפי־נען עפּעס אַנדערעס וועגען וואָס צו רעדען מיט'ן בוימייסטער.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : און האַלט איהם נור פעסט. איך דענק, א י ה ר קענט עס טאָן אַם בעסטען.

(פרוי סאָלנעס און דאָקטאר הערדעל געהען אריין אין הויז, הילדא בלייבט שטעהן אויף דער ווערענדע).

ס אָ ל נ ע ס : (קומט אַרויף אויף די טרעפּ). איך הער, אַז אימעצער דאַרף מיך דאַ.

ה י ל ד אַ : יאַ, איך בין דאָס, בוימייסטער.

ס אָ ל נ ע ס : אַזוי, איהר זייט עס, הילדאַ. און איך האָב זיך שוין געשראָקען, טאָמער איז עס אַלינאַ אָדער דער דאָקטאָר.

הילדא: עס זעהט אויס, איהר זייט זעהר א שרעקעדיגער.

סאלנער: דענקט איהר אזוי?

הילדא: יא, מען זאגט איהר האט מורא ארום צו קלעטערן — אויף די געשטעלען ארום א געביידע, הייסט עס.

סאלנעס: נו, דאס אז דאך א גאנץ ספּעציעלע זאך.

הילדא: איז עס, אלזא, אמת, אז איהר האט דערפאר מורא?

סאלנעס: יא, דאס איז אמת.

הילדא: איהר האט מורא, איהר וועט אראפּ פאלען און דעם געניק ברעכען?

סאלנעס: ניין, דאס ניט.

הילדא: וואס־זשע דען?

סאלנעס: איך שרעק זיך פאר דער איבערעבענונג, הילדא.

הילדא: די איבערעבענונג! (שאקעלט מיט'ן קאפּ). דאס פערשטעה איך ניט.

סאלנעס: זעצט זיך, וועל איך אייך עפּעס דערצעהלען.

הילדא: גוט! דערצעהלט! (זעצט זיך אויף א טאבורעט ביי דער פאראנצע און קוקט אויף איהם מיט ערוואַרטונג).

סאלנעס: (ווארפט זיין הוט אויפ'ן טיש). ווי אייך איז בעוואוסט, האב איך אנגעפאנגען מיין קאריערע מיט בויען קירכען.

הילדא: (שאקעלט מיט'ן קאפּ). דאס וויים איך וואויל.

סאלנעס: ווייל, פערשטעהט איהר, אלס אינגעל בין איך געוואקסען אין א פרום הויז אין א דארף. און מיר האט זיך געדאכט, דאס עס גיט גארניט קיין ערהאבענערע זאך פאר מיר, ווי צו בויען קירכען.

הילדא: יא, ווארום דען ניט?

סאלנעס: און דאס מוז איך אייך זאגען, אז איך האב געבויט די קליינע, ארעמע קירכען מיט אזא עהרליכקייט, וואַרעמקייט און ערנסטע איבערגעבענהייט אז — אז...

הילדא: אז — ? וואס?

ס אָ ל נ ע ס : אַז איך דענק, ער האָט געדאַרפט זיין צו־פריעדען מיט מיר.

ה י ל ד אַ : ע ר ? וואָס פאַר אַן ע ר ?

ס אָ ל נ ע ס : ער, פערשטעהט זיך, — פאַר וועמען די קירכען זיינען געוועזן בעשטימט ! ער, פאַר וועמענס רוהם און עהרע זיי זיינען געבויט געוואָרען.

ה י ל ד אַ : אַזוי ! אָבער ווייסט איהר דען בעשטימט אַז — אַז ער איז ניט געוועזן — צופריעדען מיט אייך ?

ס אָ ל נ ע ס : (שפּאָטיש). ער צופריעדען מיט מ י ר ? ווי קענט איהר דאָס גאָר זאָגען, הילדאַ ? ער, וועלכער האָט דערלאָזען, אַז דער נישט־גוטער זאָל אין מיר געוועלטיגען וויפיל ער וויל אַליין. ער, וועלכער האָט זיי געהייסען זיין גרייט מיך צו דיענען בייטאָג און ביינאַכט — אַלע די — די...

ה י ל ד אַ : טייוואָלים ?

ס אָ ל נ ע ס : יע,ביידערליי. אָה ניין, ער האָט מיר געגעבען צו פיהלען גאַנץ דייטליך, אַז ער איז מיט מיר נישט צופריעדען. (געהיימניספאָל). ד אָ ס, זעהט איהר, איז, אייגענטליך, געוועזן די אורזאַך, וואָס ער האָט געלאָזט אָפּברענען דאָס אַלטע הויז.

ה י ל ד אַ : איז ד אָ ס געוועזן די אורזאַך ?

ס אָ ל נ ע ס : יאָ, איהר פערשטעהט דאָס דען ניט ? ער האָט מיר געוואָלט געבען די מעגליכקייט צו ווערען אַ גרויסער מייסטער אין מיין פאַך, אום איך זאָל פאַר איהם בויען אַלץ שעה־נערע קירכען. אין אָנפאַנג האָב איך נישט פערשטאַנען וואוהין ער האָט געצויגען ; נור מיט אַמאָל איז דאָס מיר קלאָר געוואָרען.

ה י ל ד אַ : ווען איז דאָס געוועזן ?

ס אָ ל נ ע ס : עס איז געוועזן ווען איך האָב געבויט דעם קירך־טורעם דאָרט, אין לייסאַנזשער.

ה י ל ד אַ : אַזוי האָב איך געדענקט.

ס אָ ל נ ע ס : ווייל, פערשטעהט איהר, הילדאַ — דאָרט אין דער פרעמד פלעג איך אונגעשטערט ארומגעהן און זיך גריבלען אין זיך אַליין. דאַן האָב איך איינגעזעהן גאַנץ קלאָר, ווארום ער

האָט ביי מיר צוגענומען די קינדערלעך. ער האָט דאָס געטאָן, אום קיין זאַך זאָל מיך נישט צובינדען צו זיך. קיינע אַזעלכע זאַכען, ווי ליעבע און גליק, פערשטעהט איהר מיך. איך האָב נור גע־דאַרפט זיין אַ בוימייסטער — וווייטער גאַרנישט. און מיין גאַנץ לעבען האָב איך געדאַרפט פערברייינגען אין בויען פאַר איהם. (לאַכט) נאָר לאָמיך אייך זאָגען, דערפון איז גאַרנישט אַרויסגע־קומען.

הילדא: וואָס האָט איהר דען געטאָן?

סאָלנעס: צוערשט האָב איך זיך געגריבעלט און אויס־געפּרובירט מיין אייגען הארץ —

הילדא: און דאַן?

סאָלנעס: דאַן האָב איך געטאָן דאָס *אונמעג־ליכע* — איך אַקוראַט ווי *ער*!

הילדא: דאָס אונמעגליכע?

סאָלנעס: פריהער האָב איך קיין מאָל ניט געקענט אַרויפ־קלעטערען הויך און פריי. אָבער *יענעם* טאָג האָב איך עס געטאָן.

הילדא: (שפּרינגט אויף). יאָ, יאָ, איהר האָט עס געטאָן!

סאָלנעס: און ווען איך בין דאָרט געשטאַנען, העכער איבער אַלעס, און האָב אויפגעהאַנגען דעם קראַנץ אויף דער וועט־ער־פאָהן, האָב איך צו איהם געזאָגט: הער מיך אויס, איצטער, דו מעכטיגער! פון היינט אָן וועל איך אויך זיין אַ פרייער בוימייסטער — איך אין מיין קרייז, פונקט ווי דו אין דיינעם. איך וועל מעהר קיינמאָל ניט בויען קיין קירכען פאַר דיר — נור היימען פאַר מענשען.

הילדא: (מיט גרויסע פינקלענדע אויגען). *דאָס* איז געוועזען דער געזאַנג, וואָס איך האָב דאָרט אויבען געהערט.

סאָלנעס: אָבער נאָכהער איז געקומען זיין רייהע.

הילדא: וואָס מיינט איהר דערמיט?

סאָלנעס: (קוקט אויף איהר מוטהלאָז). בויען היימען פאַר מענשען — איז קיין גראָשען ניט ווערטה, הילדאַ.

הילדא: זאָגט איהר דאָס איצטער?

סאָלנעס: יא, איצטער זעה איך דאָס איין. מענשען דארפען נישט אָט די היימען זייערע — אויף צו זיין דארט גליקליך. איך וואָלט אויך נישט געדארפט אזא היים, ווען איך וואָלט עס געהאַט. (מיט אַ שטילען, ביטערען געלעכטער). איהר זעהט, דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער גאַנצער געשיכטע, ווי ווייט צוריק איך זאָל נישט בליקען. עס איז גאָרנישט ווירקליך געבויט, און עס איז אויך גאָרנישט געאָפּפערט, כדי צו האָבען די געלעגענהייט צום בויען. גאָרנישט, גאָרנישט! די גאַנצע זאַך איז גאָרנישט!

הילדא: וועט איהר שוין מעהר קיין מאָל גאָרנישט ניט בויען?

סאָלנעס: (מיט הייטערקייט). אין געגענטהייל, ערשט איצט וועל איך אָנפאַנגען!

הילדא: וואָס? וואָס וועט איהר בויען? זאָגט גלייך!

סאָלנעס: איך גלויב, אז עס גיט נור איין מעגליכער וואוין־פּלאַץ פאר מענשליכען גליק — און דאָס איז וואָס איך וועל איצטער בויען.

הילדא: (קוקט איהם פעסט אָן). בוימייסטער — איהר מיינט אונזערע לופט־שלעסער.

סאָלנעס: די לופט־שלעסער — יא.

הילדא: איך האָב מורא, עס וועט אייך אָנהויבען שווינדלען, איידער מיר וועלען ארויפגעהן אַ האַלבען וועג.

סאָלנעס: ניין, ניט ווען איך קען ארויפשטייגען האַנד אין האַנד מיט אייך, הילדא.

הילדא: (מיט אַן אויסדרוק פון אונטערדריקטען צאָרן). נור מיט מיר? וועט ניט זיין נאָך ווער עס איז דערביי?

סאָלנעס: וועמען נאָך מיינט איהר דען?

הילדא: אָה — יענע מיידעל — די קאַיאַ, וואָס ביים שרייבטיש. די ארעמע — ווילט איהר דען ניט זי אויך מיטנעהמען?

סאָלנעס: אהאַ! וועגען איהר האָט עס אַלינאַ מיט אייך גערעדט?

הילדא: איז עס אזוי, אָדער ניט?

סאָלנעס: (האַסטיג). אוף אזעלכע פראגען ענטפער איך ניט! איהר מוזט אין מיר גלויבען אונבעדינגט, אינגאנצען!

הילדא: גאנצע צעהן יאָהר האָב איך אין אייך אזוי פעסט געגלויבט — אזוי פעסט.

סאָלנעס: איהר מוזט אין מיר ווייטער אויך גלויבען!

הילדא: יא, דאַן לאָזט מיך אייך ווידער זעהען שטעהענדיג אויבען, הויך און פריי!

סאָלנעס: (שווערמוטהיג). אָה, הילדא — ניט יעדען טאָג קען איך דאָס טאָן.

הילדא: (לײדענשאפטליך). איך וויל איר זאָלט עס טאָן! איך וויל עס! (בעטענדיג). נור, נאָך איין איינציגען מאָל, בוי־מייסטער! טוט דאָס אונמעגליכע נאָך איין מאָל!

סאָלנעס: (קוקט איהר טיעף אָן). אויב איך וועל דאָס פרובירען, הילדא, דאַן וועל איך שטעהן אויבען און רעדען צו איהם ווי דאַמאָלסט.

הילדא: (אַלץ מעהר געשפּאַנט). וואָס וועט איהר איהם זאָגען?

סאָלנעס: איך וועל איהם זאָגען: הער מיך אויס, אַלמעכטיגער הערר — דו קענסט מיך משפּט'ן, ווי דו ווילסט. אָבער פון איצט אָן וועל איך בויען נור דאָס שעהנסטע אויף דער וועלט —

הילדא: (ענטציקט). יא — יא!

סאָלנעס: — וועל דאָס בויען צוזאַמען מיט א פּרינ־צעסין, וועלכע איך ליעב....

הילדא: יא, זאָגט איהם דאָס! זאָגט עס איהם!

סאָלנעס: יא. און דאַן וועל איך איהם זאָגען: איצט געה איך אַרונטער און וועל זי אַרומנעהמען און זי קושען —

הילדא: פיעל מאָל! זאָגט עס!

סאָלנעס: פיעל, פיעל מאָל, וועל איך זאָגען.

הילדא: און דאַן — ?

ס אַ ל נ ע ס : דאַן וועל איך אַ מאַך טאָן מיט מיין הוט און אַרונטערקומען צוריק אויף דער ערד — און טאָן ווי איך האָב איהם געזאָגט.

ה י ל ד אַ : (מיט אויסגעשטרעקטע הענט). איצט זעה איך אייך ווידער, ווי דאַן, ווען עס האָט זיך געהערט געזאַנג אין דער לופט.

ס אַ ל נ ע ס : (קוקט אויף איהר, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזען). ווי אַזוי זייט איהר געוואָרען דאָס, וואָס איהר זייט, הילדאַ?

ה י ל ד אַ : ווי אַזוי האָט איהר פון מיר געמאַכט דאָס וואָס איך בין?

ס אַ ל נ ע ס : (קורץ און פעסט). די פּרינצעסין זאָל בעקומען איהר שלאָס...

ה י ל ד אַ : (פרייליך, פּאַטשענדיג מיט די הענד). אַך, בוי־מייסטער! — מיין וואונדער — וואונדערשעהנער שלאָס! אונזער לופט־שלאָס!

ס אַ ל נ ע ס : אויף אַ פעסטען פונדאַמענט.

(אַן עולם מענשען, וועלכען מען זעהט אונדייטליך דורך די בוי־מער, האָט זיך פערזאַמעלט אויפ'ן גאָס. פון ווייטענס, הינטער דעם נייעם הויז הערט מען מוזיק פון בלאָז־אינסטרומענטען).

(פרוי סאָלנעס מיט אַ ווייסען פוטערנעם קראַגען, דאָקטאָר הערדעל, וועלכער טראָגט איהר ווייסען טוך אויף דער האַנד, און אייניגע דאַמען, קומען אַרויס אויף דער וועראַנדע. ראַגנאַר בראָוויק קומט אין דער זעלבער צייט אַרויף אויף די טרעפּ).

פ ר ו י ס אַ ל ע נ ס : וועלען מיר האָבען מוזיק אויך?

ר אַ ג נ אַ ר : יאַ, גנעדיגע פרוי. דאָס וועלען זיין די מוזיקאַנטען פון דעם בוי־אַרבייטער פעראיין. (צו סאָלנעסען) דער ווערקמייסטער לאָזט אייך וויסען, אַז ער איז שוין פאַרטיג אַרויף צו געהן מיט'ן קראַנץ.

ס אַ ל נ ע ס : (נעהמט זיין הוט) גוט, איך וועל אַליין אַרי־בערגעהן.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : (מיט אַנגסט) וואָס דאַרפסט דו דאָרטען אונטען, האַלוואַרד?

ס אָ ל נ ע ם : (קורץ) איך מוז זיין דאָרטען אונטען מיט די ארבייטער.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : יא, אונטען — אָבער נור אונטען.

ס אָ ל נ ע ם : דאָרטען שטעה איך אַלעמאָל, ביי וואָכעדיגע געלעגענהייטען. (ער געהט אַרונטער די טרעפּ, ווייט אַוועק דורכ'ן גאָרטען.)

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : (רופט איהם נאָך איבער דער פּאַרענצע) בעט דעם מאַן, ער זאָל זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווען ער וועט ארויף! פערשפּרעך עס מיר, האַלוואַרד.

ה ע ר ד ע ל : (צו פרוי סאָלנעס) אהר זעהט, אז איך האָב געהאַט רעכט? יענע דומהייט איז איהם שוין ארויס פון זינען.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : אָה וואָס פאר א שטיין עס איז מיר אראָב פון הארצען! שוין צוויי מאָל זיינען ביי אונז ארבייטער ארונטערגעפאַלען און דער'הרג'עט געוואָרען אויפ'ן אָרט. (ווענדעט זיך צו הילדא'ן) איך דאנק אייך, פריילין וואַנגעל, א י ה ר האָט איהם אַזוי גוט בעאיינפלוסט. איך וואָלט אויף איהם קיין מאָל ניט געקענט אַזוי ווירקען.

ה ע ר ד ע ל : (לוסטיג) יא, יא, פריילין וואַנגעל, א י ה ר ווייסט שוין ווי צו מאַכען א שטאַרקען איינדרוק אויף איינעם, ווען איהר נעהמט זיך דערצו.

(פרוי סאָלנעס און דאָקטאָר הערדעל געהען צו די דאַמען, וועלכע שטעהען נעהענטער צו די טרעפּ און קוקען אַריבער אין גאָרטען. הילדאַ בלייבט שטעהן ביי דער פּאַרענצע פון פאָרינט. ראַגנאַר געהט צו צו איהר.)

ר א ג נ א ר : (מיט אַן אונטערדריקטען געלעכטער, שטיל) פריילין וואַנגעל, איהר זעהט אַלע יונגע לייט דאָרט, אויף דער גאַס?

ה י ל ד א : יא.

ר אַ ג נ אַ ר: דאָס זיינען מיינע קאַמעראַדען, וועלכע זיינען געקומען אָנקוקען דעם בוימייסטער.

ה י ל ד אַ: צו וואָס ווילען זיי איהם דען אָנקוקען?

ר אַ ג נ אַ ר: זיי ווילען זעהן, ווי ער וואַגט ניט ארויפצור־קריכען אויף זיין אייגען הויז.

ה י ל ד אַ: אַזוי, ד אָ ס איז עס וואָס די בחורים ווילען זעהן, הא?

ר אַ ג נ אַ ר: (טראָציג און שפּאָטיש) ער האָט אונז אַזוי לאַנג געהאַלטען אונטען. איצט ווילען מיר זעהן, ווי ע ר בלייבט אויך אַמאָל גאַנץ רוהיג אונטען.

ה י ל ד אַ: דאָס וועט איהר ניט זעהן — ניט דאָס מאָל!

ר אַ ג נ אַ ר: (לאַכט) אַזוי? וואו דען וועלען מיר איהם זעהן?

ה י ל ד אַ: הויך, אויבען ביי דער וועטער־פאַהן! דאָרט וועט איהר איהם זעהן!

ר אַ ג נ אַ ר: (לאַכט) איהם! יאַ, מען מעג זיך ריכטען!

ה י ל ד אַ: ער וויל גרייכען דעם שפּיץ — אַלזאָ, אויפ'ן שפּיץ זאָלט איהר איהם זעהן.

ר אַ ג נ אַ ר: ער ו ו י ל, אָה יאַ! דאָס גלויב איך שוין. ער ק ע ן עס אָבער איינפאַך ניט. דער קאָפּ וואָלט זיך איהם פערדרעהען נאָך איידער ער וואָלט קומען אויפ'ן העלפט וועג. ער וואָלט מוזען אַרונטערקריכען צוריק אויף אַלע פיער.

ה י ל ד אַ: (ווייזענדיג איבער'ן וועג) איהר זעהט! דער ווערקמייסטער קריכט ארויף אויפ'ן לייטער.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: און דעם קראַנץ, פערשטעהט זיך, מוז ער נאָך אויך טראָגען. אָה, איך האָף, אז ער וועט זיין פאָר־זיכטיג!

ר אַ ג נ אַ ר: (קוקט אַריבער, ניט גלויבענדיג זיינע אויגען און רופט אויס) אָבער דאָס איז דאָך...

ה י ל ד אַ: (יובעלט) דאָס איז דער בוימייסטער אַליין!

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: (שרייט אויס און גרויס שרעק) יאַ,

דאָס איז האַלוואַרד! אַך! דו ליעבער גאָט — ! האַלוואַרד! האַל־וואַרד!

הערדעל: שטיל! שרייט ניט צו איהם!

פרוי סאָלנעס: (האַלב פון זינען) איך מוז געהן צו איהם! איך מוז איהם אַרונטערנעהמען אונטען.

הערדעל: (האַלט זי צו) קיינער זאָל זיך ניט ריהרען! קיין גערויש!

הילדאַ: (אונבעוועגליך, פאָלגט נאָך סאָלנעססען מיט די אויגען) ער קלעטערט און קלעטערט, העכער און העכער! זעהט! נור, זעהט!

ראַגנאַר: (אָהן אַ אָטהעם) איצט מוז ער זיך אומקעהרען. עס איז גאָר ניט מעגליך.

הילדאַ: ער קלעטערט און קלעטערט. באַלד איז ער אויבען.

פרוי סאָלנעס: איך וועל שטאַרבען פון שרעק. איך קען דאָס ניט אַריבערטראָגען!

הערדעל: קוקט־זשע ניט אַהין.

הילדאַ: ער שטעהט שוין אויף די אויבערשטע ברעטער! גאַנץ אויבען!

הערדעל: קיינער זאָל זיך ניט ריהרען! איהר הערט!

הילדאַ: (מיט שטאַרקער פרייד, שטיל אין זיך) ענדליך! ענדליך! איצט זעה איך איהם ווידער גרויס און פריי!

ראַגנאַר: (כמעט אָהן לשון) אָבער דאָס איז דאָך אונ.....

הילדאַ: אַזוי האָב איך איהם געזעהן די גאַנצע צעהן יאָהר. ווי פעסט ער שטעהט! עס איז פון דעסטוועגען שרעקליך שפּאַנענד. זעהט, איצט הענגט ער אויף דעם קראַנץ אויפ'ן שפּיץ טורעם!

ראַגנאַר: עס קומט מיר פאָר, אַזוי ווי איך וואָלט זעהן עטוואָס גאַנץ אונמעגליכעס.

הילדאַ: יאַ, דאָס איז דאָך טאַקע דאָס אונמעג־

ל י כ ע, וואָס ער טוט יעצט! (מיט דעם אונבעשרייבליכען אויסדרוק אין די אויגען) זעהט איהר נאָך אימעצען נעבען איהם?

ר אַ ג נ אַ ר: עס איז דאָרט קיינער ניטאָ.

ה י ל ד אַ: דאָך, דאָרט איז דאָ אימעצער, מיט וועמען ער רעדט זיך איבער.

ר אַ ג נ אַ ר: איהר האָט אַ טעות.

ה י ל ד אַ: און דעם געזאַנג אין דער לופטען הערט איהר אויך ניט?

ר אַ ג נ אַ ר: דאָס מוז זיין דער ווינד צווישען די בוימער.

ה י ל ד אַ: איך הער אַ געזאַנג — אַ שטאַרקען געזאַנג! (זי שרייט אין ווילדען יובעל) זעהט, זעהט! אָט מאַכט ער מיט זיין הוט! אָה, גריסט איהם, גריסט איהם צוריק! עס איז שוין געענדיגט! (זי רייסט אַראָב ביים דאָקטאָר דאָס ווייסע טוך, פאָכט עס אין דער לופטען און שרייט צו סאָלנעסען) עס לעבע דער בוימייסטער סאָלנעס!

ה ע ר ד ע ל: הערט אויף! הערט אויף! אום גאָטעס ווילען —!

(די דאַמען פאָכען מיט די טאַשענטיכלעך. פון גאַס הערט מען הורראַה־געשרייען; פלוצלונג ווערט אַלעס שטיל, און דער גאַנצער עולם ברעכט אויס אין אַ געשריי פון שרעק; פון צווישען די בוימער זעהט מען דייטליך ווי אַ מענשליכער קערפער פאַלט אַרונטער צוזאַמען מיט די ברעטער און שטיק האָלץ.)

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: (און די דאַמען גלייכצייטיג) ער פאַלט! ער פאַלט!

(פרוי סאָלנעס שוואַנקט און פאַלט אָהנמעכטיג ריקווערטס. זי ווערט אונטערגעכאַפּט פון די דאַמען אין דעם אַלגעמיינעם רעש און געפּילדער. דער עולם אויפ׳ן גאַס ברעכט דורך דעם פּאַרקאַן און וואַרפט זיך אַריין אין גאָרטען. דאָקטאָר הערדעל לויפט אַרונטער. אַ קורצע פּאוזע.)

ה י ל ד אַ: (קוקט גלייך אַרויף און זאָגט ווי פערשטיינערט) מ י י ן בוימייסטער.

ראגנאר: (שפּאַרט זיך אָב, ציטערענדיג, אָן פּאַרענצע) ער מוז זיין צושמעטערט אויף שטיקער — טויט אויפ'ן אָרט.

א דאמע: (בשעת מען טראָגט פרוי סאָלנעס אין הויז אַריין) לויפט אַרונטער נאָכ'ן דאָקטאָר —!

ראגנאר: איך קען זיך ניט ריהרען —

א צווייטע דאמע: דאַן רופט אימעצען!

ראגנאר: (פּרובירט אויסרופען) וואָס הערט זיך? ער לעבט?

א שטימע: (אונטען אין גאָרטען) הערר סאָלנעס איז טויט!

אנדערע שטימען: (נעהענטער) דער קאָפּ איג־גאַנצען צושמעטערט — ער איז געפאַלען גלייך אויף די שטיינער.

הילדא: (קעהרט זיך אום צו ראַגנאַרען, שטיל) איצט זעה איך איהם שוין ניט אויבען.

ראגנאר: עס איז שרעקליך. נאָך אַלעמען האָט ער דאָס דאָך ניט געקענט.

הילדא: (ווי בעצויבערט, מיט שטילען טריאומף). אָבער ביז צום שפּיץ איז ער דאָך געקומען! און איך האָב האַרפּען געהערט דאָרט אויבען. (זי פּאָכט אין דער לופטען מיט'ן טוך און שרייט ווילד) מיין — מיין בוימייסטער!

ענדע.